NOT FOR LOAN

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַרישע אויסגאַבע פון יידישן שרייבער-פאַראיין אין מעלבורן

אין נומער באטייליקן זיך:


מ. אייזענבוד

י. אָרבאַך

ש. אשכנזי

שלום גאַרס

י. האָניג

ב. וואַרשאַווסקי

יצחק ווינער

ג. טשאַרנעזאָן - שאַיאַק

ב. עזראָוויטש

א. פשעדבאָרסקי

א. סטוציגסקי

יצחק קאַהאַן

א. קאַרטשעווער

בער י. ראָזען

י. ראַפּאָפּאָרט

י. ריגער

יהודה-הערש שאַיאַק (ש. פאַן)

קלמן שאַרף

י. שפערלינג



מעלבורן

אויסטראַליע

דעצעמבער

1953

# אינהאַלט


* * * — אַריינפיר-וואָרט פון די אַרויסגעבער . . . . . . . . . . . 1
י. האַניג — אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה (זכרונות פון מיין געבורטס-שטאָט ירושלים) . . . . . . . 2
יהודה הערש שאַיאַק (ש. פּאַן) — געאָרג בראַנדעס, דער שרייבער, מענטש און ייד 7
י. ראַפּאָפּאָרט — די טומאה אין דער יראה (וועגן יצחק באַשעוויסעס בוך „די פאַמיליע מושקאַט") . . . . . . . 12
א. פּשעדבאָרסקי — אַ „פּאַרטי" (ליד) . . . . . . . . . 16
י. שפּערלינג — דער תיקון פון אַ ניגון (דערציילונג) . . . . . . . 17
ג. טשאַרנעזאָן-שאַיאַק — בענוועניד אַ (היסטאָרישע דראַמע) . . . . . . . 22
א. פּשעדבאָרסקי — דער פאַרמעסט (דערציילונג) . . . . . . . 28
יצחק ווינער — לידער פון מיין חרובער היים . . . . . . . 31
קלמן שאַרף — אויסטראַלישער פּייזאַזש (ליד) . . . . . . . 31
בער י. ראָזען — דוד הערמאַן (פּאָרטרעט) . . . . . . . 32
ג. טשאַרנעזאָן-שאַיאַק — נאַכט-קאַראַוואַנען (ליד) . . . . . . . 35
מ. אייזענבוד — אָווערמל דער טויבנכאַפּער (פון דער נאָוועלע „יאַטלעך") . . . 36
יצחק קאַהאַן — דער טראַגישער קאָנפליקט צווישן פּינטעלע ייד און פּינטעלע מענטש ביי דער אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ . . . . . . . 38
י. אָרבאַך — דער „גוטער" קאָמענדאַנט (זכרונות) . . . . . . . 41
א. סטוצינסקי — „פאַרמעטן פון פייער" . . . . . . . 43
ש. אשכנזי — מיין שטעטעלע (זכרונות פון מיינע קינדער-יאָרן) . . . . . . . 49
שלום גאַרס — כ'וויל ווערן אַ שרייבער (הומאָרעסקע) . . . . . . . 49
י. ריגער — ליטעראַרישע נאָטיצן: עס פעלט טאַקע דער דזשאָנגל; שוין צו פּשוט... 52
כראָניק . . . . . . . . . . . . . 54
אָפּקלאַנגען: חסידות — י. בנימין . . . . . . . 55
ב. וואַרשאַווסקי — „אויסטראַליאַנאַ" (וואַריאַציעס אויף דער טעמע: אַסימילאַציע) . 56
ב. עזראָוויטש — ביבליאָגראַפישע נאָטיצן . . . . . . . 59
א. קאַרטשעווער — פאַרברעכן און שטראָף (קליינער פעליעטאָן) . . . . . . . 59
נאָטיצן: ייִדיש...; לאַנדסמאַנשאַפטן — אָן אידיי?; אויטאָריטעטן-קאָמפּלעקס — א. מ.; לית דין ולית דיין — אַ גראָדנער . . . . . . . 63
דער יידישער שרייבער-פאַראיין אין מעלבורן . . . . . . . 64



דער אַדרעס פון יידישן שרייבער-פאַראיין און „מעלבורנער בלעטער" איז:
**JEWISH WRITERS' UNION**
c/o A. Predborski, 2011a Malvern Road, East Malvern, Melbourne, Australia

צוגאָב באַשטייערונגען פאַר „מעלבורנער בלעטער", וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון דער רשימה: י. ראַפּאָפּאָרט 5 פ.; א. בולווא 1 פ.

Printed by Excelsior Printing Works, 634 Burwood Rd., Hawthorn East, for the publisher G. Shaiak, 364 Beaconsfield Parade, St. Kilda.


# מעלבורנער בלעטער

## ליטעראַרישע אויסגאַבע פון יידישן שרייבער-פאַראיין אין מעלבורן


מעלבורן, אויסטראַליע ● דעצעמבער, 1953 — תשי"ד


* * *

מיר קומען צום יידישן לייענער און צו דער יידישער געזעלשאַפט פון אויסטראַליע, ווי אויך צו דער יידישער וועלט מחוץ די גרענעצן פון דאָזיקן ווייטן לאַנד, מיט אַ ליטעראַרישער אויסגאַבע.

די מאָס, מיט וועלכער מען שאַצט דעם קולטור-מצב פון אַ פאָלק אָדער ישוב אין מאָדערנע טערמינען איז, בקיצור, דער פאַרנעם און די הויך פון זיין צושטייער צום גייסטיקן שאַפן, צו די מענטשלעכע קולטור-ווערטן.

מיר יידן האָבן שטענדיק אָפּגעשאַצט די חשיבות פון אַ קהילה לויט דער הויך פון איר גייסטיק-מאָראַלישער מדרגה, לויט דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון אירע לערן-אַנשטאַלטן, פּרעסע, ספרים, ליטעראַרישע אויסגאַבעס — און דער עיקר — לויט איר נאַציאָנאַל-קולטורעלן באַוואוסטזיין; נישט ווייניקער אויך לויט דער וואַכזאַמקייט און אופן פון רעאַגירן אויף ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן קיום בכלל.

האַבנדיק אין אויג די אויבן אויסגערעכנטע סימנים, קומט אויף די פראַגע: וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער אויסטראַלישער יידישער ישוב?

צווישן דער יידישער צעשפּרייטקייט ווערט אונדזער קיבוץ פאַררעכנט פאַר אַ זאַטן און געבענטשטן מיט שפע און וואוילשטאַנד. און אויב צוליב די דאָזיקע טעמים קוקט מען צו אונדז אַריבער פון מרחקים מיט אייפערזיכטיקע אויגן, איז אָבער נישטאָ אונדז וואָס מקנא צו זיין אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער וואַרעמקייט, יידישער קולטור-שאַפונג — ענינים, וועגן וועלכע מ'קען נישט רעדן מיט פּאָזיטיווע טערמינען. ווייל דאָס לעבן פון אונדזער ישוב קלאַפּט נישט פולבלוטיק און איז היפּש הינטערשטעליק לגבי קלענערע און אָרעמערע יידישע ישובים אין דער וועלט.

מיר דאַרפן זיך נישט שעמען און אויסזאָגן דעם אמת: יידיש אויסטראַליע האָט נישט קיין גרויס מזל צו קולטור-אַרבעט און געהערט צו די ישובים פון מאָגן-זאַטקייט, פאַררוישט און פאַרשיכורט פון קאָרטן- און קאָקטייל-לופט, וואו אַרום הערשט ביטול, אינדיפערענטיזם צו די וואָס גייען עקשנותדיק אין שפּאַן פון יידישער קולטור- און דערציאונגס-אַרבעט. אויסטראַליע איז אפשר דער איינציקער יידישער ישוב, וואָס האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין איין יידישן קולטור-מעצענאַט.

אפילו דער ניי-געקומענער, דער על-פּי-נס געראַטעוועטער יידיש-יידישער ייד, וועלכער איז אַלע יאָרן געווען פאַרבונדן מיט אַ יידישער סביבה, מיטן לעבעדיקן יידישן וואָרט — אפילו ער אַקלימאַטיזירט זיך אייליק און אָטעמט שוין אַ היפּש ביסל מיט דער זעלביקער קאָקטייל-לופט.

ס'איז אויך פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז די מערכה פון דער היגער יידישער וואָכן-פּרעסע איז ווייט נישט קיין צופרידנשטעלנדיקע; אַז זי דערפילט נישט אירע אויפגאַבן. אויף אַ טייל פון אירע שפּאַלטן קומט זעלטן צום אויסדרוק דאָס אומאָפּהענגיקע, קריטישע, יידישע וואָרט, און אָנשטאָט דעם ווערן זיי אויסגעפילט מיט מה-יפית-געזאַנגען פאַר דעם און יענעם, אָדער אומפּאַראַנטוואָרטלעכע זידלערייען און אָנפאַלן.

דעריבער טאַקע, גלויבן מיר, איז שוין דער עצם פאַקט פונם דערשיינען פון די „מעלבורנער בלעטער" אַ דערגרייכונג פאַרן היגן יידישן ישוב, וועלכער איז מכמה יאָרן פאַרשוויגן און אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער מאַפּע פון יידיש-ליטעראַרישער קולטור-שאַפונג.

און נישט נאָר דאָס. מיטן אַרויסגעבן די „מעלבורנער בלעטער" זענען מיר, אַ גרופּע יידישע שרייבערס, אויך אויסן צו ברענגען צום אויסדרוק אונדזער שטאַרקן ווילן צו קומען צום וואָרט. דער ווילן אונדזערער איז דורך און דורך אַ נאַטירלעכער.

מיר זענען דאָ קליין אין צאָל און — צו וואָס לייקענען? — שוואַך אין כוחות. מיר מאַכן זיך נישט קיין אילוזיעס און מיר ווילן זיי נישט אַרויסרופן ביי אַנדערע. ביי אונדזערע ליטעראַרישע און מאַטעריעלע כוחות, אין די היגע באַדינגונגען, קאָנען מיר נישט האָפן צו זאָגן אַלץ, וואָס מיר האָבן צו זאָגן און וואָס וואָלט געדאַרפט געזאָגט ווערן. אָבער ווי אָרעם אונדזער וואָרט זאָל נישט זיין, זענען מיר עס שולדיק קודם-כל זיך גופא. דאָס איז אַ באַרעכטיקטער פאַרלאַנג אויסצופּרובירן אונדזער וואָרט-אינסטרומענט, איבערצייגן זיך גופא, אַז מיר לעבן נאָך. דאָס דאָזיקע וואָרט, ווי אַנעמיש עס זאָל נישט אַרויסקומען, זענען מיר שולדיק זיך גופא, אי אַלס פּסיכאָלאָגישע איינשפּריצונג, אי אַלס סימבאָלישן גראָשן.

אויב דער דאָזיקער סימבאָלישער גראָשן וועט אַנדערע אויך עפּעס געבן, וועלן מיר זיין גאָר צופרידן; אָבער קודם-כל איז די איצטיקע אויסגאַבע אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט, אין אַ גרעסערער מאָס ווי דאָס איז תמיד דאָס עכטע געדרוקטע וואָרט.

געדענקט איר היינריך היינעס געדיכט וועגן קינד, וואָס זינגט אין דער פינצטער, כדי צו פאַרטרייבן די שרעק?

* * *

אוודאי וואָלטן מיר געוואָלט, אַז די „מעלבורנער בלעטער" זאָלן ווערן אַ פּערמאַנענטע ליטעראַרישע אויסגאַבע פון אונדזער ישוב, אָבער דאָס איז שוין נישט אָפּהענגיק פון אונדזער גוטן ווילן.

עס וואָלט אויך צופיל אָרט פאַרנומען איבערצוגעבן די חבלי-לידה פון דער אויסגאַבע, וועמענס בראשית ציט זיך שוין קרוב צוויי יאָר און באַשטייט פון איין לאַנגער קייט פון אומגעהויערע שוועריקייטן.

עס בלייבט איבער פאַר דעם ליבהאָבער פון יידישן קינסטלערישן וואָרט צו שאַפן די אַטמאָספער און מיטלען פאַר אַ שטענדיקער טריבונע, וואו דער יידישער שרייבער פון אונדזער ישוב זאָל געפינען די מעגלעכקייט זיך פריי אויסצולעבן און פאַרבינדן זיין שעפערישקייט מיטן יידישן לעבן פון אונדזער יונגן ישוב אין אויסטראַליע.

געהיימניספולע טיפן, ווי האַמסונס נאַגעל, און איך האָב געוואָלט קענען לערנען דעם הינטערגרונט פון דער טיפער נשמה פון אָט די מענטשן, וואָס די סקאַנדינאַווישע שריפטשטעלער האָבן זי אין אַזאַ הערלעכער פאָרם פאַרקערפּערט אין זייערע ווערק.

איך האָב אויך געוואָלט וויסן, וואו נעמט אַזאַ מענטש ווי געאָרג בראַנדעס אַזוי פיל וויסן און טיפן דענקען צו שאַפן אַזעלכע ווערק, ווי: „פרידריך ניטשע", „ליטעראַרישע שטרעמונגען אין 19־טן יאָרהונדערט", „געטהע", „היינריך היינע", „לאַסאַל", „דיזראַעלי", „יוליוס צעזאַר" און נאָך און נאָך מאָנומענטאַלע ווערק.

אָט זיצט אַן אַלטער געלערנטער אין אַ זייטיקן ווינקל פון אייראָפּע און יעדעס ווערק, וואָס ער פאַרעפנטלעכט, מאַכט דעם גרעסטן רושם אין דער גאַנצער ליטעראַטור־וועלט. עס האָט זיך מיר געוואָלט וויסן, ווי קומט עס, וואָס אַ ייד מיטן נאָמען משה קאָהן, וועלכן די וועלט קען אַלס געאָרג בראַנדעס, און וועלכער איז געבוירן און דערצויגן אין דענעמאַרק, קען שאַפן אַ ווערק וועגן אַנאַטאָל פראַנס און באַווייזן, אַז ער קען און פאַרשטייט בעסער דעם גרויסן פראַנצויזישן שריפטשטעלער ווי די פראַנצויזן, אַז ער קען בעסער שעקספּירן ווי די ענגלענדער, און ווייס מער וועגן געטהען ווי די דייטשן...

יאָ, איך האָב זיך ממש געריסן צו לעבן אין אָט די לענדער, וואו עס האָבן געלעבט און געשאַפן אַזעלכע גרויסע גייסטער. און כאָטש די רייזע פון ענגלאַנד קיין נאָרוועגיע איז דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר, און מיין אַלטע מוטער האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן פאַר עגמת־נפש, ווייל „אַ מענטש שטעלט נישט איין זיין לעבן פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן ווי שרייבן פאַר צייטונגען", האָב איך מיך דאָך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון דערפילן מיין שטאַרקן פאַרלאַנג.

ווען איך קוק איצט צוריק אויף די פינף יאָר צייט, וואָס איך האָב געלעבט אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, גלויב איך אַז זיי זענען געווען די גליקלעכסטע צייט פון מיין לעבן. נישט דערפאַר, וואָס עס איז מיר דאָרט אַזוי גוט געגאַנגען, חלילה... די ערשטע פּאָר יאָר איז מיר גאָר נישט אַזוי גוט געגאַנגען. אָבער מיינע זכרונות פון יענער צייט זענען פאַרבונדן מיט אַ ציל צו שאַפן עפּעס, מיט אַ שטרעבונג צו לערנען און עפּעס אויפצובויען.

☆

נאָך איצט איז ביי מיר פאַרבליבן אין מיין זכרון דער איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט די נאָרוועגישע הויפּט־שטאָט קריסטיאַניאַ, וועלכע האָט שפּעטער איינגעטוישט דעם נאָמען אויף אָסלאָ (ביי מיר הייסט זי תמיד נאָך די „הונגער"־שטאָט), וואָס איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך זי מיר אַנדערש פאַרגעשטעלט.

אין דער ווירקלעכקייט איז עס אַ שטאָט אַזוי ווי אַלע אַנדערע שטעט אין אייראָפּע, מיט שיינע לאַנגע גאַסן, מיט אַ סך מענטשן, וואָס לויפן אין אַלע ריכטונגען. באַלד געפין איך מיך אין דער „קאַרל יאָהאַן גאַדע", די גאַס אין וועלכער האַמסון האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט. אַ גאַס ווי אַלע אַנדערע, אַ ביסל שענער ווי אַנדערע גאַסן אין קריסטיאַניאַ, ווייל דאָ געפינען זיך די היסטאָרישע מאָנומענטן, דער פּאַרלאַמענט, דער קעניגלעכער שלאָס. אָט דאָס איז האַמסונס „הונגער"־שטאָט, פול מיט פינצטערע זכרונות...

האַלב אין דייטש און האַלב אין ענגליש, און מיט אַן אַדרעס אין דער האַנט, האָט מיך אַ טאַקסי געבראַכט צו דער וואוינונג פון מיין פריינד, דעם באַקאַנטן יידישן מאָלער און סקולפּטאָר ל. בערסאָן.

לאַנג האָב איך מיך אין קריסטיאַניאַ נישט אויפגעהאַלטן, ווייל מיין מאַנדאַט איז געווען אויסגעשטעלט אויף קאָפּענהאַגען, די הויפּט־שטאָט פון דענעמאַרק.

אין קאָפּענהאַגען איז מיר שוין געגאַנגען אַ סך לייכטער. דאָ האָבן דעמאָלט געלעבט דער יידישער דיכטער ד"ר ברענדער און זיין ברודער, דער באַקאַנטער יידיש־רוסישער זשורנאַליסט וולאַדימיר גראָסמאַן, און שפּעטער איז אויך אַהערגעקומען זיין ברודער, דער באַקאַנטער רעוויזיאָניסטישער טוער, מאיר גראָסמאַן.

אין קאָפּענהאַגען האָט זיך דעמאָלט געפונען דאָס „נייטראַלע" ציוניסטישע ביוראָ אונטער דער לייטונג פון טיאָמקין און זיינע צוויי מיטאַרבעטער: ד"ר ש. בערנשטיין, אַלס רוסישער פאָרשטייער, און ד"ר ראָזענבליט, אַלס דייטשער פאָרשטייער. אין משך פון אייניקע חדשים האָב איך מיך אָנגעהויבן פילן אַ ביסל מער היימיש. מיט דער צייט האָט זיך דאָ געשאַפן אַ קולטורעלער יידישער צענטער. וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי איז דאָ געווען אַן אָפטער גאַסט, און באַקאַנטע ציוניסטישע טוער פון ענגלאַנד און רוסלאַנד זענען כסדר געקומען און געגאַנגען, און פון צייט צו צייט זענען זיי אויך עפנטלעך אויפגעטרעטן.

צוויי יאָר נאָך מיין אָנקומען קיין קאָפּענהאַגען, האָב איך שוין אַרויסגעגעבן ליטעראַרישע זאַמלביכער און זשורנאַלן. איך ווייס נאָך ביז היינט נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען; אָבער נאָך דריי יאָר לעבן אין קאָפּענהאַגען, האָב איך אָנגעהויבן שרייבן דעניש. מיין ערשטער אַרטיקל איז געווען איבער י. ל. פּרץ, און ער איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער באַקאַנטער דענישער ליטעראַרישער וואָכנשריפט "HVER 8 DAG" (יעדע 8 טאָג), וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פון דענעמאַרקס טאַלענטירטסטן שריפטשטעלער, הערמאַן באַנג.

דאָס אַלץ איז אָבער נישט געווען מיין הויפּט־ציל. מיינע זשורנאַליסטישע אַרבעטן פאַר יידישע צייטונגען אין אַמעריקע, קאַנאַדע און ענגלאַנד זענען נאָר געווען אַ מיטל צום ציל. מיין הויפּט־שטרעבונג איז געווען צו לערנען די סקאַנדינאַווישן שפּראַכן. דער האָנאָראַר פון יידישע צייטונגען איז קיינמאָל נישט געווען צו גרויס... מיין עקאָנאָמישע לאַגע איז דערפאַר נישט געווען אַזוי גלענצנד... שפּעטער האָב איך אויך גענומען שיקן ידיעות און קורצע אינטערוויוען צו אַן ענגלישער פּרעסע־אַגענטור און פאַר די האָב איך באַקומען אַ בעסערן האָנאָראַר ווי פאַר צען לאַנגע אַרטיקלען אין יידיש.

פאַר יעדן גראָשן, וואָס איך האָב נאָר געקענט אָפּשפּאָרן, האָב איך מיר איינגעקויפט די ווערק פון די גרויסע סקאַנדינאַווישע שריפטשטעלער. נאָך דריי יאָר שווערער אַרבעט, האָב איך געפילט, אַז נישט נאָר האָב איך געקענט די סקאַנדינאַווישע שפּראַכן, דער עיקר דעניש און נאָרוועגיש, נאָר איך האָב קענען געלערנט די נשמה פון די דריי הויך־קולטורעלע לענדער און זייערע שריפטשטעלער.

☆

מיין ערשטער באַגער אין קאָפּענהאַגען איז געווען צו באַזוכן דעם וועלט־באַרימטן קריטיקער געאָרג בראַנדעס, אָדער ווי זיין יידישער נאָמען איז — משה קאָהן.

איך האָב בראַנדעסן צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין לאָנדאָן אין יאָר 1914. ער איז דעמאָלט אַריבערגעקומען אויף דער איינלאַדונג פון אַ ענגליש־ליטעראַרישער געזעלשאַפט צו האַלטן אַ ריי רעפעראַטן איבער... שעקספּירן. נאָך זיין ערשטן פאָרטראַג אין קעקסטאָן האָל, איז מיר געלונגען זיך מיט אים צו באַקענען.

אַלס יונגער שריפטשטעלער, האָב איך געקוקט אויף בראַנדעסן ווי אויף אַ גאָט... ווען איך האָב געזען דעם געפּאַקטן זאַל מיט מענטשן, מייסטנס אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן, ליטעראַטור־קריטיקער און אַזעלכע שריפטשטעלער, ווי: בערנאַרד שאָו, גאָלסוואָרטי, טשעסטערטאָן און אַ סך אַנדערע, און געהערט די רוישנדיקע אָוואַציעס, וואָס דער עולם האָט אים געמאַכט נאָכן פאָרטראַג, איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ מורא און איך האָב מיר גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, וואו איך וועל נעמען דעם מוט זיך צו אים צו ווענדן וועגן אַן אינטערוויו.

די אַמביציע, — אָדער מען קען עס אויך אָנרופן חוצפה — פון אַ יונגן זשורנאַליסט, האָט קיין שום גרענעץ נישט... איך האָב מיך דורכגעשטופּט און דורכגעדריקט מיט אַ סך אַנדערע מענטשן צום צימער הינטער דער בינע, און ביז היינט צו טאָג ווייס איך נישט, וואו עס האָט זיך ביי מיר גענומען דער מוט אים צו בעטן מיר צו געבן אַן אינטערוויו פאַר דער יידישער פּרעסע.

אַן אייגנאַרטיקער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט האָט מיר זייער שטאַרק געהאָלפן. בראַנדעס האָט תמיד אָפּגעלייקנט, אַז ער איז אַ ייד, און געשריגן, אַז ער איז אַן אַטעאיסט. אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב אים געבעטן מיר צו געבן אַן אינטערוויו פאַר דער יידישער פּרעסע, האָב איך געזען זיין פאַרלעגנהייט, ווייל נעבן אים זענען נאָך אַרומגעשטאַנען אַ פּאָר אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן.

„מיי דיר יאַנג פעלאָ", האָט דער אַלטער געלערנטער געזאָגט אין אַ פיינעם





ענגליש און מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל אויף זיינע ליפּן: „אין פּרינציפּ גיב איך קיינעם נישט קיין אינטערוויוען; איך בין נישט קיין פּאָליטיקער, איך בין אַ קריטיקער און שריפטשטעלער און וואָס איך האָב צו זאָגן דער וועלט, שרייב איך עס אָן אויפן פּאַפּיר; אויב די פּרעסע (דאָס וואָרט „יידישע" האָט ער דערביי אַרויסגעוואָרפן פון זאַץ) וויל וויסן, וואָס איך האָב צו זאָגן, זאָל זי לייענען וואָס איך שרייב..."

איך געדענק שוין נישט, וואָס איך האָב דעמאָלט געשטאַמלט, און דער אַלטער געלערנטער האָט זייער גוט געזען מיין פאַרלעגנהייט, און אָפּנים אַז זיין הומאַניסטיש געפיל האָט אים נישט דערלויבט צו פאַרשאַפן אַזוי פיל שפיכת דמים אַ יונגן מענטשן, האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן: „אויב איר ווילט זיך אַ ביסל מיט מיר דורכשמועסן, קומט מאָרגן צוויי אַזייגער אין מיין האָטעל, וועלן מיר טרינקען אַ גלעזל טיי און געמיטלעך אַ ביסל שמועסן..."

צומאָרגנס האָב איך מיין אינטערוויו באַקומען. אמת עס איז נישט געווען קיין אינטערוויו ווי די זשורנאַליסטישע פאָרם פאַרלאַנגט. ווי שוין געזאָגט האָט בראַנדעס געהאַסט דאָס וואָרט „אינטערוויו" און עס תמיד גערופן אַ „שמועס" און שמועסן האָט ער גערן געהאַט. ביי מיר אָבער האָט דער אַזוי גערופענער אינטערוויו איבערגעלאָזט אַ ביטערן געשמאַק אין מויל, ווייל בראַנדעס האָט דעמאָלט נישט אויפגעהערט צו אַטאַקירן די יידישע פּרעסע פאַר „אירע ליגנערישע באַהויפּטונגען און פאַרלוימדונגען"...

איצט, אין קאָפּענהאַגען, האָב איך מיך ווידער אַמאָל געפונען אין דער זעלבער פאַרלעגנהייט, ווי מיט אייניקע יאָר צוריק, בעת איך בין געשטאַנען הינטער דער בינע אין קעקסטאָן האָל אין לאָנדאָן.

אָבער צו זיין אין קאָפּענהאַגען אַלס שליח פון יידישע צייטונגען און נישט האָבן קיין אינטערוויו מיט בראַנדעסן, וואָלט פאַר מיר געווען די גרעסטע זשורנאַליסטישע מפּלה... פאַר מיר איז אָבער אויך קלאָר געווען, אַז איך וועל מוזן לעבן אין קאָפּענהאַגען אַ פּאָר יאָר צייט, און ווייסנדיק וואָס פאַר אַן איינפלוס בראַנדעס האָט אויף דעם גייסטיקן לעבן אין דענעמאַרק, מוז איך אונטער אַלע אומשטענדן פאַרמיידן אַ קאָנפליקט מיט דעם אַלטן יידישן געלערנטן, און טאָר אים נישט פּראָוואָצירן...

האָב איך גענומען מאַכן פּלענער, ווי אַזוי צו באַקומען אַן אינטערוויו און אין דער זעלבער צייט נישט רייצן די געפילן פון דעם קאַפּריזנעם און עמפּינדלעכן פּראָפעסאָר.

צוערשט האָב איך מיך געווענדעט צו די פירער פון ציוניסטישן ביוראָ אין קאָפּענהאַגען. איך האָב זיי דערקלערט מיינע פּלענער און אויך דערציילט וועגן מיין באַגעגעניש מיט בראַנדעסן אין לאָנדאָן. ד"ר בערנשטיין האָט מיר דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין שום באַציאונגען מיט ג. בראַנדעסן. ד"ר ראָזענבליט האָט דערקלערט, אַז ער ווייס דאָס בראַנדעס גיט קיינעם נישט קיין אינטערוויוען און איך זאָל מיר דאָס בעסער אַרויסשלאָגן פון קאָפּ... בפרט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן אינטערוויו פאַר יידישע צייטונגען. איך האָב דעמאָלט גוט געוואוסט, אַז ד"ר ראָזענבליט איז געווען אין גוטע באַציאונגען מיט בראַנדעסן, איך האָב אָבער גוט געוואוסט ד"ר ראָזענבליטס שטעלונג צו דער יידישער פּרעסע...

ד"ר ברענדער, דער יונגער יידישער דיכטער פון גאַליציע, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט אין קאָפּענ־




פאַקסימיליע פון געאָרג בראַנדעסעס אַ בריוו צום מחבר אין יאָר 1918

האגען, האט מיר אויפריכטיק דערקלערט, אז ער קען בראנדעסן נאר פון די בילדער און ארטיקלען אין דער דענישער פרעסע.

מיין לעצטע האפענונג איז געווען פראפעסאר סימאנסען, א גרויסער דעניש־יידישער געלערנטער און אויך הויפט־ראבינער פון דער יידישער קהילה. אבער אויך פראפעסאר סימאנסען האט מיר דעם מוט אוועקגענומען און אנגעוויזן, אז בראנדעס איז לעצטנס זייער פארביטערט איבער די אטאקעס אויף אים אין דער יידישער פרעסע.

בין איך געקומען אויף א נייער אידיי: איך האב געשריבן אן ארטיקל וועגן בראנדעסעס באציאונגען צו דער יידישער פרעסע און אויסגענוצט א ביסל מאטעריאל פון מיין „שמועס" מיט אים אין לאנדאן. ווען די צייטונגען וואו דער ארטיקל איז געווען געדרוקט אין ניו־יארק און אין קאנאדע, זענען אנגעקומען קיין קאפענהאגען, האב איך זיי צוגעשיקט בראנדעסן מיט א בריוול, אז איך וואלט אים געווען זייער דאנקבאר, ווען ער וואלט מיר דערלויבט זיך מיט אים „דורכצושמועסן" וועגן די פראגן וועלכע איך האב באהאנדלט אין דעם ארטיקל.

דער גרויסער פיש האט אראפגעשלונגען דעם האטשיק...

מיט א פאר טעג שפעטער האב איך פון אים דערהאלטן א בריוו מיט א לאנגער דערקלערונג וועגן יידן, יידנטום און אטעאיזם... צום שלוס האט בראנדעס דערקלערט, אז אזוי ווי איך בין אין קאפענהאגען, זאל איך אים באזוכן און מיר וועלן זיך וועגן דעם „דורכשמועסן"...

בראנדעס האט מיך זייער פריינטלעך באגריסט, ווען איך האב אים צום ערשטן מאל באזוכט אין זיין קאפענהאגענער היים. זיין סעקרעטארין האט אונדז געבראכט טיי און מיר האבן זיך אונטערהאלטן איבער לאנדאן און זיינע רעפעראטן, וועגן מיין אויפגאבע אין קאפענהאגען, ביז מיר זענען געקומען צו דער תמיד דעליקאטער פראגע פון יידן און יידנטום.

עס איז זייער שווער צו דערציילן, וואס איך האב דעמאלט געפילט. אט זיץ איך, א יונגער יידישער זשורנאליסט, קעגנאיבער דעם וועלט־בארימטן קריטיקער געארג בראנדעס, טרינק מיט אים א טעפל טיי און שמועס מיט אים, ווי איך וואלט געווען זיינס גליכן, איבער פאליטיק, ליטעראטור, זיין פארטראגס־טור אין ענגלאנד, און צום סוף — וועגן יידן און יידנטום...

בראנדעס איז שוין דעמאלט געווען א זקן פון איבער זיבעציק, מיט א זילבערנעם קאפ האר, פון וועלכן ס'האבן ארויסגעשטראלט צוויי פייערדיקע אויגן, וועלכע האבן פארמאגט א מאגנעטישן כוח. שוין ביי מיין ערשטער באגעגעניש מיט אים, אין לאנדאן, האב איך געפילט, אז דער גרויסער יידישער געלערנטער און וועלט־בארימטער קריטיקער באשטייט פון א גאנצער ריי פאראדאקסן... אט איז ער פריינטלעך און א מינוט שפעטער — שפרינגט ער אויף און שרייט... אט האסט ער אינטערוויוען און טראץ דעם לאדט ער איין א זשורנאליסט זיך מיט אים „דורכצושמועסן"... ער ווייסט, אז זיין נאמען איז משה קאהן און שרייט, אז ער איז נישט קיין ייד...

אט זיץ איך קעגנאיבער דעם גרויסן ליטעראטור־גאון און איך שלינג יעדעס ווארט, וואס קומט ארויס פון זיין מויל. ער רעדט לאנגזאם, געלאסן, ווײלט זיינע ווערטער און פורעמט זיינע זאצן ווי דער פיינסטער סטיליסט, ביז... מיר קומען צו דער יידן־פראגע.

אין דעם מאמענט ווערט בראנדעס פארוואנדלט אין א צארנדיקן טיגער און שרייט אויפן קול: „איך וויל איר זאלט איינמאל פאר אלעמאל פארשטיין, אז איך בין נישט קיין ייד..." ער בלייבט א ווײלע שטיל און שרייט ווייטער: „איך בין נישט קיין ייד, איך בין נישט קיין גוי... איך גיי נישט אין דער סינאגאגע און גיי אויך נישט אין דער קירכע... ביי מיר זענען אלע מענטשן גלייך... איך גלויב אין אוניווערסאליזם..."

איך ווייס נישט וואו עס האט זיך ביי מיר גענומען דער מוט, אבער איידער איך האב נאך געהאט צייט איבערצולייגן זיך וואס איך זאג, זענען די ווערטער שוין ארויס פון מיין מויל:

— אבער ה' פראפעסאר, איך קען דאך נישט פארלייקענען, אז אייער נאמען איז מארים קאהן?...

— רופט מיך נישט ה' פראפעסאר — האט ער אויסגעשריגן. — דאס איז א טיטול וואס די חמורים פון דער אוניווערזיטעט האבן מיר „אנגעהאנגען"... דעם טיטול דאקטאר האב איך מיר פארדינט מיט מיינע ארבעטן, אבער דעם טיטול „פראפעסאר" האט מען מיר געגעבן אויס מורא...

ער איז אויפגעשטאנען פון זיין טיפן פאטעל און גענומען ארומשפאצירן איבערן צימער און כסדר דורכגעפירט זיינע הענט איבער זיין גרויסן קאפ האר.

איך בין אויך געווארן נערוועז פון דער געשפאנטער שטימונג, וואס האט געהערשט אין זיין קאבינעט, און איך בין אויך אויפגעשטאנען.

— אנטשולדיקט, וואס איך האב אייך גערופן פראפעסאר — האט זיך ביי מיר ארויסגעריסן.

בראנדעס האט פלוצים דערוואכט ווי פון א חלום.

— בלייבט זיצן, טרינקט נאך א טעפל טיי — האט ער מיט א געמאכטן שמייכל געזאגט, און מיט דער האנט מיר אנגעוויזן אויפן פאטעל, פון וועלכן איך בין ערשט געהאט אויפגעשטאנען.

ווען איך האב מיך צוריק אוועקגעזעצט האט ער ווייטער גענומען רעדן, און איך האב געפילט, ווי עס קומט ביי אים פאר אן אינערלעכער קאמף.

„איך ווייס נישט וואס די יידן ווילן פון מיר... ווען עס זענען פארגעקומען פאגראמען אויף יידן אין רוסלאנד און אין פוילן, בין איך ארויסגעטרעטן מיט א שארפן פראטעסט צו דער וועלט... איך האב פארדאמט דאס אויסשעכטן יידן, ווי איך האב פארדאמט דאס אויסשעכטן ארמענער... פאר מיר זענען אלע מענטשן גלייך... עס פארשטייט זיך, אז איך בין געבוירן א ייד, און איר האט רעכט אז מיין נאמען איז מארים קאהן... דאס אלץ ווייס איך... איך בין אבער אן אטעאיסט, א זאך וואס די וועלט וויל נישט פארשטיין, נישט די יידן און נישט די קריסטן... איך ווייס אויך, אז מען האסט מיך דערפאר... מיינע אייגענע דענער האסן מיך אויך..."

זיין בלוט האט אין אים געקאכט און זיינע אויגן האבן געשפריצט מיט פייער און אין גרויס אויפרעגונג האט ער ווייטער גערעדט:

„שרייב איך א בוך וועגן א דענישן שריפטשטעלער און מאך אים וועלט־בארימט, בין איך דער וועלט־בארימטער ה' פראפעסאר ד"ר געארג בראנדעס... — און ער האט סארקאסטיש באטאנט דאס ווארט ,ה' פראפעסאר' — קריטיקיר איך איינעם פון אונדזערע שריפטשטעלער, ווער איך אטאקירט פון אלע זייטן און דעמאלט רופן זיי מיך מארים קאהען..."

גאנצע צוויי שעה בין איך געזעסן אינם הויז פון געארג בראנדעס און די גאנצע צייט האט ער נישט אויפגעהערט ארויסצווייזן זיין פארביטערטקייט איבער די אטאקעס אויף אים אלס ייד.

ווען דער אלטער געלערנטער האט מיך צוגעפירט צו דער טיר און מיר געדריקט די האנט און געדאנקט פארן באזוך, האט ער געזאגט:

„אזוי ווי איר לעבט איצט אין קאפענהאגען, קומט ווידער אמאל ארויס מיך באזוכן. זאלט איר נויטיק האבן רעקאמענדאציעס צו עמיצן — לאזט מיר וויסן און איך וועל אייך גערן העלפן..."

---

פארשטייט זיך, אז איך האב דעם לאנגן שמועס מיט בראנדעסן פארעפנטלעכט אין דער יידישער פרעסע, און איך האב דעם ארטיקל געזען איבערגעדרוקט אין א סך יידישע צייטונגען.

אין קאפענהאגען האט דעמאלט געלעבט נאך א יידישער זשורנאליסט, וועלכער האט געשריבן פאר א צווייטער יידישער צייטונג. אט דער בחור, ווען ער האט געזען מיין ארטיקל איבער בראנדעסן, האט ער אים איבערגעזעצט און אים צוגעשיקט צו בראנדעסן און געפרעגט, אויב עס איז אמת, אז ער האט מיר געגעבן אן אינטערוויו.

אויפן צווייטן טאג האט מיין קאנקורענט דערהאלטן א בריוו פון בראנדעסן אין וועלכן ער האט דערקלערט, אז ער האט קיינעם קיין אינטערוויו נישט געגעבן, ווייל „אין פרינציפ גיב איך נישט קיין אינטערוויוען..."

מיר האט בראנדעס געשריבן א פארמאכטע פאסט־קארטע, אז איך זאל גלייך צו אים ארויסקומען אין א זייער וויכטיקן ענין.

גלייך ווי זיין דינסט־מיידל האט געעפנט די טיר און מיך אריינגעפירט אין



זיין קאבינעט, איז בראנדעס אויפגעשפרונגען פון זיין שרייב־טיש, מיך באגריסט, און מיט אן אויפגערעגטער שטימע גענומען שרייען, ווי איך האב זיך דערוועגט צו פארעפנטלעכן א פריוואטן שמועס מיט אים, און וואס פאר א רעכט האב איך אים צו קריטיקירן וועגן זיין שטעלונג צום יידנטום און זיינע אטעאיסטישע אנשויאונגען.

מיר איז דאס בלוט געקומען אין קאפ און איך האב נישט געוואוסט וואו איך זאל מיינע אויגן אהינטאן. ווען איך בין א ביסל געקומען צו זיך, האב איך מיך גענומען פארטיידיקן, אז איך האב מיין שמועס מיט אים פארעפנטלעכט נישט אין דער פארם פון אן אינטערוויו, נאר אין דער פארם פון אן ארטיקל, מיט אן אונטער־טיטול: „פון א געשפרעך מיט געארג בראנדעס"...

עס האט מיר וויניק וואס געהאלפן. בראנדעס האט נישט אויפגעהערט זיך אויפצורעגן און שרייען, אז ער ווייסט נישט פארוואס ער ווערט תמיד אטאקירט פון דער יידישער פרעסע.

ווען זיין ערשטער כעס איז אריבער, האב איך אים דערקלערט, אז ער מוז פארשטיין מיין אמביציע אלס יונגער זשורנאליסט. אט געפין איך מיך אין דער זעלבער שטאט וואו עס לעבט דער וועלט־בארימטער קריטיקער און געלערנטער געארג בראנדעס, וועגן וועלכן די וועלט וויל וויסן וואס פאר א מענטש ער איז, ווי אזוי ער לעבט, ווי אזוי ער שאפט... דאס איז אן ארויספאדערונג, וואס יעדער זשורנאליסט מוז זי אננעמען, האב איך עס באשריבן... „דער בעסטער באווייז ווי אזוי די יידן אין אלע וועלט־טיילן ווילן וויסן וועגן אייך איז דאס, וואס מיין ארטיקל איז געווען איבערגעדרוקט אין אכט יידישע צייטונגען".

א איראנישער שמייכל האט זיך באוויזן אויף בראנדעסעס ליפן. ערשט איצט האט ער דערזען, אז איך שטיי נאך נעבן זיין שרייב־טיש, האט ער זיך אנטשולדיקט און מיך געבעטן זיך אנידערזעצן.

ווען איך בין שפעטער ארויס פון זיין הויז, האט זיך מיר דער קאפ געדרייט און מיינע שליפן האבן שטארק געקלאפט... מיך האט נאר געוואונדערט, ווי קומט עס, וואס דער גרעסטער קריטיקער פון אונדזער יארהונדערט האט אזוי שטארק מורא פאר א ביסל קריטיק...

☆

לערך זעקס חדשים שפעטער האב איך דערהאלטן אן איינלאדונג צו א גרויסן באנקעט, וואס איז ארגאניזירט געווארן פון א דענישער ליטערארישער וואכנשריפט, אין וועלכער איך האב פון צייט צו צייט געשריבן. אינם גרויסן זאל פון „פאלאסט האטעל" בין איך געשטאנען מיט דעם רעדאקטאר יארגענסען. פלוצים קומט צו אונדז צו בראנדעס. ווען יארגענסען האט מיך געוואלט פארשטעלן, רופט בראנדעס אויס:

— איר דארפט אונדז נישט פארשטעלן, מיר קענען זיך... — און ווענדנדיק זיך צו מיר, זאגט ער מיט א סימפאטישן שמייכל:

„ווי גייט עס אייך? איך האב אייך שוין אזוי לאנג נישט געזען... האט איר זיך שוין איינגעלעבט אין אונדזער שיינעם קאפענהאגען?..." און אומדרייענדיק זיך צום רעדאקטאר יארגענסען, זאגט בראנדעס, אנווייזנדיק אויף מיר: „איר מוזט זיך פאר אים היטן... ער האט ליב אינטערוויוען... ער האט אויך ליב מענטשן צו קריטיקירן... די היינטיקע יוגנט האט גאר קיין דרך־ארץ נישט פאר עלטערע מענטשן..." און דערביי האט ער זיך שטארק צעלאכט.

אזוי זענען מיר געשטאנען א קורצע צייט און געמיטלעך געשמועסט און געלאכט. פלוצים האט זיך בראנדעס אנטשולדיקט פאר יארגענסענען, מיך גענומען אונטערן ארעם און מיך אוועקגעפירט אין א ווינקל פון זאל און געפרעגט:

„זאגט מיר, זענען לעצטנס אפשר ווידער דערשינען ארטיקלען איבער מיר אין דער יידישער פרעסע? אויב יא, בעט איך אייך, איבערזעצט זיי פאר מיר אויף דעניש און שיקט זיי מיר צו. ווען איר ווילט, קענט איר ארויסקומען מיך באזוכן..."

☆

אין נאוועמבער 1917, ווען דער טעקסט פון דער באלפור־דעקלאראציע איז צוגעשיקט געווארן דורך דער ענגלישער אמבאסאדע אין קאפענהאגען צום דארטיקן ציוניסטישן ביורא, און די וועלט־פרעסע איז געווען פול מיט דער ניי־געשאפענער היים פארן יידישן פאלק, בין איך דעם זעלבן טאג ארויסגעפארן צו בראנדעסן און כאטש זיין סעקרעטאר האט מיר דערקלערט, אז ער פילט זיך נישט גוט, בין איך באשטאנען דערויף, אז איך מוז אים זען אין א זייער וויכטיקן ענין.

ווען מען האט מיך ארונגעפירט אין זיין קאבינעט, איז בראנדעס געלעגן אויף א דיוואן און מיך באגריסט מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל. באגייסטערט פון דער היסטארישער געשעעניש, האב איך איבערהויפט פארגעסן, אז בראנדעס האסט אינטערוויוען און איך האב ארויסגעפלאצט מיט דער פראגע, וואס ער, בראנדעס, האט צו זאגן וועגן דער באלפור־דעקלאראציע.

בראנדעס האט זיך אויפגעזעצט און מיר געזאגט, אז דער רעדאקטאר פון „פאליטיקען" — די גרויסע ליבעראלע טאגצייטונג אין קאפענהאגען, וועלכע איז א צייט לאנג רעדאגירט געווארן דורך בראנדעסעס ברודער, עדווארד בראנדעס — האט אים טעלעפאניש מיטגעטיילט וועגן דער היסטארישער געשעעניש.

דאס מאל האט זיך בראנדעס נישט אויפגערעגט און אויך נישט געשריגן. איך האב געזען, אז ער איז געווען גערירט און אז טיף אין זיין נשמה קומט ווידער פאר א ביטערער קאמף. זיינע אויגן האבן אויף מיר נישט געקוקט, נאר האבן ארומגעוואנדערט איבער זיין קאבינעט און ער האט גערעדט ווי צו דער וואנט:

„דאס איז א גרויסע געשעעניש... איך בין א קעגנער פון ציוניזם, ווייל ער שאפט אנטיסעמיטיזם אין אלע לענדער וואו יידן לעבן... איך האב זייער אפט אטאקירט ד"ר הערצלען און ד"ר נארדוי פאר זייערע ציוניסטישע אידייען... זייט דעמאלט איז אבער פיל וואסער אין ים אריינגעפלאסן... יידן ווערן אומעטום פארפאלגט. איך ווייס אז די באלפור־דעקלאראציע וועט נישט לייזן דאס יידישע פראבלעם... רענישע יידן וועלן זיך אין פאלעסטינע נישט באזעצן... די באלפור־דעקלאראציע מיינט אבער, אז ענגלאנד האט אנערקענט די יידישע אספיראציעס. איך האב נישט קעגן דעם, אז יידן זאלן שאפן א יידישע מלוכה. איך האב אויך נישט קעגן דעם, אז יידן, פון לענדער ווי רוסלאנד און פוילן, זאלן זיך באזעצן אין פאלעסטינע... איך וועל מיך אין פאלעסטינע נישט באזעצן, אבער איך האב נישט קעגן דעם, אז מען זאל מיך מאכן אלס אמבאסאדאר פון פאלעסטינע דא, אין קאפענהאגען..."

דאס איז נישט געווען קיין אינטערוויו, נאר א ספאנטאנער אויסברוך פון אן אנגעוויטיקטער יידישער נשמה, וואס בלאנדזשעט ארום אין פרעמדע לענדער און פארשטעקט זיך אונטערן מאנטל פון אטעאיזם... עס איז געווען אן אויסברוך פון סארקאזם פון א מענטש, וועלכער האט דערגרייכט א וועלט־נאמען מיט זיין שאפן און דענקען און וועלכער האט מורא געהאט פאר זיין אייגענעם שאטן, וואס האט אזוי בולט אפגעצייכנט זיין הערלעכן גרויען קאפ מיט די פייערדיקע אויגן און א לאנגער יידישער נאז...

---

אט דאס איז דאס בילד פון דעם וועלט־בארימטן קריטיקער און גרויסן דענקער, משה קאהן, אדער ווי די וועלט האט אים געקענט אונטערן נאמען געארג בראנדעס.

אט דאס איז געארג בראנדעס, דער טאן־געבער אין דער ליטעראטור פון צוואנציקסטן יארהונדערט.

געארג בראנדעס, דער געבוירענער אריסטאקראט, מיט דער פיינער און עמפינדלעכער נשמה, דער פיינשמעקער פון קונסט, דער קעמפער פאר אמת און גערעכטיקייט.

אט דאס איז בראנדעס דער ייד, וואס האט יארנלאנג געשריגן, אז ער איז נישט קיין ייד און אויך נישט קיין גוי... בראנדעס דער גרויסער קריטיקער, וואס האט מורא געהאט פאר א קריטיש ווארט אין דער יידישער פרעסע...

אט דאס איז בראנדעס דער זשעני, וועלכער איז פול מיט פאראדאקסן...

ער איז נישט געווען בעסער און נישט ערגער ווי אלע אנדערע זשעניען... דער איינציקער אונטערשיד איז נאר געווען, וואס זיין יידישע אפשטאמונג איז פאר אים געווען די גרעסטע טראגעדיע אין זיין לעבן.

י. ראַפּאָפּאָרט

# די טומאה אין דער יראה

## (וועגן יצחק באַשעוויסעס בוך „די פאַמיליע מושקאַט")

אין יצחק באַשעוויסעס בוך האָלט אין איין שמעקן: „עס האָט געשמעקט פון דעם מיידל מיט שאָקאָלאַד, קימל־פּערפום און אויסלאַנד" (ז. 6); „עס האָט געהויכט פון אינעווייניק (פון זאַקסישן גאָרטן — י. ר.) מיט לינדע ווינטלעך און מיט סודות פון פאַרפירטע מיידלעך" (ז. 7); „עס האָט געשמעקט מיט ליקוי־חמה און פאַרענדערונג אין מעשה בראשית" (ז. 24); „די סמאָטשע האָט געשמעקט מיט פּורים, שרפה, ליקוי־חמה (ווידער מיט ליקוי־חמה!—י.ר.), ביאת המשיח"; „עס האָט געשמעקט מיט חלב, שטויב, תענית און נצח ישראל".

אַז מען באַקענט זיך מיט אַ נייעם מענטשן אויפן דאָזיקן יאַריד, ווייס מען שוין אויף פאַראויס, אַז עס וועט באַלד נעמען שמעקן. און נישט נאָר מיט קאָנקרעטע פיזישע ריחות, נאָר אויך מיט אַבסטראַקטע, אויסגעמוחטע ריחות, ווי: „ליקוי־חמה", „ביאת המשיח", „נצח ישראל" א. אַנד.

אָט די מאַניער (און דאָס איז ביים מחבר געוואָרן אַ מעכאַנישע מאַניער) האָט זיך, וואַרשיינלעך, אַנטוויקלט פון מחברס שפּירבאַרן חוש־הריח, און עס איז דעריבער אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי דער מחבר האָט ביי אַזאַ חוש־הריח נישט געשפּירט, אַז פון זיין ראָמאַן שמעקט גאַנץ אָפט מיט וואולגאַרער קלישע־אַרבעט, מיט זנות און מיט טומאה אין דער יראה...

☆

אַב. קאַהאַן האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין זיינעם אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס", געשטעלט די פראַגע: וואָס איז אַ גוטער ראָמאַן?

איך געדענק שוין נישט וואָס פאַר אַ תשובה אַב. קאַהאַן האָט דערויף געגעבן; אָבער איך האָב דערויף געגעבן פאָלגנדע תשובה: אַ גוטער ראָמאַן איז אַזאַ, וואָס אַב. קאַהאַן וועט אים נישט דרוקן אין „פאָרווערטס".

ווען איך האָב געהערט, אַז אין „פאָרווערטס" דרוקט זיך אַ הויך־קינסטלערישער ראָמאַן פון יצחק באַשעוויס, בין איך געוואָרן נייגעריק: מילא, אויף באַשעוויסן קאָן מען זיך ריכטן ער זאָל אָנשרייבן אַ גוטן ראָמאַן; ביי אונדזערע קריטיקער קאָן אויך אַמאָל טרעפן זיי זאָלן ריכטיק אָפּשאַצן אַ ליטעראַריש ווערק; אָבער ווי קומט אין „פאָרווערטס" אַ גוטער, הויך־קינסטלערישער ראָמאַן? איז ער גוט, טאָ ווי פאַסט ער פאַרן „פאָרווערטס"? פאַסט ער ווידער פאַרן „פאָרווערטס", טאָ ווי קאָן ער זיין הויך־קינסטלעריש און טיף (איינס און דאָס זעלבע, אייגנטלעך: הויך־קינסטלערישקייט אָן טיפקייט קאָן פונקט אַזוי געמאָלט זיין, ווי אַ לעבעדיקער קערפּער אָן אַ נשמה)?

איך האָב דעריבער מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף באַשעוויסעס בוך, און איצט, נאָכן איבערלייענען עס, מוז איך זאָגן, אַז באַשעוויס האָט אין איין פּרט באַוויזן אַ קונצשטיק: ער האָט דעם „פאָרווערטס" אויף קיין האָר נישט געקריוודעט, אָבער אַלץ איז איינגעוויקלט אין אַ טלית של תכלת, — אַ פּסולן, אמת, אַ צו אויסגעריבענעם אויף צו פאַרדעקן אָנשטענדיק דאָס „פאָרווערטסישע", אָבער דאָך איז די קאָמבינאַציע אַ ממזרישע, און ערטערווייז ווירקט זי זייער שטאַרק. איר כאַפּט זיך פּלוצלונג אַרויף אין דאָזיקן ים פון וואולגאַרן רעאַליזם און זנות אויף די קונסט־אינדזעלעך, וואָס זענען דאָ און דאָרט שיטער צעזייט אין אים, און איר אָטעמט פרייער אָפּ; הגם גלייכצייטיק שטעלט איר זיך די פראַגע: צי איז נישט אַזאַ ראָמאַן ערגער פאַר אַ טיפּישן שונד־ראָמאַן? דאָרט איז כאָטש אַלץ אָפן, און דאָ דערלאַנגט מען דעם גאַנצן „פאָרווערטס" אונטער אַ פילאָזאָפישן סאָוס פון שפּינאָזאַן און יהדות.

צי דער ביליקער שמוץ, וואָס דער מחבר זאַמלט מיט גרויס פלייס מיט אַלע פּרטים, ווערט פון דעם פילאָזאָפישן סאָוס גייסטיק־נאַרהאַפטיקער, איז נאָך אַ גרויסער ספק; גיכער ווערט די פילאָזאָפיע דיסקרעדיטירט פון דער דאָזיקער שכנות.

מיטן ראָמאַן איז געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט זיין הויפּט־העלד (אויב מען קאָן אים אַזוי באַצייכענען): עוזר העשל, זאָגט אונדז באַשעוויס, „האָט געוואָלט צונויפנעמען דעם געדאַנק, טראַכטן דורכאויס וועגן תוך־זאַכן; אָבער אַלערליי דמיונות זענען אים געלאָפן דורכן מוח".

אויך דער מחבר וויל געבן אַ גרויס ווערק; אָבער ער קאָן נישט צונויפנעמען דעם געדאַנק, — ער פאַרנעמט זיך כסדר מיט קליינע נאַרישקייטן, אָדער מיט צעשטיקלטע זינפּולקייטן.

די טראַכטענישן — אויף פאַרשידענע שטעלן — פון עוזר העשלען (הגם זיי זענען צו אַבסטראַקט), פון אַזאַ געשטאַלט ווי ר' דן קאַצענעלענבויגן, פון משולם מושקאַט (ביי זיין לעצטער פּורים־סעודה) זענען גענוג פאַר אַ גרויס ווערק, ווען דאָס וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקן אָטעם פון ראָמאַן; אָבער דאָס איז נישט אַזוי. די נשמה די דאָזיקע איז אין ראָמאַן אַ פאַרוואָגלטע נשמה, וואָס האָט קיין גוף נישט דורך וועלכן צו ווירקן, און אין וועלכן זיך אויסצולעבן. העכסטנס כאַפּט זי זיך אַריין אין ערשטן בעסטן גוף, ווי אַ דיבוק, און רעדט אַרויס נישט מיט קיין נאַטירלעך קול. און דאָרט, וואו איר געפינט שוין יאָ אַ גוף מיט אַ נשמה, — ווי ביים רב ר' דן קאַצענעלענבויגן, למשל, — פילט איר אים ווי אַ שיינעם פּרט אין אַ העסלעכער געביידע. מען האָט דאָס געפיל פון וועלן אַרויסנעמען אָט דעם פּערל פון זיין איינראַמונג, אין וועלכער ער פאַסט זיך נישט אַריין. דאָס זענען, ווי אויבן געזאָגט, זינפולע קינסטלערישע אינדזעלעך אין אַ ים ביליקער פּסוידאָ־ליטעראַטור.

☆

אַז מען וויל, קאָן מען, נאַטירלעך, זוכן פאַרן מחבר אַ פאַרענטפערונג: ער האָט דאָס בכיוון געוואָלט; ער האָט געוויזן בלויז עטלעכע ריינע מענטשן, מיט אַ גרויסן גאָט אין האַרצן; און די איבעריקע, וועלכע האָבן פאַרלוירן דעם לעבעדיקן גאָט אָדער אים פאַרביטן אויף שפּינאָזאַן, זענען פול מיט זנות און אומזין.

אָט די קאָמבינאַציע איז נישט קיין שלעכטער פּלפּול; אָבער די דיספּראָפּאָרץ איז שוין צו גרויס. און דאָס שמעקט לחלוטין נישט מיט אַ יידישן „תחית המתים" פון אַ נייעם טאָלסטאָי, נישט מיט אַ נייער „אַננאַ קאַרענינאַ". דאָ קומט נישט פאָר קיין טראַגישער געראַנגל צווישן גלויבן אין גאָט און גאָטלאָזיקייט, צווישן אַ זין אין לעבן און זינלאָזיקייט, — דאָ לויפן ביידע ליניעס באַזונדער, און די גאָטלאָזיקייט און דער אומזין לעבן דאָ מיטן אייגענעם רעכט, נישט אַלס עלעמענטן פון געראַנגל. און במילא איז דאָס, וואָס ווערט באַשריבן געניוי, נישט אינטערעסאַנט און נישט וויכטיק (נאָך אַ גט און אָבער אַ גט; נאָך אַ זנות־געשיכטע און אָבער אַ זנות־געשיכטע); און דאָס וואָס וואָלט געווען געקאָנט זיין אינטערעסאַנט און וויכטיק, פאַלט אַריין אין ראָמאַן אויף קורצע מאָמענטן ווי אַ יון אין סוכה.

קאָפּלס מחזקות מיט נקבות ווערן געגעבן אויסשעפּנדיק (ווי דער „פאָרווערטס" האָט ליב), הגם אָן אים איז דאָס שוין אויך דאָ גענוג; אָבער דאָס בילד פון פערציק יאָר יידיש לעבן, פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז דער ערשטער פּאַזע פון דער צווייטער, ווערט געגעבן על־פּי־רוב אָדער דורך אויבערפלעכלעכע צייטונגס־בילדלעך אָדער דורך פּובליציסטישע אינקרוסטאַציעס, וואָס סומירן די פאַרשידענע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע עטאַפּן פון די פערציק יאָר, איבער וועלכע דער ראָמאַן איז צעצויגן.

מיר מוזן גענוי וויסן, אַז אין דער לעצטער נאַכט פון זיין לעבן איז קאָפּל געשלאָפן ביי אַן אַלטער יידענע, וואָס האָט אים אַמאָל, בעת זיי זענען יינגער געווען, פאַרפירט. און אָט קומט פאָר אַזאַ דיאַלאָג צווישן ביידע:

„קאָפּל, זי שלאָפן נישט?"

„ביי איהן אין בעט וואָלט איך געשלאָפן.

„ס'איז געוואָרן שטיל. די פרוי קרופּניק האָט געטאָן האַלב־אַ־כיכע, האַלב־אַ־קרעכץ.

„משוגע מיינע שונאים? יאַך בין אַן אַלטע יידענע.

„איך בין אַן אַלטער ייד.

„מאַכן זי זיך נישט צום נאַר".

אָט דעם קוואַטש מוזן מיר וויסן גענוי, מיטן האַלבן כיכע און האַלבן קרעכץ; אָבער די גראַנדיעזע ענדערונגען אין דער יידישער וועלט ווערן געגעבן סכעמאַטיש־פּובליציסטיש, אין בעסטן פאַל דורך אַ פּאָר אייליק־אָפּגעפּטרטע בילדלעך.

☆

און עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס באַשעוויס האָט נישט געוואָלט, אָדער נישט געקאָנט, צונויפנעמען די געדאַנקען פאַר אַ סינטעטיש בילד און פאַר סינטעטישע געשטאַלטן פון דעם לעצטן געשיכטע־אָפּשניט פון פּוילישן יידנטום.

אין „די פאַמיליע מושקאַט" זענען דאָ סימנים, אַז באַשעוויס וואָלט דאָס אפשר געווען געקאָנט געבן. די קורצע באַשרייבונג פון ר' דן קאַצענעלענבויגן (ז"ז 284-285), דעם קליין־טערעספּאָלער רב, מיט דער פּוענטע אירער — דעם רבס קורצן שמועס מיטן יינגעלע, — שאַפט אַ טיפע שטימונג, עס רודערט טיף אויף דעם געמיט, עס גיט אַ ווייע אויף אייך מיט טיף־גורלדיקס, מיט גרויס־מענטשלעך־טראַגישעס, עס שאַפט אַ טיפע שטימונג, ווי איזראַעלס בילד „דער רב". איר קאָנט נישט דעפינירן אין קלאָרע ווערטער, וואָס עס ליגט אַזוינס אין דאָזיקן בילד פון איזראַעלס רב (ווי אין די אַנדערע יידישע בילדער זיינע), אָבער איר פילט, אַז דאָ איז דער מאָלער צוגעגאַנגען צום שורש פון עפּעס גרויס־מענטשלעכעס, פון עפּעס גרויס־יידישעס; אַז דאָס דאָזיקע בילד פאַרקערפּערט גורל פון אַ פאָלק, פון דעם מענטשן אין זיין מענטשלעכסטער סובסטאַנץ. דאָס זעלבע געפיל האָט איר ביים רב ר' דן.

אַ יידישער רב, — וואָס עס פייניקן אים די אייביקע ספקות און קשיות פון די נביאים, פון איובן, — רופט צו צו זיך אין בית־מדרש אַ חדר־יינגעלע און כאַפּט מיט אים אַ שמועס:

„ווי הייסטו, האַ?

„משה.

„משה!... וואָס לערנסטו, משה?

„חומש מיט רשי און גמרא.

„ווילסט זיין אַ ייד, האַ?

„ווי דען?

„אין אויבערשטן גלויבסטו, משה?

„אוודאי.

„וואויל איז דיר, וצדיק באמונתו יחיה!..."

וויפיל פּערספּעקטיוו עס איז דאָ אין דאָזיקן קורצן שמועס, וואָס שליסט אָפּ אַ קורצע באַשרייבונג וועגן אַ רב, וואָס ווערט געפייניקט פון פרומע ספקות.

אין דאָזיקן שמועס איז דאָ גייסטיקע פּערספּעקטיוו, גייסטיקע אַטמאָספער, פונקט ווי אין די שטימונגס־באַשרייבונגען, וואָס זענען צעוואָרפן אין בוך, פונקט ווי אין די קורצע אינטעלעקטועלע דיגרעסיעס, וואָס זענען צעוואָרפן אין בוך (למשל אויף זייט 287). אָבער דאָס ווערט נישט אַנטוויקלט; זיי זענען ווי טייערע מענטעלעך אויף פּסולע ספר־תורות.

אדרבא, ערשט אַ דאַנק אָט די טיפע דיכטערישע שטימונגען (וואָס זענען לירישע שעדווערן אין פּראָזע) און די טיפע אינטעלעקטועלע שייכותן און אָנונגען, וואָס דער מחבר וואַרפט אַריין אין בוך ווי ראַקעטן, ווערט באַלויכטן די גאַנצע פּוסטקייט פון גרעסטן טייל בוך, ווערט באַלויכטן די גאַנצע קרומקייט פון די אַלגעמיינע ליניעס פון בוך.

☆

דריי מינים זענען פאַרזייט געוואָרן אין באָדן פון דאָזיקן ווערק, — און זיי קאָנען נישט וואַקסן צוזאַמען.

1) אַ ביליקער רעאַליזם, וואָס איז געדיכט פאַרבראָקט מיט ביליקער עראָטיק;

2) דינע, ביז גאָר פיינע דיכטערישע שטימונגען, וואָס אַז מען קומט צו זיי, פאַרגעסט מען, אין זייער זכות, די לאַנגע וויסטע שטרעקעס, וואָס מען מאַכט דורך צווישן איין לירישן אָאַזיס און דעם צווייטן; און

3) פּרוכטלאָזע, נישט ערנסטע קוואַזי־באַמיאונגען צו געבן אַ גרויס סינטעטיש ווערק וועגן היינטיקן יידישן לעבן, אַ מין בעלעטריסטישן מורה נבוכים פאַרן מאָדערנעם ייד.

דער לירישער עלעמענט איז אַ זאַך פאַר זיך, ווערטפול אין זיין פאַראיינזאַמטקייט, ווי דאָס איז די טבע און דער גורל פון לירישע לידער; דער ביליקער, וואולגאַרער רעאַליזם האָט זיך צעוואַכערט אין דעם גינסטיקן „פאָרווערטס"־קלימאַט ביז עקלהאַפטן נאַטוראַליזם; און דער דריטער עלעמענט, דער וויכטיקסטער, וואָס האָט באַדאַרפט זיין די נשמה פונם ווערק, זיין אָרגאַניזירנדיקער וויטאַלער גורם, דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט אויף אַ פרעמדער חתונה. דער מחבר באַנוצט זיך מיט אים ווי מיט געוויסן־געלט: ווען דער קינסטלערישער געוויסן נעמט אים פייניקן, דערמאָנט ער זיך אין זיין טויט־געבוירענער אידייע פון זיין ווערק, און ער וואַרפט אַריין וועגן איר אַ פּאָר ווערטער. אָבער דורך דערמאָנען עפּעס טויטס מיט ווערטער, ווערט עס נישט לעבעדיק.

„אַלץ האָט זיך אים איצט (עוזר העשלען — י. ר.) צונויפגעמישט אין מוח: דעם זיידנס שטראָף־רייד, דאַוויד קאַצעס טענות, די שטעלן פון דער עסיי וועגן די יידישע מאַסן, די פערזן פון דעם דיכטער — וואָס איז דער זין פון דעם אַלעמען? וואו קומען זיך צונויף די אַלע ווידערשפּרוכן? ווער איז גערעכט? ווער איז אומגערעכט? וואָס וועט זיין דער תכלית? וואָס דאַרף טאָן ער, עוזר העשל, שוין איצט, פון היינט אָן?"

אָט אין אַזעלכע שטעלן ליגט דער פּאָטענציעלער גרויסער זין פון דאָזיקן ווערק, פון יעדן גרויסן יידישן ראָמאַן פון היינט. אָבער דער דאָזיקער זין בלייבט נאָר פּאָטענציעל, אין דער מחשבה פונם מחבר און אין די פּאָר צוגעוואָרפענע ווערטער וועגן דעם.

די טענה צום מחבר באַשטייט נישט, און קאָן, נאַטירלעך, נישט באַשטיין אין דעם, וואָס ער גיט נישט עוזר העשלען קיין תשובה אויף זיין גורלדיקער פראַגע: וואָס זאָל ער, דער יונגער ייד פון היינט, טאָן „שוין איצט, פון היינט אָן?"; די טענה

באַשטייט נישט אין דעם, וואָס ער ווייזט נישט קלאָר „וואָס איז דער זין פון דעם אַלעמען?"; וואָס ער ווייזט נישט אָן מיטן פינגער אויפן פונקט, וואו עס „קומען זיך צונויף די אַלע ווידערשפּרוכן"; די טענה צום מחבר באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס דער ראָמאַן איז נישט קיין ערנסטער פּרואוו צו לייזן אָדער אפילו בלויז צו שטעלן בעלעטריסטיש־שעפעריש אָט די אַלע פראַגן, וואָס ער ווייס וועגן זיי, אַז ער דאַרף זיי שטעלן, אַז ער מוז זיי שטעלן. נישטאָ אין בוך קיין עכטע פולבלוטיקע ראַנגלעניש צו לייזן אָט־אָ־די פראַגן; זיי ווערן גאָרנישט געשטעלט שאַרף־לײדנשאַפטלעך.

דער וואולגאַרער „פאָרווערטס"־ראַעליזם האָט זיך אַזוי צעוואָוכערט, אַז ער פאַרנעמט דעם גאַנצן באָדן, נישט לאָזנדיק כמעט קיין אָרט פאַר עפּעס אַנדערש.

נישט נאָר דער ראָמאַן דערגרייכט נישט דאָס, אין וואָס עוזר העשל נויטיקט זיך, נאָר ער פּרוּווט עס גאָרנישט דערגרייכן. נישט נאָר ער שאַפט נישט אין עוזר העשלען קיין בעסערן מירקין (פון אַשׁס טרילאָגיע „פאַרן מבול"), נאָר, פאַרקערט, נאָך אַן ערגערן. (אַן אמתער רעקאָרד!) עוזר העשל איז אַ קליגערער שאָטן (אַ דאַנק דעם קליגערן מחבר), אָבער דערפאַר אויך אַ ווייניקער ערנסטער שאָטן פאַר מירקינען.

☆

עוזר העשל, וואָס דאַרף זיין דער רוקנביין פון אַ גרויס ווערק, איז אַ שאָטן.

בכלל זענען אין דאָזיקן ווערק דאָ ווייניק פערזאָנען, וואָס מען זעט בולט זייער אויסערלעכע און אינערלעכע געשטאַלט. באַשעווים באַנוצט זיך על־פּי רוב מיטן מעטאָד פון גענוי באַשרייבן די אויסערלעכקייט פון מענטשן, און דאָך (און אפשר טאַקע דערפאַר?) זעט מען זיי נישט קלאָר, — זיי שטעלן זיך אַוועק פאַר אונדז ווי פלעקן.

אָט איז אַזאַ טיפּישע באַשרייבונג: „אַ קליין מענטשל אין אַ צעריסענער בלוזע, ברוין־אָפּגעברענט, ווי אַ ציגיינער, מיט אַ פעך־שוואַרץ בערדל און ברענענדיקע אויגן, האָט געשריגן מיט אַ הייזעריק קול, אין אַ שאַרפער ליטווישער אויסשפּראַך. ער האָט געוואָרפן מיט די הענט, גערדרייט דעם קאָפּ, געמאַכט העוויות. דער גאָרגל איז געלאָפן משונה גיך. די האָר פון דער טשופּרינע זענען געשטאַנען ווי דראָטן".

צי זעט איר עפּעס? צי קאָן דאָ עמיצער עפּעס זען אין אָט דעם סימנים־לאַבירינט, וואו איין סימן ווערט פאַרשטויסן דורכן צווייטן?

אַזוי שילדערן אַ מענטשן קאָן בלויז אַ שרייבער, וועלכער זעט אַליין נישט דעם מענטשן, וועלכן ער וויל שילדערן.

און אויך עוזר העשלען, דעם הויפּטהעלד, וואָלטן מיר נישט געוועזן דערקענט, ווען מיר דערזעען אים פּלוצלונג אין גאַס. ער בלייבט פאַר אונדז אַ צעשוואומענער פלעק. און נישט נאָר אויסערלעך, פיזיש, נאָר אויך אינערלעך, גייסטיק.

נישט נאָר אינם ראָמאַן אַלס גאַנצן איז דער זיווג צווישן ערנסטער קונסט און ביליקן שונד נישט עולה יפה געוועזן, נאָר אויך ביי עוזר העשלען גופא איז דער זיווג צווישן זיינע פילאָזאָפישע טראַכטענישן און זיין געמיינער, זינלאָזער אויפפירונג נישט געלונגען. דאָס זענען ביי אים צוויי באַזונדערע זאַכן. דאָס געמיינזאַמע צווישן זיי באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ביידעס, סיי די טראַכטענישן, סיי די מעשים געהערן צו אַ שאָטן, צו וועלכן איר קאָנט אפילו קיין טענות נישט האָבן. ער איז דען שולדיק? עוזר העשל האָט זיכער נישט קיין בחירה חפשית — פאַר אים איז די דאָזיקע שווערע פּראָבלעם געלייזט.

אַ שאָטן, וואָס ווערט גערופן: עוזר העשל, ווערן פון צייט צו צייט צוגעשריבן שיינע, אינטערעסאַנטע געדאַנקען, און אַ שאָטן ווערן פון צייט צו צייט צוגעשריבן זינלאָזע, געמיינע מעשים.

„ער האָט יעדעס מאָל פונסניי ביי זיך אָפּגעמאַכט, — שרייבט וועגן אים דער מחבר, — צו אַנטלויפן. אָבער אַז עס איז געקומען צו די איינצלהייטן, איז אַלץ געוואָרן פאַרוויקלט. ער האָט געדאַרפט איבערלאָזן הדסהן, דאַשקען, דינהלען, די קינדער, זיך שיידן מיט באַרבאַראַן..."

און אַזוי רעכנט ער אויס כסדר פערזענלעכע שטערונגען, וואָס איבערצייגן אונדז לחלוטין נישט, אַז דאָס קאָן אים שטערן (ער האָט זיי שוין סיי־ווי־סיי איבערגעלאָזן אויפן געמיינסטן, אַמאָראַלישסטן אופן), ביז דער מחבר (וואָס רעדט זייער אָפט פאַר פייער און פאַר וואַסער — אַהער און אַהין, איבערלאָזנדיק דעם רול אויפן באַראָט פון זיין פּליטיקער שפּראַך) גיט אַ קער צוריק: „אַ חוץ אַלע חשבונות האָט עוזר העשל געהאַלטן, אַז ער האָט נישט קיין רעכט זיך צו ראַטעווען, בעת די משפּחה און אַלע אַנדערע יידן בלייבן אויף היטלערס באַראָט. דאָס דאָזיקע געפיל האָט אים אַליין געחידושט, סיהאָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין זיין געדאַנקען־גאַנג..."

און אין זיין מעשים־גאַנג דען יאָ? (אַזוי ווי עוזר העשל האָט אַן אינדיווידועלן געדאַנקען־גאַנג, אַזוי האָט ער אַן אייגענעם מעשים־גאַנג...).

נאָך גוט וואָס באַשעווים האָט דערפילט, אַז עס איז זיך דאָ אויף וואָס צו חידושן. מיר יעדנפאַלס חידושן זיך גאָר שטאַרק. און נישט נאָר מיר חידושן זיך, — מיר ספקן אין זיין דאָזיקן געדאַנק. וואָס זאָג איך — מיר ספקן? מיר זענען זיכער, אַז ער האָט נישט געקאָנט טראַכטן נישט וועגן הדסהן און נישט וועגן די יידן. מיר, יידן, ווייסן דאָך נאָך פון תהלים, אַז זיי האָבן אויגן און זעען נישט, אַז זיי האָבן אויערן און הערן נישט, — די געטשן מיין איך. און עוזר העשל איז אַ געטש, וואָס קאָן נישט זעלבשטענדיק טראַכטן און קאָן נישט זעלבשטענדיק עפּעס טאָן.

אַלץ וואָס דער מחבר הענגט אָן אויף אים, קליידט אים ווי אַ פראַק אויף אַ פלאָמפּ.

אויף זייט 712, ווען עוזר העשל באַגלייט זיין ערשטע פרוי, איידלען, קיין ארץ־ישראל, טראַכט וועגן אים איידל: זי האָט „ביז היינט נישט געקאָנט דערגיין וואָס אייגנטלעך סיפּייניקט אים... זי האָט אים געוואָלט פרעגן, נאָר זי האָט געוואוסט, אַז די רייד זענען אומזיסט. עריט זאָגן דאָס, וואָס וועט אים גראָד איינפאַלן. אָדער אפשר ווייס ער אַליין אויך נישט?"...

יאָ, ער ווייסט אַליין אויך נישט. און ענטפערן ענטפערט ער (און טראַכטן טראַכט ער און טוען טוט ער) נישט וואָס עס פאַלט אים גראָד איין, נאָר וואָס עס פאַלט גראָד איין דעם מחבר, וואָס ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט אים. טאָן לאָזט ער אים דאָס, וואָס ער לאָזט טאָן אַנדערע העלדן זיינע (אַבראַמען, קאָפּלען א. א. וו.): זינקען אין זנות; אָבער בעת די אַנדערע טוען דאָס פּשוט, אָדער ריכטיקער: פּשוט זינלאָז, מוז עוזר העשל דאָס טאָן מיט אַ געהיימניספולער מינע, ווי אַ „מאַרטירער". ער איז אַ מין קאַריקאַטור אויף באַריישאָס טראַגישן „גייער"; ער איז אַ קריכנדיקער גייער.

זיינע מעשים זענען פונקט אַזוי מיאוס (און אפשר נאָך מיאוסער) ווי די מעשים פון די אַנדערע. באַשעווים האָט ליב גענויקייט אין אַזעלכע תוך־זאַכן: ער דערציילט גענוי, אַז עוזר העשל „האָט זי גענומען אויפן שטול, אויפן ,קאַרפּעט', אויף דעם מאַנס בעט". און דערביי זענען זיינע מעשים נודנער פאַר די מעשים פון די אַנדערע, צוליב זייער באַגלייט זיין מיט טיפזיניקער קווטשעניש.



אָבער נישט נאָר זיינע ראָמאַנען זענען נודנע־סענטימענטאַל, אָן עכט בלוט און אָן עכט פלייש, נאָר אויך זיינע טראַכטענישן וועגן שפּינאָזאַן הויבן ביסלעכווייז אָן צו ווערן נודנע — דאָס ערגסטע וואָס קאָן טרעפן מיט אַ בוך.

און נודנע ווערן זיי דערפאַר, ווייל דער לעזער נעמט זיי פילן ווי אַ פּוסטן פּזמון, וואָס ווערט צוגעטשעפּעט פון דרויסן, ווי אַ רעפריין פון אַ פרעמד לידל, וואָס געהער נישט צום טעקסט.

☆

אין סך־הכל: אין בוך איז דאָ לירישע שיינקייט און אינטעלעקטועלער געווירץ, אָבער די דאָזיקע עלעמענטן זענען איזאָלירט פון בוך אַלס גאַנצן, זיי לויפן מיט פּאַראַלעלע ליניעס, זיי מישן נישט אויס אָרגאַניש זייער איידעלע שבת־יומטובדיקייט מיט זיין מגושמדיקער, זינלאָזער וואָכעדיקייט.

אין בוך זענען דאָ הונדערטער פּרטים, וואָס האָבן לחלוטין קיין שייכות נישט צום גאַנג פון דער דערציילונג, און זיי זענען בלויז אַ רעזולטאַט פון קנאַקן מיט דער צונג (מיט דער פעדער) מיט אַ שנעלקייט פון אַ עקספּרעס, וואָס לויפט, אָבער נישט אויף די ריכטיקע רעלסן, און במילא פירט ער נישט צו אַ ציל, צו אַ באַשטימטן ציל.

לאָמיר פון די הונדערטער ביישפּילן פון ציללאָזן סתם־שרייבן, ברענגען אַ צוויי ביישפּילן.

אויף זייט 63 פירט אַבראַם עוזר העשלען צו אַ סטאַנציע:

„ביים עק פּשעיאַזד האָט די דראָשקע זיך געמוזט אָפּשטעלן. אַ וואָגן מיט האָלץ האָט זיך געהאַט איבערגעדרייט און אָפּגעהאַלטן דעם פאַרקער. לענגאויס דער לעשנע איז געשטאַנען אַ גאַנצע שורה מיט אויסגעליידיקטע טראַמווייען. סיהאָט לאַנג געדויערט ביז מיהאָט אָפּגעריייניקט דעם וועג. די דראָשקע איז צום סוף געבליבן שטיין אויף דער שוויענטאָיערסקע".

צו וואָס דאַרף מען האָבן אָט דעם פּרט מיט דער פור האָלץ, אויב ער דינט נישט דעם גאַנג פון דער דערציילונג, ווייל עס געשעט גאָרנישט צוליב דעם? סתם כדי אָנצוואַרפן אַ שרעק מיטן ראַעליזם?

וואָלט נאָך די באַשרייבונג פון דער נישט־נויטיקער סצענע געווען קאָלירפול, וואָלט מען זי נאָך געוועז געקאָנט באַרעכטיקן מיטן קינסטלערישן שפּיל־אינסטינקט, מיט איר זעלבשטענדיקן שריפטשטעלערישן ווערט; אָבער אָט דעם זעלבשטענדיקן שריפטשטעלערישן ווערט פאַרמאָגט זי לחלוטין נישט; זי האָט נישט נישט קיין גוף און נישט קיין נשמה, — סתם אַן איבעריקער באַלאַסט.

און אַ צווייטער ביישפּיל, פון קאָפּלס לוויה:

„צווישן די מלווים האָט זיך געפונען אַ גרויהאָריקע פרוי מיט אַ טונקל פלאַטשיק פּנים און קאַלמיקישע אויגעלעך. לאה האָט זי דערקאָנט. סיאיז געווען די שוואַרצע מאַניע, ר' משולמס געוועזענע דינסט. ווי אַזוי זי האָט זיך דערוואוסט פון קאָפּלס טויט איז געבליבן פאַר לאהן אַ רעטעניש".

פאַר אונדז אויך. אָבער אַ רעטעניש וואָס אינטריגירט אונדז לחלוטין נישט.

די שוואַרצע מאַניע איז איבעריק געווען (ווי אַ סך פאַרשוינען אויפן יאַריד פון דער „פאַמיליע מושקאַט") אפילו ביים שילדערן ר' משולם מושקאַטס באַלעבאַטישקייט; אָבער זי איז שוין גאָר איבעריק געווען, ווען באַשעווים האָט זיך צום סוף ראָמאַן דערמאָנט אָן איר און זי צונויפגעפּאָרט מיט קאָפּלען און אַבראַמען (דעם טומלדיקסטן און אָפּט זינלאָזסטן פאַרשוין אין בוך) אויף אַ ווילדנאַרישן און עקסטרעם־אָפּשטויסנדיקן „פאָרווערטס"־אופן.

איז דאָס נאָך געווען ווייניק — ברענגט זי באַשעווים אַראָפּ אויף דער לוויה.

די צונויפּפאָרעניש פון דער שוואַרצער מאַניע מיט קאָפּלען און — באַזונדערס — מיט אַבראַמען האָט כאָטש צוגעגעבן נאָך אַ ביסל זנות, וואָס האָט, מסתמא, פונקט אויסגעפעלט אויף אַ „פאָרווערטס"־דף־יומי פון דער מסכתא „נקבות", אָבער וואָס גיט צו דעם בוך מאַניעס זיין אויף דער לוויה?

וואָס זאָג איך — „איר זיין אויף דער לוויה"? זי איז דאָך גאָר נישטאָ דאָרט, פונקט ווי קיינער איז דאָרט נישטאָ, פונקט ווי די לוויה איז בעלעטריסטיש גאָר נישט פאָרגעקומען — באַשעווים ראַפּאָרטירט אונדז בלויז שנעל אָפּ וועגן דער לוויה. און נישט נאָר אָן דעם ראַפּאָרט וועגן דער שוואַרצער מאַניע וואָלט געווען דאָס זעלבע, נאָר אָן דעם גאַנצן לוויה־ראַפּאָרט בכלל וואָלט אויך געווען זיין דאָס זעלבע.

ער גיט בלויז צו נאָך אַ פּאָר טראָפּנס איבעריקע רייד אין אַ ים איבעריקע רייד, וואָס פליסן אָן אַ שריפטשטעלערישער וויזיע, וואָס נאָר זי קאָן קאָאָרדינירן פּרטים (די קלענסטע) אין אַ זינפולער אָרגאַנישער גאַנצקייט.

פאַראַן אין בוך נישט נאָר פּוסטע איבעריקע רייד; עס איז דאָרט דאָ אַ ים רייד, וואָס הגם פאַר זיך גופא זענען זיי נישט פּוסט (און אַמאָל אפילו באַדייטפול), אָבער פאַרן דאָזיקן ווערק זענען זיי איבעריק.

צי דאָס איז דערפאַר, ווייל אונדזער ליטעראַטור איז נאָך בכלל היפּנאָטיזירט פון איר בראשיתדיקער פאָלקלאָר־טענדענץ; צי דאָס איז צוליבן חורבן, וואָס שמידט צו דעם געמיט פון די שרייבער צום פאַרלוירענעם שטייגער (צוזאַמען מיטן שטייגער־טרעגער), — אָבער עס איז אומבאַשטרייטבאַר, אַז באַשעווים האָט אין זיין ראָמאַן אין זינען נישט נאָר די „פאָרווערטס"־דיעטע, און נישט נאָר דעם גורל אָדער די גורלות פון דער משפּחה מושקאַט, נאָר אויך (און אָפּטמאָל — דער עיקר!) דעם פאָלקלאָר פון יידישן לעבן אין זיינע אַלע פאָרמען, פון שפּראַך ביז מנהגים, פון אָנטועכץ ביז אָבערגלויבנס און פאַרווײלונגען.

די דאָזיקע אומצאָליקע שטעלן, וואָס אויב מען זאָל זיי אויסטיילן פונם ראָמאַן, וועט מען אים פאַרקירצן אויף דער העלפט — געהערן צו די פעלערלאָזסטע אין בוך, זיי בילדן אַ מין ענציקלאָפּעדיע פאַר זיך, אָבער פאַרן בוך זענען זיי אַ באַלאַסט, זיי לאָדן אים איבער, זיי ווענדן אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פונם מחבר פון דעם עיקר — פון דער גורלות־סיסטעם פון זיינע העלדן — און מען זעט ווי ער פאַרלירט זיך אין די פאָלקלאָריסטישע פּרטים, זיי זאָלן זיין וואָס פולער.

די באַשרייבנדיקע שטעלן זענען על פי רוב גוט, בעת די דיאַלאָגן זענען מייסטנס זייער שוואַך און פלאַך. כמעט יעדער דיאַלאָג, וואָס קומט נאָך אַ באַשרייבונג, איז פאַר באַשעוויסן אַ טיפע ירידה פון זיין שריפטשטעלערישער מדרגה.

פאַראַן דיאַלאָגן, וואָס עס איז אַ חרפּה זיי צו לייענען. אַזאַ (איינער פון די ערגסטע) איז דער שמועס צווישן אַבראַמען און זיין טאָכטער סטעפע אויף די זייטן 167-168. טאַלענטלאָזער שונד!

נישט בעסער — און נישט ווייניקער זינלאָז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט — איז דער שמועס צווישן עוזר העשלען מיט דעם שענק־באַלעבאָס. עוזר העשל גייט צום ערשטן מאָל אַריין אין אַ שענק, באַשטעלט עפּעס, נעמט דער באַלעבאָס און שטעלט תיכף ומיד דעם קונה די פראַגע, פאַרוואָס ער גייט נישט קיין פּאַלעסטינע. שוין איינמאָל אָפּגעהיט די ראַעליסטישע וואַרשיינלעכקייט!

אָבער נאָך ערגער איז דער קורצער

דיאַלאָג צווישן זיי! (ז״ז 6-175). עס האָט דעם טעם פון אַ שלעכטן וויץ.

און אָט דאָס דאַרף איבערגעבן די אַטמאָספער פון דער עפּאָכע און עוזר העשלס ייִד־איבערלעבונגען! (אגב: ווי אַלץ וואָס עס קומט פאָר מיט עוזר העשלען, ווערט דאָס אויך שפּורלאָז פאַרשוואונדן: זיין שאָטנדיקע נעפּלהאַפטיקייט שלינגט עס איין).

עס איז אוממעגלעך נישט אונטערצושטרייכן די קלישעאַרטיקע סענטימענטאַלקייט פונם בוך: אַלעמען האַלטן כסדר אין איין קומען די טרערן אין די אויגן (מיט דער באַגלייט־דערשיינונג פון שנייצן די נעזער. אַ שרעק וויפיל מען צעשנייצט דאָרט די נעזער!)

די פּסיכאָלאָגישע דורכדרינגלעכקייט פון אָן אַ שיעור פּרטים קאָן נישט באַשטריטן ווערן, אָבער זיי גייען נישט אַרויס פון זייער עפּיזאָדישער עקזיסטענץ, זיי העלפן נישט אויפצובויען די געשטאַלטן, זיי העלפן נישט מיר זאָלן זיי זען אינטים, אין זייער אינערלעכן, לעבעדיקן מהות.

זיי קאָנען דאָס נישט באַווייזן דערפאַר, ווייל דער מחבר רעדט צו פיל, און די טרעפלעכע פּסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונגען ווערן נייטראַליזירט דורך זיין געיעג נאָך „פּאָרווערטס"־סענטימענטאַליזם.

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל קאָפּלען.

דער דאָזיקער האַלבער אונטערוועלטניק און גאַנצער גראָבער יונג, דרייט זיך אַרום ביינאַכט און זוכט אַ נקבה. דערזעט ער לעם זיין האָטעל אַ מיידל, וואָס דרייט זיך אַרום. אָבער זי איז אָנגעטאָן נישט ווי אַ „פּראָפעסיאָנעלע". אַן אָנפאַנגערין, מסתמא, גיט אַ טראַכט קאָפּל. און ער נעמט ווייטער טראַכטן וועגן איר שוין נישט נאָר ווי וועגן אַ צוגעשיקטער מציאה, נאָר אויך וועגן דעם — אפשר זאָל ער חתונה האָבן מיט איר, כדי זי צו ראַטעווען פון פאַרשטייענדיקן גורל?

און באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז גאָר זיין טאָכטער, וואָס וואַרט אויף אים, כדי אים צו פאַרבעטן אויף איר חתונה.

איך בין אייך מוחל די גאַנצע „פאָרווערטס"־קאָנסטרוקציע פונם גראָב־צוגעטראַכטן עפּיזאָד; אָבער דער „נאָבעלער" געדאַנק פון קאָפּלען (אַזוי מילכיק־לעבלעך ־ סתם־אַזוי־זיך־אַרבעס־צו־דער־וואַנטיק) איז פּונקט אַזוי מעגלעך פאַר אים, ווי פאָרשטעלן זיך אים אַ פאַרטיפטן אין איינשטיינס טעאָריעס... ביי שלום אַשן אין „מאָטקע גנב" וואָלט אַזאַ עפּיזאָד כאָטש פאַרמאָגט עכטע סענטימענטאַלע וואַרעמקייט (פּריקרע וואַרעמקייט — אָבער וואַרעמקייט!); ביים טרוקענעם קלוגן באַשעוויס איז די סענטימענטאַלע נאַרישקייט פאַרביטן מיט צינישן הוזק.

און דאָס איז אויף טריט און שריט. די הפקר־פּעטרושקע וואוילערישקייט, מיט וועלכער באַשעוויס שאַלטעוועט אין ראָמאַן, איז אָפּש פּשוט אַן אַרויספאָדערונג פאַרן לעזער: האַלט ער אים טאַקע פאַר אַזוי ליטעראַריש־געשמאַקלאָז תמעוואַטע, אַז מען קאָן שרייבן פאַר אים מיט אַ פעדער, וואָס ווערט געפירט פון צינישער באַציאונג צום וואָרט?

— עולם־גולם וועט אַלץ אַראָפּשלינגען! (די יידישע קריטיק אוודאי!) שטייט ווי אָנגעשריבן איבער אַ גרויסן טייל פון דאָזיקן ווערק, וואָס דער קלענערער טייל זיינער, וואו עס געפינט זיך דאָס זינפולע סיי אין די באמת גורלדיק־געשילדערטע געשטאַלטן (דער ביאַלעדרעוונער רבי, ר' דן קאַצענעלענבויגן, דאכע און אנד.), סיי אין וואַרפן פלעקן אינטעלעקטועל ליכט אויף דער קאָלעקטיווער יידישער לאַגע, זענען ווי קינסטלעריש־ציכטיקע אינדזלעך אין אַ ים פון ליטעראַריש־ביליקן און פּסידאָ־ליטעראַרישן שמוץ און אומזין.

און עס שאָקירט דערפאַר אַזוי שטאַרק, ווען מען געפינט, נאָך דער לעצטער שורה פון באַשעוויסעס ראָמאַן, די ווערטער „תם ונשלם", — ווערטער וואָס מיר זענען געוואוינט צו געפינען ביים סוף פון הייליקע ספרים.

אמת, דער לעצטער אַקאָרד פון בוך געהער צו די, וועלכע וואָלטן באַרעכטיקט אַ „תם ונשלם", ווען זיי וואָלטן נישט געווען אַזוי פאַרצווייפלט פאַראיינצלט, ווען זיי וואָלטן נישט געווען קיין הייליקע אַקאָרדן אין אַ שיכורן יאַריד־קאָנצערט.

☆

דאָס וואָס באַשעוויסעס בוך קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַ גרויס ליטעראַריש ווערק, איז אַ סימן ירידה פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

עס זענען ביי אונדז שוין באַלד אינגאַנצן פאַרווישט געוואָרן די גרענעצן צווישן שעפערישן וואָרט און פּוסטער ליטעראַרישער בעל־מלאכהשאַפט.

אונדזער ליטעראַרישער גומען איז אַטראָפירט, ער פילט מער נישט קיין אמתן טעם אין דעם וואָס ער קייט.

מיר טרעטן אַריין אין פּעריאָד פון כאַאָס, אין פּעריאָד פון ליטעראַרישן הפקר־פּעטרושקע־צושטאַנד.

אין אַזאַ צייט צעוואוכערן זיך די ווילד־גראָזן, און שמעקנדיקע פלאַנצן האָבן נישט קיין אָרט וואו אויסצורייסן. זיי ווערן דערשטיקט אין וואָרצל.

און וועגן אויספּעליען קאָן קיין רייד נישט זיין: פאַר קיין שום זאַך ווערט דער מיט ווילד־גראָז צעוואוכערטער וואָרטגאָרטן אונדזערער אַזוי נישט געהיט, ווי פאַר אַ האַנט וואָס איז גרייט אויסצופּעליען דאָס ווילד־גראָז...

א. פשעדבאָרסקי

# א „פּאַרטי"

טריט שטילן זיך אין פאַרביקע ווייכן,
און שימער כפלט זיך אין פינקל.
נישט פאַרבליבן אין הויז צומאָל קיין צייכן,
אַז חורבן האָט דאַ געוואוינט אין יעדן ווינקל.

טיול פלאַטערט וואוילזיין אויף שויבן,
און בלומען פאַרבן פרידן אין גאָרטן;
אַרום טיש זיצן געסט און עסן טרויבן,
דערציילן וויצן און שפּילן קאָרטן.

בייכיקע פלעשער רויכערן און שוימען,
און אויגן נעפּלען זיך מיט פאַרבאָרגענעם גליק.
פאַרשטעקט בגעוואַלד ערגעץ אין קוימען,
אומעט רייסט זיך שוין פון שטריק.

באַלד וועט לעצטער גאַסט אַוועקשלייכן
און מיטנעמען דאָס לעצטע ביסל פאַרגעסן.
אומעט וועט אַראָפּקריכן אויף די ווייכן
און פרעסן, פרעסן.



י. שפּערלינג

# דער תיקון פון אַ ניגון

(דערציילונג)

„נאָר אַ ניגון קען אויפשטיין תחית המתים...
פלוצים דערמאָנט מען זיך אַן אַלטן ניגון — ער שווימט פלוצים אַרויס און רייסט זיך פון מויל אַראָפּ.

„נישט ווילנדיק לייגט מען אין אים אַריין אַ ניי געפיל, אַ נייע נשמה, און כמעט אַ נייער ניגון לעבט".

(י. ל. פּרץ: „אַ גילגול פון אַ ניגון").

1

## „טשיי"

דער שרפהדיקער טאָג איז אַ מידער פאַרגאַנגען. די גליענדיקע זון, וואָס האָט אין דאָזיקן טאָג אומאויפהערלעך געגאָסן איבער אַלץ און אַלעמען מיט אומדערטרעגלעכער היץ, האָט זיך איצט אינגאַנצן אַ פלאַמענדיקע אַראָפּגעלאָזט אין מערב.

אין דער אַרומיקער ליימיקייט איז געהאָנגען אַ מידע פאַרחלשטקייט, וואָס האָט זיך אַלץ מער און מער אַראָפּגעלאָזט אויף די צעיאַכמערטע מיט שווייס באַגאָסענע מענטשלעכע גופים; אויף די אייזלען, וואָס האָבן זיך געשטופּט אין שאָטן פון די ליימיקע הייזלעך און מאוימדיק אויסגעשריגן זייער בענקשאַפט. אפילו די ווענט פון די אַרומיקע מויערן האָבן איצט אויסגעפּאַרעט די פון גאַנצן טאָג אַריינגענומענע היץ און געוואַרעמט ווי אָנגעהייצטע אויוונס.

אין אַזעלכע פאַרנאַכטן איז אין אַבדולאַיעווס „טשייכאַנאַ", וואָס איז געשטאַנען צווישן דעם אַלטן מאַרק און דעם אַמאָליקן מעטשעט, געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער. טאַדזשיקן און אוזבעקן, אין ווייסע לייוונטענע הויזן, מיט אָפן־צעכראַשטשעטע העמדער, אַרומגעגאַרטלט מיט פאַרביקע פּאַטשיילעס און אויסגעהאַפטענע „קופּיטעיקים" אויף די גלאַט־אויסגעגאָלטע קעפּ, זענען געזעסן אויף די הויכע ליימיקע דילן באַדעקטע מיט אַלטע טעפּיכער און ראָגאָזשעס, די פיס אונטער זיך, און מיט פוילע באַוועגונגען אַריינגעגאָסן אין זיך קאָכעדיקן גרינעם טיי, געקילט מיטן הייסן געטראַנק די טרוקנקייט פון צונג און גומען.

פון צייט צו צייט האָבן זיי קונציק אַריינגעוואָרפן אונטער די צינגער גרינעם נאָס־טאַבאַק, געקייט און געשפּיגן אַרום זיך.

גרופּעסווייז זענען זיי דאָ געזעסן, די אייזל־ און קעמל־טרייבער, די קאָלכאָזניקעס און הענדלער, וואָס האָבן היינט, ווי יעדן טאָג, פאַרקויפט אויף דעם דערנעבנדיקן מאַרק זייערע סחורות: פלאַך־געפלאָכטענע קערב מיט וויינטרויבן, אורוק, פּערסיקעס און גאָלדיק־רויטלעכע גראַנאַטן, „קאַטיק" (געבאַקענע זויערע מילך) און אייזערנע טעפּ מאָש[1]) און „איי־וויי"[2]), קופּאָנען פאַרביקע זיידנס, גנבהשן ביינוול און פּושקעס מיט קאָנסערוון.

1) מאָש — גרינע אַרבעס אויף טאַדזשיקיש; 2) אַ מין עפּל.

נאָך אַ גאַנצן טאָג אויסרופן מיט קולי־קולות זייערע סחורות אויפן מזרח־שטייגער, האָבן זיי איצט געהאַט איין פאַרלאַנג: קילן די גומענס מיט הייסן טיי און פאַרברענגען צוזאַמען אויפן אַלטן מוזולמענישן שטייגער. אפילו די מיליציאָנערן אין זייערע אָפיציעלע בגדים, ווי אויך די ציווילע ענקאַוועדיסטן, יונגע טאַדזשיקן מיט ממזרישע בליקן, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג צוגענומען סחורות, גענומען כאַבאַר, אַרעסטירט און געשלאָגן, און אומעטום צוגעלייגט אַן אויער, — אפילו זיי האָבן זיך דאָ געפילט ווי אייגענע צווישן אייגענע: געטרונקען צוזאַמען מיט די סוחרים פון איין פּיאַלע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט ווי אַ סימבאָל פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

מיט די פּאָלעס פון זייערע פאַרביקע וואַטענע כאַלאַטן האָבן זיי צוגעדעקט די פאַרענדיקע טיי־טשייניקלעך, געוואַרעמט די מאַלאַרישע קעלט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין זייערע ביינער דווקא אין די גרויסע היצן, און שטיל געשמועסט צווישן זיך וועגן ווייבער, שעפּסן, קינדער און לינקע מסחרים...

איבער אַלץ און אַלעמען האָט דאָ געשוועבט דאָס געטשישע שמייכעלע פון אַבדולאַיעווס פעט־גלאַטיקער צורה.

אַליין אַ נידעריקער, פעטער קאַרליק מיט אַ פּנים פון אַ סריס, איז ער געזעסן האַרט ביים אַריינגאַנג, אויף אַ הויך בענקעלע, ביי צוויי סאָפּענדיקע סאַמאָוואַרן, אַרומגעשטעלט מיט אַ גאַנצער באַטעריע טשייניקלעך און פּיאַלעס און געטאָן די אַרבעט פון צוגרייטן „טשיי", ווי, להבדיל, אַ כוהן די הייליקע עבודה...

אַ כאַפּ געטאָן אַ טשייניקל מיט איין האַנט, האָט ער מיט איין באַוועגונג פון דער זעלבער האַנט קונציק אַ וואָרף אַראָפּ געטאָן דאָס צודעקל, וואָס איז געבליבן הענגען באָמבלענדיק אויף אַ שנירל; מיט צוויי קורצע דיקע פינגער פון דער צווייטער האַנט אַריינגעטאָן שנעל אַ שמעק טאַבאַק גרינעם טיי, אונטערגעשטעלט אונטערן סאַמאָוואַר, און שוין האָבן זיינע הענט געטאָן דאָס זעלבע מיט אַ צווייט טשייניקל. ער האָט דאָס אַלץ געטאָן מיט אַ וואונדערבאַרער רגילות, דערביי האָבן זיינע קליינע אייגעלעך, וואָס זענען געזעסן טיף אין פעטן פּנים, אויפגעכאַפּט אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום, וועמען מען דאַרף דערלאַנגען אַ טשייניקל, וועמען פריער, וועמען שפּעטער, — אַלץ לויטן כבוד און שטאַנד פון גאַסט, פאַרשטייט זיך.

נישט ווייט פון אַבדולאַיעוון איז געזעסן מאַמאַדזשאַנאָוו, דער בעסטער פּלאָוו־קוכער פון שטאָט, אַ טאַדזשיק אַ ריז, מיט אַן אויסגערונען אויג, און מיט גרויס דביקות געשניטן לאַנגע מייערן־לאָקשן. מיט זיין קינדזשאַל האָט ער אַזוי קונציק געאַרבעט, אַז די אויגן פון די אַרומיקע האָבן גאָרנישט מער געזען ווי מייערן־לאָקשן הויפן זיך אָן אַלץ מער און מער אויף דעם שמאָלן ברעטל, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן די קניען. דערביי האָט ער זיך נחתדיק צוגעברומט אַ מזרח־ניגון.

פון גרויס אָנערקענונג פאַר זיין טאַלאַנט, פלעגט אים עמיצער פון די אַרומיקע פון צייט צו צייט צורוקן דעם לאַנגן באַמבוס־שטעקן פון דער גאַרגילע מיט אָפּיום, וואָס איז דאָ אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל.

מאַמאַדזשאַנאָוו האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. ער האָט

בנעימות אָפּגעלייגט אין אַ זייט דעם קינדזשאַל, מיט איין פינגער האָט ער צוגעדריקט דאָס לעבל אין דער גרויסער בייכיקער וואַסער־פלאַש. אַ ווײַלע האָט מען געהערט, ווי דאָס וואַסער בולבעט אונטערן דרוק פון זיינע מעכטיקע לונגען, און באַלד האָט זיין איינציק אויג אויפגעבליצט מיט אַ גלאַנץ און פון זיין מויל איז אַרויס אַ רויך־וואָלקנדל און זיך צעגאַנגען מיט אַן אָפּיום־ריח אין חלל. נאָך אַזאַ „צי" האָבן זיינע פינגער נאָך שנעלער און קונציקער געשניטן די וואונדערבאַרע מייערן־ און ציבעלע־לאָקשן פאַרן יום־טובדיקן רייז־פּלאָוו.

די טשייכאַנאַ איז איצטער פול געווען מיט שמועסנדיקע טיי־טרינקער און דאָך האָט מען געקענט דייטלעך הערן דאָס זשומען פון די אומצאָליקע בייכיקע פליגן, וואָס האָבן זיך דאָ שפּעדיק מפרנס געווען אויף די בלעכערנע טעלער מיט שטיקלעך לעפּיאָשקע, נישט געוואַשענע טרויבן, צעשניטענע רויט־פלאַמיקע אַרבוזן און האָניק־זיסן אורוק...

שטיל און מאָנאָטאָן איז דאָ אָנגעגאַנגען דער שמועס פון די מזרח־מענטשן. פון די אַרומיקע ווענט האָבן אַראָפּגעשיינט פאַרביקע פלאַקאַטן, וואָס האָבן דורך בילדער און געגראַמטע לאָזונגען דערציילט פון „פריידיקן" קאָלכאָז־לעבן. פונם ראַדיאָ־הילכער, אַן אַלטער בלעכערנער טעלער, האָבן זיך אומאויפהערלעך געטראָגן כריפּענדיקע טענער פון טאַדזשיקישע ניגונים, פון היים־פאַרנאַכטיקן דרויסן האָט זיך אַריינגעריסן דאָס קוואַקעריי פון די זשאַבעס, וואָס האָבן זיך געמערט און געפּרוכפּערט אין דערנעבנדיקן „האַוז" (וואַסער־גרוב), פון וועלכן אַבדולאַיעוו האָט געצויגן די גאַנצע טיי־יניקה פאַר זיינע מעשענע סאַמאָוואַרן, וואָס האָבן ברענענדיק, קאָכנדיק און סאַפּענדיק צוגעגרייט בשפע דאָס וואונדערבאַרע נאַציאָנאַלע געטראַנק — טשיי.

2

## „ביעזשענצעס"

פאַרנאַכט, ווען דער מאַרק־האַנדל איז אָפּגעשטאָרבן און די פאַבריק־סירענעס האָבן זיך צעוואָיעט, רופנדיק די צווייטע „סמיענע", האָבן זיך דאָ אויך פאַרזאַמלט די „ביעזשענצעס" — שאָטנס פון אַמאָליקע מענטשן אין געלאַטעטע מלבושים און מיט אייביק הונגעריקע אויגן.

אַ שטענדיקע אימה איז ווי אויסגעגאָסן געווען אויף זייערע געזיכטער. אַז מען איז איבערגעקומען אַ טאָג פון טריפהנעם האַנדל, אָדער בשלום אַדורך די וואַך ביים פאַבריק־טויער, איז מען אַריין אין דער טשייכאַנאַ, אויסגעטאָן די לייוונטענע טאָרבע, פון וועלכער אַ גליקלעכער האָט נאָך אויסגעגראַבלט אַ שטיקל פאַרטריקנט ברויט, אַמאָל אויך אַ יונג ציבעלקעלע, אַ פּאָר אורוקן; איינער האָט ביים צווייטן געפרעגט אויף נייעסן און פאַרטרונקען מיט אַ שעלעכל גרינעם טיי די מידע עלנטקייט פון היסן טאָג.

אַבדולאַיעוו האָט פיינט געהאַט די דאָזיקע „געסט", פאַר אַלע געהאַט איין נאָמען — „אַבראַש"; אין אָנפאַנג — נישט געוואָלט זיי אַריינלאָזן, מורא געהאַט, אַז די דאָזיקע פרעמדע זאָלן נישט פאַרטרייבן די אַלטע שטאַם־געסט, די ברידער מו־זולמענער. האָבן אָבער די ביעזשענצעס געקלעפּט צום דאָזיקן אָרט. דאָ האָט מען געקענט זען דעם גאַנצן פּלאַץ אַרום מאַרק, דאָ האָט מען אַמאָל געקענט פאַרקויפן אַ העמד, אַ שטיקל לייוונט אַ טיי־טרינקענדיקן קאָלכאָזניק. האָט אַבדולאַיעוו געזען, אַז ער וועט נישט אויספירן.

האָט ער זיי צוגעטיילט אַ ווינקל, צונויפגעקלאַפּט צוויי טישן מיט בענק, מחמת די פרעמדע האָבן זיך אַליין נישט גע־קענט אויסלערנען זיצן מיט די פיס אונטער זיך, און ביסלעכוויין אַליין שטיל צוגעהאַנדלט מיט זיי.

אין דאָזיקן ווינקל איז געווען אַ צווייטע וועלט, אַ וועלט פון איין געדאַנק: ווי אַזוי לעבט מען איבער אַ טאָג. דאָ האָבן אויך אַמאָל צוויי געטרונקען פון איין פּיאַלע, מחמת איינער האָט נישט פאַרמאָגט צו באַצאָלן פאַר אַ גאַנץ טשייניקל טיי. דאָ האָט מען נישט געקאָכט קיין פּלאָוו, נישט גערויכערט קיין אָפּיום — פון דאָזיקן ווינקל האָט זיך געטראָגן אַ כסדרדיק קלאַפּן פון שטיינדלעך מיט וועלכע די ביעזשענצעס האָבן צעקלאַפּט צונויפגעקליבענע אורוק־קערלעך, און מיט די זיסע מאַנדלען פאַרטרונקען די ביטערע טיי. גיריקע אויגן האָבן דאָ אַריבערגעקוקט צו די פולע טעלער מיט שפּייז און פירות, גע־וואַרט טאָמער פאַרבלייבט עפּעס נאָך אַ גאַסט, און דאַן האָבן זיך צוויי־דריי מיט אַמאָל געוואָרפן אויף די שיריים. אין דאָזיקן ווינקל איז מען געזעסן, געקראַצט זיך און געוואַרט אויף דער סוואָדקע פון מאָסקווע, וואָס האָט דערציילט נייעסן פון די פראָנטן.

דאָ האָט מען זיך דערציילט פון אַרעסטן, פון מוסרים פאַר וועלכע מען דאַרף זיך היטן, פון אַ חבר וואָס איז אוועקגעפאַלן אויף טיפוס, פון אַ צווייטן וואָס איז ביינאַכט אַנטלאָפן, נעלם געוואָרן באַצייטנס.

דאָ האָט מען גערעדט גאָר שטיל אין כלערליי שפּראַכן; דורך אַ וואונק זיך פאַרשטענדיק; אָפּגעשטעקט איינער דעם צווייטן אַ ברויט־קאַרטע, אַ שטיקל צייטונג מיט אַ ידיעה וועגן נייע געזעצן, וועגן פּעסער, אַרמיי־אַרבעטס־באַטאַליאָנען.

דאָ האָט מען געזאַמלט אויף תכריכים פאַר איינעם וואָס איז געשטאָרבן אָן אַ העמד אויפן לייב. דאָ האָט דער משוגע־געוואָרענער אינטעליגענט, גאַרבער, רעציטירט שטיקער פון מיצקעוויטשעס „ליטע, פאָטערלאַנד מיינס", און זיך פּלוצים פאַרקייכט אין זיין משוגענעם געלעכטער, וואָס האָט נישט פריער אויפגעהערט ביז מען האָט אים נישט געגעבן אַ שטיקל ברויט.

אַבדולאַיעווס טשייכאַנאַ־ווענט אין דאָזיקן ווינקל פון די ביעזשענצעס זענען אויך געווען פאַרקלעפּט מיט מודעות פון „פּוילישן פּונקט" אין רוסיש און פּויליש וועגן קרובים וואָס זוכן זיך אַרום. דאָ האָט מען זיך אויך בסוד דערציילט וועגן אַ נאָמען פון אַ רב אין טעהעראַן, וואָס אַז מען שרייבט אים אָן אַ קאַרטל, באַקומט מען צוגעשיקט אַ פּעקל פון „דזשאָינט", הגם נישט אַלע האָבן געגלויבט, מורא געהאַט, אַז ס'איז אַ שפּיצל פון די פיר אותיות (נ.ק.וו.ד.). דאָ איז אַריינגעקומען ערליך „דער רב", וואָס האָט געהאַנדלט מיט פלעשלעך כלאָפּאָק־אייל... איבער דעם דאָזיקן אייל־פאַבריקל פון „רב" האָבן זיך ביעזשענצעס געוויצלט, דערציילט אַז זיין ווייב וואָס אַרבעט אין אַ אייל־פאַבריק, טונקט אַלע טאָג איין די „מייטקעס" אין אייל און ביינאַכט, אַהיימקומענדיק, קוועטשט זי זיי אויס און פּילט אָן פלעשלעך מיט אייל, וואָס איר מאַן פאַרקויפט צו די טאַדזשיקן און טשייכאַנאַס.

דאָ פלעגט אויך אַריינקומען טרינקען אַ טשייניקל טיי מאַנדל.

מאַנדל איז געווען אַן אויסנאַם צווישן די ביעזשענצעס. אין דער אַלטער היים איז ער געווען אַ וואָיאַזשאָר, גאַנצע וואָכן פאַרברענגט אין די באַנען; געהאַט אַ געשליפן צינגל און געווען פול ווי אַ מילגרוים מיט מעשיות און צוגעפּעפערטע וויצן. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, פיינט געהאַט אַרבעט בתכלית השנאה און גענומען פון לעבן מיט ביידע הענט.

דורך די יאָרן פון וואַנדערן, תפיסות און הונגער האָט




זיך מאַנדל איינגאַנצן פאַרענדערט. ער האָט געזוכט איינזאַמקייט, געוואָרן שטיל און שטענדיק עפּעס ווי פאַרטראַכט. די גאַנצע צייט געאַרבעט אין אַ פאַבריק און שטאַרק צוגעהונגערט. ער האָט אַפילו נישט פּרובירט, ווי אַנדערע, צוהאַנדלען, אויסטוישן, קויפן, פאַרקויפן. די ביעזשענצעס האָבן מורא געהאַט פאַר זיין אַנדערשקייט און כמעט ווי אויסגעמיטן אים. און כאָטש ערליך „דער רב" האָט געהאַלטן פון אים, דערציילט אַז ער איז אַ בן־תורה, האָט זיך מאַנדל געהאַלטן פון „רב" פון דער ווייטנס.

איין פריינד האָט מאַנדל געהאַט — דאָס איז געווען דער בוכאַרער פאַרבער אין דער פאַבריק וואו ער האָט געאַרבעט — מאָיסעי מאָיסעיאָוו, דער שטילער „חכם" פון די אָרטיקע בוכאַרער יידן וואָס פלעגט אין די נעכט בסתר לערנען זוהר, פּראַווען אַפילו חצות און וואַרטן אויף גילוי אליהו.

באַקענט האָבן זיי זיך צופעליק. מאַנדל איז אַרויס פון צעך פאַררויכערן, קומט צו אים צו דער בוכאַרער נאָך פייער. פאַררויכערט, פרעגט אים דער בוכאַרער פּלוצים:

— ישראל?

— דאַ, ישראל.

פאַלט ווידער אַ פראַגע:

— מצות יש לך?

מאַנדל האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז ס'איז ערב פּסח, ענט־פערט ער מיט אַ שמייכל:

— ניעט, אי ניע בודיעט.

פרעגט אים דער בוכאַרער וואו ער וואוינט.

פאַרנאַכט איז מאָיסעיאָוו געקומען מיט אַ פּעקל. אין אַ שוואַרץ געהאָפטן טיכל איז געווען איינגעפּאַקט אַ פּאָר מצות, אַ פלעשל אייגן געמאַכטן וויין און אַ בוכאַרער הגדה.

זיי זענען געוואָרן נאָענטע פריינד, באַקומען צוטרוי איינער צום אַנדערן. מאָיסעיאָוו האָט באַקומען גרויס דרך־ארץ צו מאַנדלען, וואָס האָט נאָך געדענקט דאָס לערנען אין דער פּויליִשער ישיבה.

— ביי אונדז וואָלסטו געקענט זיין אַ חכם, — פלעגט ער זאָגן, און נישט געקענט גלויבן, אַז דאָרטן ערגעץ אין ווייטן פּוילן האָבן יידן געלערנט תורה.

און כאָטש מאַנדל איז געווען ווייט נישט נאָר פון פרומקייט, נאָר פון רעליגיעזע געפילן בכלל, האָט ער ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט דעם דאָזיקן פאַרחלומטן בוכאַרער ייד...

3

## בוכאַרער דאַווענען

די נאַכט איז האַסטיק צוגעפאַלן מיט אַמאָל, ווי ס'וואָלט ווער איבערגעדעקט מיט אַ טיפן קאַפּל דעם טאָג.

די היץ איז לגמרי נישט לייכטער געוואָרן. פאַרקערט, ס'איז געוואָרן פיינלעך צו פילן די היץ, נישט זעענדיק קיין פּיצל זון. דער הימל האָט געהויערט אַ נידעריקער און גע־פינקלט מיט אומצאָליקע שטערן.

דאָס וואַסער פון אָפּגעלאָזענעם ווייטן פערגאַנער קאַנאַל האָט האַסטיק געריזלט, געמאַכט זיך אַ וועג דורך די אומצאָליקע אַרוקן (קאַנאַלן), פריידיק זיך איבערגעגאָסן און בלאָטיק געמאַכט דעם טרוקענעם ליימיקן באָדן, טראָגנדיק מיט זיך די ברכה פון קוקורוזע־גערעטעניש.

אַ דורכפאָרנדיקער טאַדזשיק אויף אַן אייזעלע האָט וויגנדיק זיך מאָנאָטאָן אויסגעזונגען אַ מזרח־ניגון, ווי ער וואָלט מעביר סדרה געווען. פון אַ זייטיק געסל האָט זיך אויסגעשיילט די הויכע געשטאַלט פון מאָיסעי מאָיסעיאָוו. ער האָט געשפּאַנט אין ווייכע שטיוול, אַריינגעטאָן אין שווערע קאַלאָשן, ווי ס'וואָלט איצטער געווען אַ טיפע טאַדזשיקישע ווינטער־בלאָטע אונטער די פיס. פון זיין קאָפּ האָט אין דער טונקלקייט אַראָפּגעפינקלט זיין רויט סאַמעטן קאַפּעלע, און צוויי לאַנגע שוואַרצע וואָנסעס האָבן געוואָרפן אַ שאָטן איבער זיינע מויל־ווינקלען, מאַכנדיק אים ענלעך צו די בילדער פון די אַמאָליקע קאָזאַקן.

מאַנדל איז שנעל אַרויס פון דער טשייכאַנאַ. צוויי שאָטנס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן און אַוועקגעשפּאַנט דורך די שטויביקע געסלעך, וואָס האָבן זיך דאָ געשלענגלט פאַרדרייט, פון איין בלינד געסל אין אַנדערן.

די לבנה איז פון ערגעץ אַרויסגעשוואומען און באַשיינט די ליימיקע חורבות, די ליידיקייט פון די געסלעך, און געצייכנט צוויי לאַנגע שאָטנס, וואָס האָבן זיך באַוועגט פאָראויס — —

אין איינער פון די געסלעך, ביי אַן אַלט געשניצטן טויער, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, אַריין אין אַ ליידיקן הויף, אַדורך נאָך אַ טויער און ווידער זיך געפונען אין אַ חורבה, אַרומגע־רינגלט מיט ליימיקע בלינדע ווענט.

מאָיסעי מאָיסעיאָוו האָט מיט זיכערקייט געשפּאַנט אין דער פינצטערניש; מאַנדל האָט זיך באַמיט נישט צו פאַרלירן אים פון אויג. ער האָט זיך דערמאָנט אין די שפּאַנישע אַנוסים און זייערע באַהאַלטענע בתי־תפילות. און דאָס געפיל, אַז אויך ער איז היינט איינער ווי זיי, האָט ווי לייכטער געמאַכט די דושנעקייט פון דער נאַכט. ער האָט געפילט דאָס שווייסיקע העמד, וואָס האָט געקלעפּט צו זיין לייב, און געהערט דייטלעך דאָס קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ. ער האָט מיטגעשפּאַנט, זיך געפּלאָנטערט אין די לאַבירינטן, אָנהאַלטנדיק זיך ביי דער האַנט פון זיין בוכאַרער פריינד. מיט אַמאָל זענען זיי אַריין אין אַ ליכטיקן הויף. מאַנדל האָט דערזען אַן עקזאָטיש בילד.

אויף אַ ברייט הילצערן בעט אין מיטן פון אַ ליימיקן הויף, באַדעקט מיט טעפּיכער, זענען געזעסן, די פיס אונטער זיך, בוכאַרישע פרויען, די ווייבער און טעכטער פון די שיך־פוצער און לאַטוטניקעס, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר געפּוצט און געלאַטעט שיך, אויסגעזעצט אין הילצערנע אַרטעל־ביידלעך אַרום די באַזאַרן און טשייכאַנאַס.

איצטער האָבן זיי אויסגעזען ווי פאַרצייטישע בת־מלכות. אין לאַנגע, ווייס־זיידענע קליידער, פאַרשפּילעטע ביזן האַלדז, אין פאַרביקע, מיט פליטערלעך באַנייטע קאָפּ־טיכלעך, זענען זיי געזעסן און שווייגנדיק זיך צוגעהערט צו אַ מאָנאָטאָנעם מזרח־ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אָפענע טיר און פענצטער פון אַ ליימיקער קיביטקע. זייערע אַקסלען האָבן שטיל געציטערט אין אַ תפילהדיקן געוויין.

מאַנדל איז אַריין נאָך מאָיסעיאָוון אין אַ חדר באַלייגט מיט דיוואַנעס. אַרום, ביי די ווענט, אויף דער ערד, זענען גע־זעסן, די פיס אונטער זיך, די מתפּללים, אַ טייל אין אַלט־געלבלעכע טליתים, מיט קינדער אין די אָרעמס, און נאָכגעזאָגט דעם חזנס זוהר־פּסוקים. מאָיסעי מאָיסעיאָוו איז צו צום שולחן, אויף וועלכן ס'האָבן געצאַנקט אַ פּאָר האַלבע ליכטלעך אין בלעכערנע רערלעך: ער האָט אַ קוש געטאָן די ספר־תורה, וואָס איז געשטאַנען אויפן שולחן אין אַ האַלב רונד קעסטל, אָן עץ־החיימס, זיך פאַרוויקלט אין טלית און צעוויגט זיך מיט אַ שאָטן אויף די אַרומיקע ווענט.

— כל נדרי ואסרי...

מיט עפּעס אַ פרעמדן מאָנאָטאָנעם ניגון האָבן זיך די ווערטער געהערט פון מאָיסעיאָווס מויל.

מאַנדלען האָט זיך פּאַר אַ ווייל אויסגעדוכט, אַז ער זיצט נאָך אַלץ אין אַבדולאַיעווס טשייכאַנאַ און דער ניגון טראָגט זיך פון כאָרכלענדיקן ראַדיאָ־טעלער.

ער איז געשטאַנען ביי דער טיר, זיך אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּן דעם ניגון, דעם פרעמדן סדר פון די תפילות. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די פּנימער פון די מתפללים, פון וועלכע ס'האָט געשלאָגן אַ מידע טעמפּקייט און פאַרשלאָפנקייט. אַלץ דאָ האָט געאָטעמט מיט שפלות, מיט אָרעמקייט; קינדער, אָפּגעריסענע, מיט שמוציקע באָרוועסע פיסלעך, האָבן זיך געפּלאָנטערט, געלאָפן אַריין און אַרויס — קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט.

מאַנדל האָט דערפילט אַ ליידיקייט, אַ ביטערע אַנטוישונג. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געגרייט צו דער דאָזיקער תפילה, געמיינט, ער וועט זיך פאַרבינדן אין דער דאָזיקער נאַכט מיט דער פאַרלאָזטער היים, מיט זיין פרוי, מיט זיין גאַנצער משפחה וואָס איז פאַרבליבן דאָרט ביים דייטש; איצט וואָלט ער שוין ליבערשט געוואָלט זיין מיט זיך אַליין, אַוועקזעצן זיך ערגעץ, אַריינגעמען דעם קאָפּ צווישן די אייגענע הענט און שטיל, אין זיך, אויסוויינען דעם חורבן פון זיין פאַרלוירענער וועלט. אַלץ דאָ איז אים פאָרגעקומען פרעמד און שפלדיק.

ער איז אַרויס אויפן הויף. די פרויען זענען נאָך אַלץ געזעסן ווי פריער, געוויגט זיך ריטמיש צום קלאַנג פון דעם פאַר זיי באַקאַנטן ניגון, און מיט די הענט געשיקט לופט־קושן צו דער תורה.

אַ יונג אין אַ זעלנערישער בלוזע איז צו צום כיור, אָנגעשעפּט פון בלעכערנעם העמער אַ קווערטל וואַסער, און פאַר אַלעמען אין די אויגן אַריינגעגאָסן אין זיך מיט דורשטיקער גיריקייט.

מאַנדל האָט מער נישט געוואָלט דאָ זיין, געזוכט דעם וועג אויף צוריק, געטאַפּט מיט די הענט פאַר זיך ווי אַ בלינדער, געלאָפן דורך די פינצטערע לאַבירינטן, באַגאָסן מיט שוויים און געבענקט צו דערזען ווידער דעם הימל איבער זיך. ענדלעך איז ער אַרויס פון לעצטן טויער.

אין דער שטילקייט האָט אָפּגעהילכט דער גערויש פון אַ פאַרביילויפנדיקן צוג. לאַנג האָט דער גאַנצער אַרום מיטגעציטערט מיט דעם טרייסלען זיך פון די לויפנדיקע עשאַלאָן־וואַגאָנען. אַ מעכטיקער פייף, ווי אַ פאַרצווייפלונגס־געשריי, האָט זיך געריסן פון צוג אין דער שטילקייט פון דער הייסער נאַכט.

אַן אויסגעלײדיקטער פון אַלע געפילן האָט זיך מאַנדל אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטיין נעבן אַן אייזל־שטאַל, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעפינקלט אַ הענגענדיקע נאַפט־לאָמפּ.

פון דערנעבנדיקן ברויט־זאַוואָד האָבן זיך געטראָגן זיסע ריחות פון פריש געבאַקן ברויט, וואָס האָבן מאַנדלען גערייצט, אויפגעוועקט דאָס חלשות־געפיל פון זיין שטענדיק הונגעריקן מאָגן. ער האָט דערפילט אַ פלוצימדיקע קעלט און אַ הינטישע עלנטקייט האָט אים ווי אָנגענומען פאַרן האַלדז. ער האָט בשום אופן נישט געקענט זיך אָריענטירן וואו ער געפינט זיך און באַשלאָסן אַזוי איבערזיצן די נאַכט — — — — — — — — — —

## 4

## דער ניגון

מאַנדל האָט פאַרמאַכט די אויגן, געוואָלט פאַרגעסן דאָס בוכאַרישע מאַראַנען־שולעכל, די פאַבריק, זיין גרוי ביטער לעבן.

ער האָט זיך דערמאָנט אַ כל־נדרי־נאַכט מיטן טאַטן אין גערער שטיבל, דאָס זיסע דאַווענען פון ר' העניך סגי־נהור, דעם בעל־בכי, ווי מען האָט אים גערופן אין שטיבל.

ער געדענקט נאָך די זיסקייט פון זיין „לדוד מזמור"...

— לדוד מזמור... — האָט ער אָנגעהויבן ברומען. מיט אַמאָל איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקער חשק צו זאָגן אַליין, דאָ אויפן שטיין, כל־נדרי; זאָגן מיטן זעלבן ניגון ווי ר' העניך סגי־נהור האָט געזאָגט, ווי זיין טאַטע האָט געזאָגט, ווי אַלע יידן אין דער וועלט זאָגן איצט, אין דער דאָזיקער נאַכט.

ער האָט געפּרואווט אַרויסברומען די ערשטע טענער, אָבער נישט געקענט דערמאָנען זיך דעם ניגון, דעם הייליקן ניגון, וואָס האָט זיך טיף פאַרקריצט אין זיין „איך", פאַרבונדן מיט אַזויפיל לעבעדיקע בילדער פון זיין יוגנט. נישט די תפילה האָט ער איצט געזוכט. ער האָט געדענקט די ווערטער פון דער תפילה, אָבער ער האָט געוואָלט זינגען דעם ניגון פון יידישן צער, אומעט און חשבון־הנפש. ער האָט דורך דעם ניגון ווידער געוואָלט הערן דעם טאַטנס קרעכץ, דער מאַמעס געוויין. ער האָט דערפילט, ווי נאָך קיינמאָל פריער, אַ באַדערפעניש אויסצולאָדן זיין עלנטקייט, זיין געפאַלנקייט דורך קלאַנגען אַזעלכע, וואָס זאָלן אויפבינדן דעם קניפּ אין זיין האַלדז, זאָלן ווידער עפענען לעבעדיקע טרערן־קוואַלן אין זיינע אויגן.

זיצנדיק דאָ אַליין ביים אייזל־שטאַל, האָט ער נאָך שטאַרקער דערפילט די גאַנצע זינלאָזיקייט פון זיין איצטיק לעבן.

ער האָט איצט געוואָלט זיין כאָטש ווי די אייזלען אין דערנעבנדיקן שטאַל, וואָס האָבן אַזוי שאַרף און אומגעשטערט אויסגעשריגן זייער אייזל־בענקשאַפט אין דער נאַכט.

אָבער דער ניגון, דער אַלטער ניגון פון כל־נדרי, איז איצט געווען פאַר אים אומדערגרייכבאַר, און וואָס מער ער האָט אָנגעשטרענגט זיין זכרון, אַלץ ווייטער איז דער דאָזיקער ניגון אַוועק פון אים.

ער האָט מער נישט געקענט איינזיצן.

שווער האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטיין און אַוועקגעשפּאַנט צום בנין פון ברויט־זאַוואָד, פון וואַנען ס'האָבן זיך אַלץ שטאַרקער געטראָגן די ריחות פון פריש־געבאַקענעם ראַזאָוואַנעם ברויט.

צוקומענדיק צו דער מויער האָט מאַנדל דערזען אַ מענטש צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. ער איז צוגעגאַנגען נענטער, געוואָלט כאָטש אויפבינדן אַ ביסל די צונג, אַ רייד טאָן מיט וועמען, און — דערזען דאָס געלע פּנים פון בעריש קופּער.

אַלע „ביעזשענצעס" האָבן געקענט בערישן. ער האָט געהאַנדלט מיט ברויט, געטאָן מענטשן טובות. געזאָגט האָט מען, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ גביר, אַ גרויסער סוחר פון וואַרשע. מיט אַ צייט צוריק האָט אים ווער אָפּגעמסרט, מען האָט בערישן אַרעסטירט אין מיטן גאַס מיט אַ גאַנץ ברויט אונטערן אָרעם און אַ פּאָר איבעריקע ברויט־קאַרטן אין קעשענע...

איצט איז ער דאָ געשטאַנען ווילד באַוואַקסן, מיט אַ געשוואָלן געל פּנים, קרועה־בלועה, און אַ פּאָר גרויסע צעטשאַפּעטע טורמע־שיך פון אַלטע גומי־רעדער אויף די פיס. זיין גאַנצער גוף האָט געציטערט און זיין מויל האָט זיך געטרייסלט, קלאַפּנדיק אַ צאָן אין אַ צאָן.

מאַנדל איז ווי צוגענאַגלט געוואָרן. נאָך אַ ווייל האָט ער קוים אַרויסגעבראַכט:

— וואָס טוט איר דאָ, ר' בעריש?

אַ ווײלע איז געווען שטיל. בעריש האָט זיך באַמיט אַרויסצוברענגען אַ ענטפער, נאָר דער מאַלאַריע־שווידער האָט אומאויפהערלעך געקלאַפּט מיט זיינע ציין.

ענדלעך האָט ער אַרויסגערעדט:

— מאַנדל, איר האָט מיך דערקענט?

— האַ, אַ שיינער לייט געוואָרן?

ער האָט ווי אַרויסגעוויינט:

— כ'קען נישט גיין, כ'בין קראַנק... האָבן זיי מיך אַרויסגעלאָזט, אַרויסגעוואָרפן ווי אַ שטיק נבלה אין גאַס...

מאַנדלען האָט פאַרקלעמט.

ס'האָט אים אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות. ער האָט אָנגענומען בערישן ביי דער האַנט און פאַמעלעך אים צוגעפירט צום ראַנד פון דער גאַס, געהאָלפן אים זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד און אָנגעשפּאַרט בערישעס קאָפּ אויף זיך.

— טוט מיר אויס די שיך, כ'קען נישט אַליין — האָט זיך בעריש געבעטן.

מאַנדל האָט באַפרייט בערישעס געשוואָלענע פיס און געהאָלפן אים אַריינשטעלן זיי אין וואַרעמען לויפנדיקן אַרוק־וואַסער.

— כ'בעט אייך, פאַניע מאַנדל, — האָט בעריש שטיל געקרעכצט, קוים אַרויסגערעדט, — זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ טאָג איז היינט? כ'האָב פאַרלוירן דעם גאַנצן חשבון. זיי האָבן מיך גוט צורעכט געמאַכט, די באַפרייער, האַ, פאַניע מאַנדל?

— ר' בעריש, איר וועט זיי נאָך איבערלעבן, ווי ס'איז היינט יום־כיפור ביינאַכט, — האָט מאַנדל מיט גלויבן אַרויסגערעדט.

בעריש האָט זיך האַסטיק אַ דריי געטאָן, אַ קוק געטאָן אויף מאַנדלען מיט אַ ווילדן בליק:

— וואָס רעדט איר? יום־כיפור ביינאַכט? אויף זיכער?...

— אויף זיכער... אויף זיכער... — האָט מאַנדל מיט ביטערקייט אָפּגעענטפערט, — דאָס גיי איך טאַקע צוריק פון אַ כל־נדרי ביי די בוכאַרער. די אמתע כל־נדרי־נאַכט, האַ, ר' בעריש?

אָבער בעריש האָט שוין מער נישט געפרעגט און נישט געענטפערט. מיט אַ קרעכץ האָט ער זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אינגאַנצן אויף דער ערד. דער מאַלאַריע־אַטאַק איז ווי אינגאַנצן פון אים אַוועק.

ס'איז געוואָרן זייער שטיל. מען האָט נאָר געהערט דאָס זשאַבע־קוואַקעריי פון ערגעץ נאָענט.

מאַנדל האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן געשוואָלענעם גוף, וואָס איז געלעגן נעבן אים און איז געבליבן זיצן פאַרטיפט אין רעיונות.

בעריש האָט איינגעטונקען זיינע געשוואָלענע הענט אין וואַרעמען לויפנדיקן וואַסערל. דאָס וואַסער האָט געוואַרעמט און געגלעט די פאַרשטאַרטע קאַלטע הענט, ביסלעכווייז זיי דערוואַרעמט. די פריערדיקע מאַלאַריע־קעלט האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט אין אַ גליענדיקער היץ און פאַרוויגט בערישן, געמאַכט אים פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך.

ער איז מער נישט געלעגן דאָ ערגעץ ביי אַ טאַדזשיקיש קאַנאַלעכל, באַוואַכט פון אַן עלנטן חבר.

ער איז איצט געווען ווידער ווי אַמאָל, ר' בעריש קופּער, פון וואַרשע, דער גביר און חסיד; געזעסן אין דער גרויסער סאַליע פון זיין גערוימער דירה, ביי אַ יום־טובדיקן טיש... די פיר זין, שלום, ברוך, חיים און נתן, ביים טיש... מען עסט שווייגנדיק, ס'איז די סעודה המפסקת... אַן אימהדיקע שטילקייט... מען עסט בחפזונדיק... זמן ליכט צינדן... פרימעט זיין ווייב, אין אויפקאַרבירטן בלאָנדן שייטל, מיט אַ פרום פאַרוויינט פּנים, בענטשט ליכט... אַזויפיל לייכטער מיט ליכט... פלעמלעך וואָס צאַנקען און פינקלען... בעריש יאָגט זיך שטאַרק, ער לייגט אָפּ דעם טלית...

בעריש וויגט זיך... דערפילט די ערד אונטער זיך; דאָס וואַסער וואָס שווענקט זיינע פינגער. באַלד פאַרוויגט די ברענענדיקע מאַלאַריע־היץ נאָך מער זיין גאַנצן גוף.

ער איז אין „שטיבל", אין זיין „גערער שטיבל". אַ היץ, אַ שטיקעניש... איבעראַל ליכט, ביים עמוד און אין גרויסע קאַסטנס מיט זאַמד, אַרום ביי די טישן. דער עולם זאָגט תפילה־זכה, איינער דריקט דעם אַנדערנס הענט: אַ גמר חתימה טובה...

בעריש פילט ווי ס'ווערט אים אַלץ הייסער. זאָל שוין דער חזן אָנהויבן... שאַ, דער חזן זאָגט „כל־נדרי". בעריש דערפילט ·אַזאַ טיפן באַגער מיטצוזאָגן, מיטצודאַווענען מיטן חזן, מיטן עולם מתפללים:

— כל נדרי ואסרי...

און מיט אַמאָל האָט דער געשוואָלענער בעריש אָנגעהויבן זינגען שטיל, זייער שטיל און דאָך קלאָר; אינגאַנצן קלאָר האָבן זיך געטראָגן אין דער טאַדזשיקישער נאַכט די טענער פון אַלטן כל־נדרי־ניגון. דער אייגענער ניגון, נאָך וועלכן מאַנדל האָט אַזוי שטאַרק געבענקט און נישט געקענט זיך אים דערמאָנען:

— כל נדרי ואסרי...

האַרציק, נאָגנדיק, פול מיט בענקשאַפט, צער, רחמנות און ליבע, האָט זיך דער ניגון געהערט נישט ווי אַ תפילה, נאָר ווי אַ שטיל געוויין:

— כל נדרי ואסרי...

דער ניגון איז מער נישט געווען קיין תפילה, ס'איז געווען דאָס לעצטע געזאַנג פון אַ פאַרשטויסענעם מענטש אין אַ פרעמדער איינזאַמקייט. מאַנדל האָט דאָס דערפילט.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן בערישן, ער האָט געפילט ווי דער ניגון נאָך וועלכן ער האָט אַזוי געבענקט, האָט איצטער באַקומען זיין אמתן מיין, זיין תיקון. און ער האָט נישט מיטגעזונגען, נאָר זיך איינגעהערט, איינגעזאַפּט די טענער אין זיך.

באַלד האָט ער זיך אַנידערגעלייגט נעבן בערישן, אַרומגענומען זיין פלאַמיקן גוף און זיך צעהעשעט אין אַ פאַרשטיקט געוויין — — — — — — — — — — — — —

מיט אַמאָל האָט דער ניגון אויפגעהערט.

מאַנדלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיין חבר ציטערט ווידער אין אַ נייעם מאַלאַריע־אַטאַק. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעטאָן זיין רעקל און איינגעדעקט בערישן.

אָבער בעריש האָט נאָר אַ שטילן קרעכץ געטאָן און זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט.

ווען מאַנדל האָט זיך אַריבערגעבויגן צו זען דאָס פּנים פון זיין חבר, האָט זיך שוין זיין בליק צונויפגעטראָפן מיט צוויי אָפענע פאַרשטאַרטע אויגן, וואָס האָבן מאָדנע אָפּגעשלאָגן פון אַ געל, געשוואָלן, טויט פּנים.

פון מזרח איז פאַמעלעך אויפגעגאַנגען אַ העלקייט און אַ רויטלעכער שטרייף האָט זיך געצייכנט אויפן האָריזאָנט.

מעלבורן, 26־טער אויגוסט, 1953.

ג. טשאַרנעזאָן־שאַיאַק

Copyright by G. Shaiak

# בענווענידאַ

## (היסטאָרישע דראַמע)

### אַקט דריי

די זעלבע סצענע ווי אין ערשטן אַקט. אין פּאַלאַץ פון דאָן סאַמועל אַברבנאל. סייאָר 1540. ברוך דע בענוועניטאָ אין אַ וויכוח מיט אַלבערט ווידמאַנשטעטער, וועלכער האַלט ביים אָפּפאָרן פון נעאַפּאָל.

ברוך: מיין נאָבעלער פריינד, דו וועסט אונדז דאָ אַלעמען פעלן. וועסט אונדז זייער פעלן. דיין אָרט אין דער ישיבה וועט בלייבן ליידיק...

ווידמאַנשטעטער: קרוב צוואַנציק יאָר ווי כ'זיץ דאָ. און מיר דאַכט זיך, אַז ערשט נעכטן בין איך דאָ אָנגעקומען.

ברוך: אונדזערע חכמים זאָגן: ביים עוסק זיין אין דער תורה, פאַרגעסט מען שטח און צייט...

ווידמאַנשטעטער: (מיט אַ זיפץ) האָב איך זיי טאַקע פאַרגעסן... און די יאָרן זענען אומבאַמערקטערהייט פאַרביי. יאָ, אין אַ שווערן מאָמענט מוז איך אייך פאַרלאָזן... מיין צייט האָט זיך געענדיקט און כ'מוז זיך אומקערן אהיין, פון וואַנען כ'בין געקומען.

ברוך: אַלץ איז מן השמים, מיין טייערער פריינד אַלבערט. דו וועסט פאַר אונדז בלייבן אַ לעבעדיקער באַווייז, אַז אין דער וועלט פון אומגערעכטיקייט און פינצטערניש איז פאַראַן אויך אַ ליכטיקער שטראַל...

ווידמאַנשטעטער: (טיף נאָכטראַכטנדיק) אָפּטמאָל, מיין פריינד און רבי ברוך דע בענוועניטאָ, שעם איך זיך אַליין, פשוט פאַר זיך אַליין, וואָס כ'בין אַ דייטש... געבוירן אַ דייטש... ווען כ'גיב אַ טראַכט וועגן דער העסלעכער פּראָפּאַגאַנדע און פאַרפאָלגונגס־אַקציע פון מיינע מיטבירגער, מיט לוטערן בראש, קעגן אייך יידן, ווייטיקט אַלץ אין מיר.

ברוך: (שטעלט זיך אויף. מיט עקסטאַז) דאָס זענען אַלץ פאַלשע נביאים, וואָס זוכן אויפצורייצן קעגן אונדז דעם המון. און אויפן חשבון פון אונדזער דערנידערונג, זוכן זיי זיך אַליין צו דערהויבן... ווען מלך המשיח וועט קומען, וועלן די ביל־דער פון אומגערעכטיקייט און די פאַלשע נביאים און דער רוח־הטומאה פאַרשניטן ווערן פון דער וועלט.

ווידמאַנשטעטער: איך וועל נישט רוען, אַזוי העלף מיר גאָט, ביז איך וועל זיי דאָרט, אין מיין געבורטסלאַנד, דייטשלאַנד, נישט זאָגן דאָס אַלץ, וואָס איך וויים. כ'וועל פאַר זיי אויפ־דעקן אַלע ליגנס פון די פאַלשע אויסטייטשער פון דער תורה און פון די שונאים פון דיין פאָלק ישראל... כ'וויים, ס'וועט פאַר מיר זיין זייער אַ שווערע אויפגאַבע. זייער אַ שווערע, בפרט איצט, ווען לוטערס השפעה איז געוואַלטיק געשטיגן. פּרינצן און קיניגן שטייען צו זיין דינסט... זיי זעען אין אים דעם אויסלייזער פון דער העגעמאָניע פון רוים און פּויפּסט.

ברוך: און אין דער מלחמה צווישן לוטערן און רוים זענען ווידער מיר, יידן, אויפן שאַרף פון דער שווערד... מיר זענען דער איינציקער קרבן... שטענדיק און אין אַלע צייטן צאָלן מיר פאַר פרעמדע פאַרברעכנס... שטענדיק צאָלן מיר פאַר פרעמדע זינד מיט אונדזער בלוט און לעבן...

ווידמאַנשטעטער: ווייל דער המון איז שטענדיק און אומעטום פינצטער און ס'איז אים לייכט אויפצורייצן. ער איז דער ברענשטאָף פאַר העצער און אונטערצינדער. און העצער וועלן שטענדיק און אימעטום זיין, ביז לעולם ועד... אָבער מ'דאַרף פּרוּוון אָנווענדן אַלע מיטלען, ווי אַזוי צו געווינען דאָס האַרץ פון המון און זיי ווייזן דעם וועג צו ליכט. יאָ, זייער אַ שווערע אויפגאַבע שטייט מיר דאָרט פאָר, צו קעמפן קעגן אַזויפיל גיפט... כ'וועל זיך אָבער פאַר גאָרנישט אָפּ־שרעקן, אַזוי העלף מיר גאָט!...

ברוך: הויכגעשעצטער ווידמאַנשטעטער, זאָלסט מיט השם יתברכס נאָמען מצליח זיין!

ווידמאַנשטעטער: מיר איז זייער שווער דאָס דאָזיקע הויז צו פאַרלאָזן. דאָ בין איך אויפגעגאַנגען אין ליכט און כ'האָב מיין צווייטע יוגנט איבערגעלעבט, און נאָכאַמאָל ווי געבוירן געוואָרן.

ברוך: און אונדז וועט דאָ טרויעריק זיין אָן דיר (דערלאַנגט אים אַ ספר). אָט האָסטו, פריינד ווידמאַנשטעטער, מיין מתנה... דאָס איז אַ ספר טהרות. דאָס איז אַ ספר, וואָס זיין ליכט וועט אָפּשווענקען פון יעדן מענטשן די אומרו און דעם שמוץ!...

ווידמאַנשטעטער: כ'דאַנק דיר זייער, מיין פריינד, פאַר דעם כבוד וואָס דו טיילסט מיר צו, געבנדיק מיר דיין אייגנהענטיק געשריבן ספר, וואָס וועט זיין פאַר מיר אַ וועגווייזער. נאַ, דאָ האָסטו אויך פון מיר אַ באַשיידענע מתנה. דאָס איז
ברוך: (מיט ספקות) וואָס פאַר אַ ספר איז דאָס? דאָס זעט דאָך
נישט געשריבן פון מיר, נאָר פון עמיצן אַנדערש.
נישט אויס צו זיין אַ יידישער ספר, אַז אַ רב זאָל עס מעגן אין דער האַנט האַלטן.

ווידמאַנשטעטער: ס'איז יאָ אַ יידישער ספר. געשריבן אין לאַטיין פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם פריינד לעאָן מעדיקאָ, אַ ליכטיקער גן־עדן אים...

ברוך: אַ ספר פון לעאָן מעדיקאָ ז"ל? וואו איז דאָס ספר דערשינען?

ווידמאַנשטעטער: אין רוים. (עפנט סיביכל, בלעטערט). דאָס איז אַ ספר, וואָס גיט צו בטחון און שטאַרקט אַלע צוויפ־לענדיקע. אָ, הער, ווי ער זאָגט, למשל, אָט דאָ: „לויט דער יידישער מסורה האָבן מיר שוין דערגרייכט פינף טויזנט, צוויי הונדערט און זעכציק יאָר פונם בראשית אָן... און ווען די זעקס טויזנט יאָר וועלן פאַרפולט ווערן, וועט די אונטערשטע וועלט צעפלאָסן ווערן... די אונטערשטע וועלט איז חרוב געוואָרן שוין זיבן מאָל... אין זיבן טויזנט יאָר אַרום וועט דער הימל צעפלאָסן און צעשטויבט ווערן אין ערשטן חומר... דאָס וועט געשען נאָכדעם, ווען 49 טויזנט יאָר וועלן פאַרבייגיין..."

ברוך: יאָ, דאָס קאָן זיין די איינציקע האָפענונג, אַז אין 49 טויזנט יאָר אַרום, אין דער נייער וועלט, וועט אפשר אונדז, יידן, אַ ביסל בעסער ווערן.

(קורצע פויזע). ס'הערט זיך אַ שטיל זינגען. שפּעטער ווערט דאָס געזאַנג העכער און נענטער און ווידער שטיל... „אנכי"...)



ווידמאַנשטעטער: וואָס פאַר אַ פיינע שטימע. ווער זינגט דאָס אַזוי שיין? איז עס נישט קיין מיידלשע שטימע?

ברוך: יאָ, אַ מיידלשע שטימע...

ווידמאַנשטעטער: כ'האָב די שטימע דאָ קיינמאָל נישט גע־הערט.

ברוך: דאָס זינגט די טאָכטער פון דאָן סאַמועל, לעטיציאַ, זי איז נעכטן צוריקגעקומען פון איר פעטער ר' יוסף אין ווענעדיג.

ווידמאַנשטעטער: זייער טאָכטער לעטיציאַ? אָ, ווי שנעל די צייט איז אַנטלאָפן. כ'דערמאָן זיך עס קוים, ווי כ'האָב זי געזען אַלס קליין מיידל פאַר איר אָפּפאָרן קיין ווענעדיג. דאָס איז געווען מיט צען יאָר צוריק, נישט וואָר?... זי מוז איצט ענלעך זיין אויף איר נאָבעלער מוטער, דאָנאַ בענווענידאַ.

ברוך: (פויזע) יאָ, מיין פריינד, געראָטן מיט אַלע מעלות טובות און חן אין איר נאָבעלער מוטער... זינט די הערצאָגין עלעאָ־נאָראַ האָט חתונה געהאַט מיטן הערצאָג מעדיטשי פון פלאָ־רענץ, האָט דאָנאַ בענווענידאַ נאָך נישט איבערגעטרעטן דעם פּאַלאַץ פון שני למלך דאָן פּעדראָ... היינט איז זי אָבער דאָרט אַוועק צום ערשטן מאָל, אָפּוואַרטן דאָן סאַמועל, וואָס איז ביים שני למלך זיך משתדל אָפּצורופן דעם נייעם גירוש, וואָס אונדזער פאָלק דערוואַרט אַ ליאַדע טאָג.

ווידמאַנשטעטער: (מיט אַ זיפץ) יאָ, כ'האָב די טרויעריקע נייעס שוין געהערט. דאָס מאַכט שווער מיין האַרץ. גראָד געשעט דאָס אַ טאָג פאַר מיין אָפּפאָרן פון דאָזיקן הויז, וואָס איז אויך מיין היים.

ברוך: אָט גייען דאָנאַ בענווענידאַ און דוד ר' יחיה... זייערע פּנימער זאָגן נישט אָן קיין גוטס.

בענווענידאַ: (צום רב) איצט גלויב איך נישט, אַז מיר זענען געראַטעוועט...

דוד: בטחון, מיין קינד, בטחון אין גאָט...

ברוך: איז מיר דערלויבט צו פרעגן, גנעדיקע דאָנאַ בענווענידאַ, צי האָט איר גוטע בשורות אונדז אָנצוזאָגן?

בענווענידאַ: זאָלן מיינע אומווירדיקע ליפּן נישט אַרויסברענ־גען אין אַ שלעכטער מינוט, שלעכטע בשורות. אַלץ איז אין די הענט פון השם יתברך... מיין נאָבעלער מאַן, דאָן סאַמועל, געפינט זיך נאָך אַלץ אין פּאַלאַץ ביי דאָן פּעדראָ. מיר דער־וואַרטן זיין אָנקום אַ ליאַדע מינוט. ס'האַרץ זאָגט מיר אָבער נישט אונטער קיין גוטס.

דוד: פאַרצווייפל נישט, מיין קינד... די השגחה, וואָס איז איבער אונדז, וועט נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל אונדזער געפּייניקט פאָלק ווידער פאַרטרייבן אין גלות... לאָמיר מתפּלל זיין. אין דער לעצטער מינוט קאָן נאָך אַ נס געשען, פּונקט ווי מיט צען יאָר צוריק...

ווידמאַנשטעטער: כ'פאַרשטיי דאָס נישט... ווי קאָן דאָס זיין, גנעדיקע דאָנאַ בענווענידאַ? און וואו איז דער קיסר קאַראָל? דו האָסט דאָך זיין קיסרלעכן צוזאָג געקראָגן, אַז מ'וועט די יידן פון נעאַפּאָל נישט פאַרטרייבן...

בענווענידאַ: מייסטער ווידמאַנשטעטער, לגבי אונדז, יידן, זע־נען נישט פאַראַן קיין גילטיקע הבטחות, געחתמעטע, צי מינדלעכע, פון פּרינצן אָדער קיניגן... הבטחות לגבי מיין פאָלק זענען אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון קיניגן און פירשטן... מיר זענען הפקר... אייביק הפקר!...

ווידמאַנשטעטער: יאָ, ס'איז אונדז אַלעמען שווער. כ'וויים, וואָס מיך דערוואַרט דאָרט אין מיין היים אין דייטשלאַנד, אונטער די שטיוול פון קיסרטום און לוטערס השפּעה...

בענווענידאַ: לוטער?! אונדזער אַמאָליקער פריינד.

ווידמאַנשטעטער: אָ, ווען דער גרויסער רויכלין וואָלט היינט געלעבט און געקאָנט ממשיך זיין זיין קאַמף קעגן די שונאים פון די יידן, היינט ווי דעמאָלט, מיטן דייטשן געלערנטן פּעפערקאָרן, וועמען ס'האָבן דאַן באַקעמפט אַלע הומאַניסטן, און אויך דער מוטיקער עראַזמוס פון אַמסטערדאַם... אָבער זיי זענען מער נישטאָ מיט אונדז. און בלינדע שנאה האָט די אויבערהאַנט און פירט די וועלט באַרג אַראָפּ!...

ברוך: לוטער, ימח שמו! אונדזער נעכטיקער פריינד, האָט איינגעשטימט מיט זיין בלוטיקן שונא יאָהאַן עק, מיט וועלכן ער האָט זיך אַלע יאָרן ביטער באַקעמפט; און דאָס נאָר צוליב איין ציל, כדי אונדז, יידן, צו באַשולדיקן אין עלילת־דם!...

דוד: כדי זיך באָדן אין אונדזער בלוט... צו דעם צוועק זענען זיי תמיד און אין אַלע צייטן געאייניקט — אַלע גלייכע רוצחים. „כי קצף ליהוה על כל הגוים וחמה על כל צבאם..."

בענווענידאַ: ווען כ'בלעטער אונדזער געשיכטע, זע איך, אַז מיר האָבן אַמאָל אַזויפיל פריינד געהאַט. אַזויפיל... ווער קען זייערע נעמען און די צייטן ווען זיי האָבן געלעבט אויס־רעכענען... און וואו זענען זיי איצט? וואו?... היינט זענען זיי אונדזערע פריינד, און מאָרגן — אונדזערע שונאים. ווער קען דען מעסטן זייערע הערצער און די פינצטערע וועגן פון זייער שנאה?!

ווידמאַנשטעטער: איר וועט דערלויבן, גנעדיקע דאָנאַ בענווע־נידאַ, אַז איך זאָל זיך געזעגענען. איך מוז זיך גרייטן אין וועג אַריין. די גרויסע תלמידי חכמים זאָגן: דער וואָס דאַרף זיך קלייבן באַלד אין דער פרי אין וועג אַריין, מוז אויפ־שטיין מיטן שפּראָץ פון באַגין און מוז קוקן צו מזרח צו... (פאַרנויגט זיך פאַר אַלע. נעמט ברוך דע בענוועניטאָ אונ־טערן אָרעם און גייט מיט אים צום אַרויסגאַנג) יאָ, מיין טייערער רבי. עס איז מיר שווער דאָס הויז צו פאַרלאָזן... (ביידע אָפּ).

דוד: ווען כ'וואָלט זיך נישט דערמאָנט, אַז זיין נאָמען איז אַלבערט ווידמאַנשטעטער, אַ דייטשער געלערנטער, וואָלט איך געמיינט, אַז ער איז איינער פון אונדזערע.

בענווענידאַ: צוואַנציק יאָר איז ער אין אונדזער ישיבה אָפּגע־זעסן און תורה געלערנט. צוואַנציק יאָר... (קורצע פויזע).

סאַמועל: (דערשיינט, בלאַס און נידערגעשלאָגן) פרידן צו אייך.

בענווענידאַ: פרידן צו דיר, מיין מאַן, דאָן סאַמועל!

דוד: פרידן צו דיר, אונדזער נשיא!

סאַמועל: כ'בין מער נישט אייער נשיא, ליבער ראש־הקהל ר' יחיה! וואָס פאַר אַ נשיא בין איך אייך, ווען כ'האָב קיין באָדן נישט אונטער מיינע פיס. און מיין פאָלק איז פאַר־אורטיילט צום אונטערגאַנג... אַ פּרינץ, אַן אמתער נשיא קאָן מען נאָר זיין אויף אייגענער ערד...

דוד (שלאָגט איבער) שוין־זשע, מיין זון, ברענגסטו מיר, דורך דיין מויל שלעכטע בשורות?

סאַמועל: ר' דוד, דאָס מאָל האָבן מיר פאַרשפּילט... נישטאָ קיין רעטונג... כ'האָב פאַרגעשלאָגן דעם שני למלך דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע פאַרמעגנס. מיין אייגן פאַרמעגן, און ער איז דערויף נישט איינגעגאַנגען.

בענווענידאַ: נישט איינגעגאַנגען?

דוד: נישט איינגעגאַנגען?...

סאַמועל: יאָ, ער איז איינגעגאַנגען מיט איין באַדינג...

בענווענידאַ: מיט אַ באַדינג? וואָס איז דאָן פּעדראָס באַדינג?

סאַמועל: דער שני למלך איז מסכים איבערצולאָזן די יידן אין נעאַפּאָל מיט איין באַדינג... מיר... מיר זאָלן אָנטאָן געלע לאַטעס אויף די רוקנס פון אונדזערע מלבושים...

צאָלן מיט זיין קאָפּ, לויטן געזעץ פון דער קירכע!

**סאַמועל:** (אַנטשלאָסן) דאָ אין מיין הויז איז דער געזוכטער נישט פאַראַן!

**דאָמיניקאַנער:** דאָס איז אַ ליגן. מיר ווייסן זייער גוט, דאָן סאַמועל, אַז דער לעסטערער, רב ברוך דע בעווענטאָ, געפינט זיך דאָ אין דיין פּאַלאַץ. מיר וועלן אים שוין געפינען, ווען מיר זאָלן אפילו דאַרפן דאָס גאַנצע הויז איבערקערן. (גיט אַ צייכן די האַלאַבאַרדיער, וואָס ווילן גיין זוכן).

**סאַמועל:** (פאַרשטעלט זיי דעם וועג) איבער מיין טויטן גוף וועט איר גיין... כ'וועל נישט דערלויבן...

**דאָמיניקאַנער:** (צעוויקלט אַ דאָקומענט) דאָ איז אַ באַפעל פון פּויפּסט... איך בין זיין ספּעציעלער שליח פון רוים... דער באַפעל איז אונטערגעחתמעט פון דאָן פּעדראָ... ווילסטו זיך אַנטקעגנשטעלן דעם קיניגלעכן באַפעל?!

**ברוך:** (דערשיינט פון אַ זייט) לאָז צורו, גנעדיקער דאָן סאַמועל, מיין נאָבעלער גאַסטגעבער. (צום דאָמיניקאַנער) נעמט מיך, אויב איר זוכט מיך!... די סיטרא אחרא וועט מיך נישט גובר זיין... דער ווילן פון כביכול איז העכער און אייביק!... „מה הק"בה מלא כל העולם אף נשמה מלאה את כל הגוף... מה הק"בה רואה ואינו נראה אף נשמה רואה... ואינה נראית, מה הק"בה זן כל העולם כלו, אף נשמה זנה את כל הגוף..."

**דאָמיניקאַנער:** (אין העכסטער אויפרעגונג, דעקט אָפּ די שוואַרצע קאָפּ־באַדעקונג) נעמט אים, דעם גאָט־לעסטערער!

**האַלאַבאַרדיער:** (נעמען ברוך דע בעווענטאָ פאַר די הענט).

**ברוך:** (קוקט זיך אָנגעשטרענגט איין אין פּנים פון דאָמיניקאַנער. רייסט זיך פון די האַלאַבאַרדיעס הענט אַרויס און שרייט פּלוצים אויס מיט פאַרצווייפלונג) יצחק, יצחק!...

**אַלע:** (קוקן דערשטוינט, ציען זיך צוריק אין דערוואַרטונג פון עפּעס אויסערגעוויינלעכס, וואָס דאַרף געשען).

**דאָמיניקאַנער:** צו וועמען רעדסטו? וועמ'ען רופסטו דאָס?!

**ברוך:** היים מיך באַפרייען פון זייערע הענט. כ'וויל דיר עפּעס זאָגן אונטער פיר אייגן.

**דאָמיניקאַנער:** (בייז) איך האָב נישט קיין סודות מיט קיין קירכע־לעסטערער.

**ברוך:** איך באַשווער דיך מיט דער ליבע צו דיין פאָטער... הער אוים מיין געבעט.

**דאָמיניקאַנער:** (גיט אַ צייכן די האַלאַבאַרדיער, וועלכע שטעלן זיך ביי דער טיר).

**ברוך:** (גייט צו נענטער צום דאָמיניקאַנער. קוקט אויף זיין פאַרבויגן לינקן אויער און ציט זיך צוריק אין העכסטער אויפטרייסלונג) יצחק, יצחק, מיין זון!... (וויינט אין זיך, פאַרשטעלט זיך סיפנים).

**דאָמיניקאַנער:** ווי וואַגסטו מיך אַזוי אָנצורופן?!

**ברוך:** (ווי אויפגעוואַכט און באַהערשט) דיין פאַרבויגן לינק אויער זאָגט מיר דאָס... ווען דו ביסט געווען אַ קליין קינד, איז אַן אומגליק געשען. ביסט פון דיין ווינגעלע אַרויסגעפאַלן... זאָג, זאָג, דו פּויפּסטלעכער שליח, האָסטו נישט קיין שוואַרצלעכן צייכן אויף דיין רעכטער האַנט?

**דאָמיניקאַנער:** (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ. ציט זיך צוריק. טאַפּט זיך סילינקע אויער. טאַפּט זיך די רעכטע האַנט. קוקט דערשטוינט און צעטומלט אויף ברוכן, אויף די אַרומיקע. אפאַרט) יאָ, דאָס איז וואָר... אַ שוואַרצער צייכן אויף מיין רעכטער האַנט... (צו ברוכן) פון וואַנען ווייסטו די אַלע סימנים אויף מיין גוף?!

**ברוך:** (פאַרצווייפלט) וועלכער פאָטער דערקענט דאָס נישט זיין אייגן קינד?! ווען דו ביסט קוים פיר יאָר אַלט געווען, האָט מען דיך אַוועקגערויבט, טאַקע די, אין וועמענס נאָמען דו קומסט... אַלע זוכענישן זענען געבליבן שפּורלאָז... און איצט — האָב איך דיך דערקענט... צום ערשט — אַ דאַנק דעם אויער, און איצט דיין שטערן. דיינע אויגן... אַלץ, וואָס דערמאָנט דיין גאָטזעליקע מוטער... אָבער וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס פירסטו נישט אויס דעם באַפעל פון פּויפּסט? פון דיין קירכע?... פון דיין הייליקער אמונה?...

**דאָמיניקאַנער:** (צעטומלט) מיין אמונה... און דו ביסט מיין לייבלעכער פאָטער?...

**ברוך:** וואָס שטייסטו אומאַנטשלאָסן? דו מוזט דעם באַפעל אויספירן, אַנישט דערוואַרט דיך די שטראָף... ווען כ'האָב דיך דערזען אין די מלבושים, האָב איך שוין מיין טויט איבערגעלעבט... ס'איז נישט דיין שולד, וואָס מ'האָט דיך אָפּגעריסן פון דיין פאָטערס הויז און געלערנט האַסן דיין אייגענעם שטאַם...

**דאָמיניקאַנער:** (אין אינערלעכן געראַנגל) וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?...

**שליח:** (לויפט אַריין) זיין קיניגלעכע הויכקייט דאָן פּעדראָ פון נעאַפּאָל איז געקומען!

(באַוועגונג צווישן די אָנוועזנדיקע)

**פּעדראָ:** (דערשיינט אין באַגלייטונג פון צוויי הויפלייט).

**אַלע:** (פאַרנויגן זיך טיף).

**פּעדראָ:** כ'בין אַליין געקומען דיר אָנזאָגן, דאָן סאַמועל, אַז די באַשולדיקונג, וואָס איז קעגן איינעם פון דיינע רבנים אין דיין הויז, איז נישט קעגן דיר פּערזענלעך...

**סאַמועל:** שני למלך! (פאַרנייגט זיך לייכט) הרב ברוך דע בעווענטאָ איז נישט שולדיק!

**פּעדראָ:** דער פּויפּסט אַליין פאָדערט זיין קאָפּ. ער האָט דאָך געלעסטערט אונדזער הייליקע קירכע... אַזוי זאָגט דער פּויפּסטלעכער באַפעל, וועלכן כ'האָב היינט אונטערגעשריבן.

**דאָמיניקאַנער:** (פאַרנויגט זיך לייכט, אַנטשלאָסן) שני למלך, דאָן פּעדראָ, הערשער פון נעאַפּאָל... איך, דער פּויפּסטלעכער שליח, וואַג דיר זאָגן, אַז דאָס זענען ליגנס... אויסגעטראַכטע בלבולים פון זיינע שונאים!...

**פּעדראָ:** (דערשטוינט, מיט אויפרעגונג) ווי אַזוי, הייליקער פאָטער? דו ביסט דאָך אַליין געקומען אַלס פּויפּסטלעכער שליח מיט דער דאָזיקער אָנקלאַגע און געפאָדערט פון מיר מיין חתימה?!

**דאָמיניקאַנער:** דיין מאַיעסטעט... מיט געציילטע מינוטן צוריק האָבן מיינע אויגן דערזען די אמתע ליכט... מיינע יאָרנלאַנגע ספּיקות זענען אויפגעלייזט געוואָרן... איצט ווייס איך, אַז כ'בין די גאַנצע צייט געווען אַ געצייג אין די הענט פון הרב דע בעווענטאָס שונאים... איצט איז מיר אַלץ קלאָר...

**פּעדראָ:** ווי אַזוי, הייליקער פאָטער? ווי אַזוי וועסטו דאָס באַווייזן?

**דאָמיניקאַנער:** מיט דעם, וואָס איך וועל זיך אַליין באַשטראָפן פאַר מיין שולד.

**פּעדראָ:** וואָס ווילסטו דערמיט, הייליקער פאָטער, זאָגן? ווי אַזוי וועסטו זיך באַשטראָפן?

**דאָמיניקאַנער:** (רייסט אומדערוואַרטעט אַרויס דעם שטילעט ביי איינעם פון די האַלאַבאַרדיער, שטעכט זיך און פאַלט).

**ברוך:** (אויסגעשריי פון פאַרצווייפלונג) יצחק, יצחק!... (קוקט וואַנזיניק אויפן זעלבסטמערדער. דרייט זיך אין פאַרקלעמטקייט אוים. פאַרשטעלט זיך סיפנים מיט ביידע הענט).

**בענווענידאַ:** (ציטערט אויף פון דער געשעעניש. דרייט זיך אוים. פאַרשטעלט זיך סיפנים. דאָן סאַמועל טרייסט איר).



**איינער פון פּעדראָס באַגלייטער:** (בויגט זיך איין איבערן זעלבסטמערדער. האָרכט זיך איין) דיין מאַיעסטעט, ער איז טויט!

**פּעדראָ:** (באַפעלט די האַלאַבאַרדיער) טראָגט אַרויס דעם טויטן גוף!

**האַלאַבאַרדיער:** (טראָגן אַרויס דעם גוף פון דאָמיניקאַנער).

**פּעדראָ:** (צו ברוכן) דו ביסט פריי!

**ברוך:** (אַ צעבראָכענער, קוקט האַלב־וואַנזיניק אַרום זיך. גייט נאָך די האַלאַבאַרדיער, וואָס טראָגן אַרויס דעם טויטן גוף פון זיין זון).

( פּ ו י ז ע )

**פּעדראָ:** (שפּאַנט הין און צוריק) מיין ליבער דאָן סאַמועל, מיין קומען דאָ אין דיין הויז האָט אַן אַנדערן צוועק... אמת, דאָס בילד וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געהאַט פאַר אונדזערע אויגן, איז זייער טראַגיש... דאָס וואָס דאַרף נאָך דעם נאָכפאָלגן איז און וועט אפשר זיין נאָך טראַגישער... הער, מיין פינאַנץ־מיניסטער, וואָס כ'האָב דיר מינדלעך צו זאָגן... דער דעקרעט וועגן די געלע לאַטעס, וואָס אַלע מיינע יידישע אונטערטאַנען דאַרפן טראָגן אויף זייערע מלבושים, אין פאַל זיי וואַרפן זיך אונטער מיינע פאַראָרדענונגען און ווילן פאַרבלייבן אין מיין קיניגרייך, איז נישט חל אויף דיר און דיין גאַנץ הויזגעזינט... (קורצע פּויזע. אַלע וואַרטן געשפּאַנט).

**סאַמועל:** שני המלך! דאָס איז אַ גרויסער כבוד פאַר מיר און איך שעץ טיף דיין גנאָד, וואָס דו טיילסט מיך אוים... (מיט שטאָלץ) כ'וואַרף אָבער אָפּ דיין חסד... כ'נעם נישט אָן קיין פּריווילעגיעם פאַר מיר און מיין משפּחה, ווען מיין אייגן פאָלק דאַרף טראָגן שאַנד־לאַטעס אויף זייערע מלבושים און לעבן הינטער די מויערן פון געטאָ... דאָס גרויזאַמע בילד, וואָס האָט זיך ערשט אָפּגעשפּילט פאַר אונדזערע אויגן, דאָ, אויף דער שוועל פון מיין הויז, וועט זיך טאָג־טעגלעך איבערחזרן מיט אַנדערע... (פאַרנויגט זיך) כ'דאַנק דיר, אדוני המלך. דער גורל פון מיין גאַנץ פאָלק איז אויך מיין אייגענער גורל!...

**בענוועניד:** (נעמט אָן סאַמועלס האַנט. דריקט זי מיט דאַנקבאַרקייט) כ'דאַנק דיר, מיין מאַן און נשיא!

**פּעדראָ:** (בייז) וואָס? דו, דאָן סאַמועל, וואַרפסט אָפּ דעם קיניגלעכן גנאָד?!

**סאַמועל:** יאָ, שני המלך. כ'וועל טאָן דאָס זעלבע, וואָס מיין גאָטזעליקער פאָטער האָט געטאָן מיט יאָרן צוריק אין קאַסטיליע... כ'גיי מיט מיין פאָלק אין גלות אַריין!...

**פּעדראָ:** (מיט צאָרן) אומדאַנקבאַרער!... (שנעל אָפּ).

(קאָנסטערנאַציע. בענוועניד פּילט זיך שלעכט, אָנגעשפּאַרט אויף דאָן סאַמועלס אָרעם, ער זעצט זי אַוועק אויף דער ברייטער באַנק ביי דער וואַנט. צוויי פרויען פאַרנעמען זיך מיט איר, פּאָכן איר סיפנים. זי קומט צוריק צו זיך. קוקט זיך אַרום).

**1־טער:** זיי אונדז מוחל, אונדזער נשיא! חטאתי! כ'האָב דאָ פריער גערעדט פון פאַרביטערונג.

**אַלע:** חטאנו... חטאנו... וואָס מיר האָבן נישט געגלויבט דיינע ווערטער!...

**איינער:** אָבער וואוהין זאָלן מיר גיין?

**אַלע:** וואוהין? וואוהין?! זאָג אונדז, אונדזער נשיא! און מיר וועלן גיין... מיר ווילן נישט קיין געטאָ!... מיר ווילן נישט קיין געלע לאַטעס!...

**דינער:** (קומט האַסטיק אַריין) אַ קוריער שטייט אין דרויסן און וואַרט.

**סאַמועל:** אַ קוריער? זאָל ער אַריינקומען.

**קוריער:** (דערשיינט, שטאַרק פאַרשטויבט און מיד פון אַ ווייטן וועג) דיין גנעדיקייט. כ'בין אַ שליח פון פלאָרענץ (פאַרנויגט זיך).

**בענוועניד:** (ווי אויפגעוואַכט) אַ קוריער פון פלאָרענץ?!

**סאַמועל:** האָסטו גוטע בשורות אָנצוזאָגן, קוריער פון ווייטן פלאָרענץ?!

**קוריער:** כ'קום, אייער גנעדיקייט, מיט אַ בריוו פון מיין האַרין — די הערצאָגין ד'איסטע — צו דאָנאַ בענוועניד.

**בענוועניד:** אַ בריוו פון דער הערצאָגין עלעאָנאָר ד'איסטע פון פלאָרענץ?

**קוריער:** (דערלאַנגט דעם בריוו) דאָ איז דער בריוו. כ'האָב מיט אים געאיילט טאָג און נאַכט, איבער דער גרענעץ פון ביידע קיניגרייכן, אַזוי ווי מיין האַרין האָט מיר באַפוילן (פאַרנויגט זיך, ציט זיך צוריק).

**בענוועניד:** (נעמט דעם בריוו. צום קוריער) דו ביסט פריי... אַ דאַנק!

**קוריער:** פרידן צו אייך! (אָפּ).

**בענוועניד:** (צעוויקלט דעם בריוו. לייענט אַ ווײַלע אין זיך. אַלע קוקן אויף איר אין דערוואַרטונג. סאַמועל קומט צו איר צו נענטער. מיט אומגעדולד).

**סאַמועל:** בענוועניד, זענען דאָס גוטע בשורות?

**בענוועניד:** (ווישט זיך די אויגן) יאָ, מיין נאָבעלער מאַן. דאָס זענען גוטע בשורות. אָט, הערט, וואָס די הערצאָגין ד'איסטע שרייבט מיר צום סוף: (לייענט) „... און אַזוי ווי ס'זענען צו מיר לעצטנס דערגאַנגען שלעכטע גרוסן, וואָס עס דערוואַרט דיינע גלויבנס־גענאָסן אין קיניגרייך נעאַפּאָל, האָב איך געפּועלט ביי מיין מאַן, זיין עקסעלענץ דעם הערצאָג קאָסימאָ מעדיטשי, ער זאָל אייך אויפנעמען ווי פרייע אונטערטאַנען אין אונדזער שטאָט... די טויערן פון פלאָרענץ שטייען אָפן פאַר דיינע גלויבנס־גענאָסן. מיין מאַן, זיין עקסעלענץ, האָט אויך צוגעזאָגט צו ווירקן אויף זיין קרוב דעם הערצאָג ערקאָלי ד'איסטע, ער זאָל עפענען די טויערן פון זיין הערצאָגטום פעררארע פאַר די יידן. מוטערשי! זייט רואיק וועגן אייער גורל. אונטער דער יושרדיקער ממשלה פון מיין מאַן, דעם הערצאָג, וועט איר געפינען שוץ און אַ היים. אַזוי העלף מיר גאָט, אמן. מיין טייערע דערציערין, איך דערוואַרט דיך און דיין הויזגעזינט מיט דער גרעסטער אומגעדולד, און וויל אייך דאָ האָבן וואָס שנעלער נעבן זיך...

דיין ע ל ע אָ נ אָ ר ד ' א י ס ט ע".

פלאָרענץ, 15־טער יוני, 1540.

(אַ קורץ שטילשווייגן. אַן אויפרודערונג צווישן די שליחים).

**סאַמועל:** די פּרינצעסין עלעאָנאָר — אונדזער מלאך הגואל!...

**דוד:** מ'האָט אונדז ווידער פון אויבן אויסגעפּרוווט...

**איינער:** מיר גייען ווידער אין אַ נייעם גלות...

**דוד:** אַ לויב דיר, רבנונו של עולם... האָסט אונדז אויסגעלייזט...

**אַלע:** מיר זענען געראַטעוועט!

**דוד:** דער וואָס איז איבער אונדז, איז אַ רחום־וחנון... הודו ליהוה כי טוב, כי לעולם חסדו!...

**אַלע:** (זינגען) מזמור שיר ליהוה...

(פאָרהאַנג)

א. פשעדבאָרסקי

# דער פאַרמעסט

(דערציילונג)

אָטטאָ פייקס און גדליה שטאַרק. אָדער — גדליה שטאַרק און אָטטאָ פייקס. וועלכער סדר איז דאָ דער ריכטיקער? ווער איבער וועמען און ווער אונטער וועמען? אָטטאָ פייקס, דער קאָמענדאַנט און אַליינהערשער פון איבער צוויי טויזנט יידן־שקלאַפן פון בודזינער לאַגער; און גדליה שטאַרק, איינער פון די סאַמע נעבעכדיקסטע שקלאַפן זיינע. און אפשר איז עס בכלל אָן אומזין זיי ביידען צו פאַרגלייכן און פּרואוון מאַכן וועלכע ס׳איז אויספירן? אָן אומזין אָדער נישט — דאָס לעבן אַליין, נישט אָנפרעגנדיק ביי קיינעם, האָט זיי צונויפגעפירט אין אַ גרויזאַמען פאַרמעסט אויף לעבן און טויט און איינגעשטעלט דערביי זיין, דעם לעבנס, אייגענעם סדר און געמאַכט זיינע אייגענע אויספירן.

ווען מ׳האָט גדליהן אַריינגעשלײדערט אין בודזינער לאַגער אַריין, האָט שוין גאָט דאָרטן כמעט ווי נישט געהויזט. די פּייניקער וואָלט ער נאָר געשטערט, און די געפּייניקטע האָבן זיך אין אים כמעט ווי מייאש געווען. און נישט נאָר גאָט, — אַלע אַנדערע גלייבונגען, אָן וועלכע דער מענטש האָט פריער נישט געקענט אויסקומען, זענען פון דאָרטן פאַרטריבן געוואָרן. דעריבער טאַקע איז די שפּראַך אין לאַגער געווען אַ רויע, אָן אָפּגעדעקטע, אַ ברוטאַלע. גלייך דעם ערשטן טאָג, ווען גדליה האָט זיך באַוויזן צווישן זיינע מיטשקלאַפן, האָט עס אויף אים אַ פלייץ געטאָן מיט גאַליקן, בלוטיקן חוזק: „דער הענגער וועט דאָ לאַנג נישט אָנטרייבן... אַז פייקס וועט אים דערזען, וועט ער אים גלייך די פעל אויסגאַרבן... ס׳איז נאָר אַ וואונדער, ווי אַזוי ער האָט זיך ביז אַהער דערשלעפּט...״

אויף וויפיל די אַלע באַמערקונגען זענען געווען אומדערבאַרעמדיק, אויף אַזוי פיל איז אין זיי געלעגן אמת. גדליה אַליין, מיט זיין גאַנצן אויסזען, האָט דאָס אַמבעסטן באַשטעטיקט. אַ נידעריקער און אויסגעדאַרטער, מיט אַ געל־הויטיקן פּנים, אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן און טריפנדיקע אויגן — האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט נאָר וואָס צוריקגעקומען פון יענער וועלט. טאָמער איז דאָס אַלץ נאָך ווייניק געווען, האָט ער נאָך אַלס צולאָג אונטערגעהונקען אויפן רעכטן פוס. לויט פייקסנס איינשטעלונג האָט אַזאַ קריפּל נישט געהאַט קיין רעכט צו לעבן נאָך פריער, פאַרן קריג, בפרט אין אַ צייט, ווען דאָס דריטע רייך שטייט אין בלוטיקן קאַמף קעגן דער הערשאַפט פון וועלט־יידנטום! קלאָר, ביי אַזעלכע אומשטענדן איז גדליהס גורל פון פאָראויס געווען געחתמעט.

דאָס גיהנום־לעבן פון לאַגער האָט נישט דערלאָזן צו פיל זיך צו פאַרנעמען מיט יענעמען. יעדער פאַר זיך איז געשטאַנען אין כסדרדיקן קאַמף פאַר זיין אייגענעם לעבן. יעדער אומבאַרעכנטער שריט האָט געדראָט מיט אַריינפאַלן אין איינער פון די נעצן, וועלכע פייקס האָט אויסגעשטעלט איבערן גאַנצן לאַגער. אָפּגעהוזקט פון גדליהן, האָט מען אים געלאָזן אויף זיין אייגענעם גורל. אַז ס׳זענען אָבער אַדורך טעג און וואָכן, און גדליה האָט זיך אַלץ נאָך אַרומגעדרייט צווישן די לעבעדיקע, האָט מען זיך צוריק אָן אים דערמאָנט. דער הענגער לעבט נאָך! ווי איז דאָס מעגלעך? ריזן פאַלן יעדן טאָג דורך פאַרשידענע מיתה־משונות און אַזאַ קריפּל זשיפּעט נאָך! מ׳האָט אָנגעהויבן דאָס וואונדער נאָכפאָרשן און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גדליה טוט די שווערסטע אַרבעטן נישט ערגער פון אַנדערע; אַז ער איז אויסהאַלטעוודיק אויף קלעפּ, און אַז דאָס פּראָבלעם פון עסן, דאָס סאַמע וויכטיקסטע פון לאַגער־לעבן, עקזיסטירט כמעט נישט פאַר אים. אין דער צייט ווען אַנדערע האָבן זיך געוואָרפן אויף זייערע נישטיקע פּאָרציעס ווי צעיושעטע חיות, איז גדליה שטענדיק געשטאַנען אין אַ זייט, צוגענומען וויפיל מ׳האָט אים געגעבן און אָפטמאָל טאַקע אַוועק מיט גאָרנישט. מ׳האָט זיך נענטער צוגעקוקט און מ׳האָט באַמערקט, אַז גדליה איז אויך אַ שטאַרק פרומער, עסט נישט פון קעסל, און אין תפילה־ציטן, מעג עס זיין פאַרבונדן מיט די גרעסטע געפאַרן, זענען זיינע ליפּן פאַרנומען אין פּרעפּלען.

שוין דאָס אַליין איז גענוג געווען, אַז גדליה זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין עפּעס אַ רעטעניש. וואונדערלעכער אָבער פון אַלעם איז געווען דער פאַקט, וואָס כאָטש פייקס האָט לעצטנס אַליין עטלעכע מאָל אָפּגענומען די „אַפּעלן״ און פּערזענלעך קאָנטראָלירט די אַרבעטס־פּלעצער — האָט ער פונדעסטוועגן גדליהן נישט באַמערקט.

דאָס גיהנום־לעבן פון לאַגער איז געווען גרויזאַם פּלאַנירט און כמעט נישט געלאָזן קיין אָרט אויף נסים. יעדן איינעם האָט דערוואַרט דער טויט — אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן, פריער אָדער שפּעטער. פונדעסטוועגן האָט ביי יעדן ערגעץ אין דער טיף געטליעט אַ באַהאַלטענע האָפענונג, אַז אין דער לעצטער מינוט וועט עפּעס אַזוינס פּאַסירן, וואָס וועט ראַפּטעם אַלץ ענדערן צום גוטן. אָן דעם וואָלט מען נישט געווען בכוח אַזוי פיל צו ליידן און דאָך לעבן.

דורך גדליהן האָבן די באַהאַלטענע האָפענונגען גענומען טויכן צו דער אויבערפלאַך. ער איז געווען אָן אָנדייטונג, אַז נסים זענען מעגלעך. ס׳זענען אין לאַגער געווען נאָך עטלעכע פרומע יידן, וואָס האָבן אויך נישט געגעסן פון קעסל און געלעבט מיט טרוקנס, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך נישט געקענט פאַרגלייכן צו גדליהן, און דער עיקר — קיינער פון זיי איז נישט געווען אַזאַ אַרויסרופנדיקע פּראָוואָקאַציע צו פייקסן און זיין גאַנצן סיסטעם, ווי גדליה איז דאָס געווען.

צו ביסלעך, אָן צונויפרעדן זיך, איז גדליה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטילער טרייסט פאַרן לאַגער. יעדער אָפּגעלאָפענער טאָג, וואָס האָט געלאָזן גדליהן ביים לעבן, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נקמה אָן פייקסן. יעדעס מאָל ווען פייקס האָט זיך געפונען אין דער נאָענט פון גדליהן און האָט אים נישט באַמערקט, האָט מען געזען דערין אַ באַהאַלטענעם כוח, וואָס מאַכט אים בלינד און צעמישט אים. צו ביסלעך, אָן צונויפרעדן זיך, האָט מען אָנגעהויבן גדליהן אויסהיטן פון פאַרשידענע צרות. אַז דאָס שרעק־וואָרט „פייקס גייט!״ האָט זיך געטראָגן איבערן לאַגער, האָט מען גדליהן פאַרשטעקט צו אַזאַ אַרבעט, וואו עס זאָל שווער זיין אים צו דערזען. ביי שווערער אַרבעט האָט מען אים אונטערגעהאָלפן און ווען ס׳איז מעגלעך געווען האָט מען אים פאַרטראָטן. אָן צונויפרעדן זיך איז גדליה געוואָרן אַ שטיק קאָנספּיראַציע פון לאַגער קעגן די אונטערדריקער, אַ מין אויסטערלישער פאַרמעסט פון שקלאַפן קעגן פאַרשקלאַפער. „דער הענגער וועט נאָך איבערלעבן פייקסן״ — איז געוואָרן דער פּאַראָל און די אַמביציע פון לאַגער.

אַ קנאַפּ האַלב יאָר צייט האָט דער פאַרמעסט אַזוי אָנגעהאַלטן. ביז ס׳איז אָנגעקומען דער ווינטער און צוזאַמען מיט אים די טיפוס־עפּידעמיע. איינער פון די ערשטע, וועמען דער טיפוס האָט אונטערגעהאַקט די פיס, איז געווען גדליה שטאַרק. נאָכן אויסבאַהאַלטן אים דריי טעג אין באַראַק, איז נישט געבליבן עפּעס אַנדערש, ווי איבערטראָגן אים אין „רעוויר״ אַריין. דאָס האָט געהייסן אונטערטראָגן פייקסן דעם קרבן מיט די אייגענע הענט.

☆

ס׳איז געווען דער עלפטער טאָג לויט דער נייער צייט־רעכענונג פון בודזינער לאַגער — דער עלפטער טאָג זייט גדליה שטאַרק האָט זיך געפונען אין „רעוויר״. ווען מ׳האָט גדליהן דאָרטן אַהין איבערגעטראָגן, זענען די לאַגער־שקלאַפן געווען זיכער, אַז דאָס איז שוין דער סוף. דעריבער, אַז די ערשטע צוויי טעג זענען אַדורך בשלום, האָט מען אָנגעהויבן ציילן: דער דריטער... דער פערטער... דער פינפטער... און איצטער איז שוין דער עלפטער און פייקס איז נאָך פאַר דער גאַנצער צייט נישט געווען אין „רעוויר״! אפילו די צווייפלער זענען מיטגעריסן געוואָרן פון דער וואונדערלעכער געשעעניש.

דער „רעוויר״ האָט זיך געפונען אונטער פייקסנס פּערזענלעכער אויפזיכט, און ס׳איז כמעט נישט געווען דער טאָג, ער זאָל דאָרטן נישט אַריינפאַלן מיט זיין באַנדע אוקראַינער. נאָך יעדן אַזאַ וויזיט, איז עמיצער פון די קראַנקע געפאַלן אַ קרבן. פאַר די לעצטע עלף טעג אָבער האָט פייקס ווי פאַרגעסן, אַז אין לאַגער איז פאַראַן אַ „רעוויר״. די געשפּאַנטע באַגייסטערונג, וואָס האָט פריער געהאַט אַרומגענומען דעם לאַגער, איז איצטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרשיכורטן עקסטאַז. אפילו די צווייפלער האָבן גענומען גלויבן, אַז גדליה איז אָן אומגעווייינלעכער מענטש, און אַז ער וועט סוף־כל־סוף גובר זיין פייקסן.

אָבער ס׳איז געווען דער עלפטער טאָג טאַקע לויט דער נייער צייט־רעכענונג, ווען די צייט האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעשטעלט. אַרום צען אַזייגער אין דער פרי, בעת דער דאָקטער האָט וויזיטירט די קראַנקע, האָט זיך די טיר פון טיפוס־באַראַק אויפגעריסן און פייקס איז האַסטיק אַריינגעפאַלן מיט זיין באַנדע באַגלייטער.

אַ טויטע שטילקייט איז באַפאַלן דעם באַראַק. פייקס אַליין, אין פּראָנט פון זיין סוויטע, איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט געקוקט. דערביי האָט זיך זיין בלאָנדער קאָפּ פּאַמעלעך און סיסטעמאַטיש, ווי אויף אָן אַקס, באַוועגט אַהין און צוריק, פון איין עק באַראַק צום אַנדערן. אַ מיטל־וואוקסיקער און ברייטביינערער, אין אָן אויסגעפּאַסטן גרוי־בלוילעכן מונדיר מיט אויסצייכענונגען אויף דער ברוסט — האָט פייקס געשאַפן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען די סאַמע פאַרקערפּערונג פון אָרדענונג און רעכט. זיין שיין־רונדיק פּנים, אויף וועלכן אַ לייכט שמייכעלע האָט בשעת מעשה אַרומשפּאַצירט, האָט נאָר באַשטעטיקט דעם דאָזיקן איינדרוק.

פּלוצים, ווי פון הימל אַראָפּ, האָט אַ מעטאַלענער בראַזג צעטרייסלט דעם חלל:

— דאָקטער!!!

פייקס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אומבאַוועגלעך. בלויז זיין רויט־אָנגעגאָסן פּנים און די צוויי גליענדיקע אויגן האָבן עדות געזאָגט, אַז פון אים איז עס געקומען די אויפטרייסלונג. דער דאָקטער, אַ ייד פון אַ יאָר עטלעכע און פופציק, האָט מיט שווערע טריט זיך גענומען נענטערן צו פייקסן.

ווען די טיפוס־עפּידעמיע איז אויסגעבראָכן, האָט פייקס אים באַפוילן נישט אָנצונעמען קיין קראַנקע און אים מעלדן וועגן יעדן פאַל באַזונדער. ער האָט אָבער פאַר דער צייט אָנגעזאַמלט צוויי און דרייסיק קראַנקע. איצטער איז געקומען די צייט צו צאָלן פאַר דעם. אַז ער איז צוגעקומען צו פייקסן, האָט ער געעפנט זיין מויל און געפּרואווט עפּעס זאָגן, אָבער צוויי באַלעדערטע הענט האָבן אין ווילדן געאייל גענומען האַגלען איבער זיין פּנים, ביז ער איז אַ באַגאָסענער מיט בלוט געפאַלן צו דער ערד.

און ווידער אַמאָל האָט עס אַ טרייסל געטאָן מיטן באַראַק:

ארויס מיט די לייז!!!

אַ שוידערלעכע בהלה איז אויסגעבראָכן. די סאַניטאַרן, צו צוויי, האָבן גענומען שלעפּן די קראַנקע פון די נאַרעס. עטלעכע קראַנקע האָבן געפּרואווט אַליין אַראָפּקריכן אין דער האָפענונג זיך צו קענען אפשר ראַטעווען. אָבער פייקס האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און איינעם פון זיי גלייך דערשאָסן. די איבעריקע האָבן שוין געוואַרט, אין הילפלאָזער קרעכצעניש, אויף זייער גורל. אויך צו גדליהן זענען צוגעלאָפן צוויי סאַניטאַרן. איינער פון זיי האָט אַ כאַפּ געטאָן גדליהן, אַריבערגעוואָרפן אים איבערן אַקסל ווי אַ לויזן זעקל שפּענער, און אויסרופנדיק וואוילעריש אויפן קול: „צו אַזאַ דאַרן האָפן דאַרף מען נישט האָבן אַזש צוויי מאַן״, איז ער מיט אים איילִיק אַרויסגעלאָפן אויפן פּלאַץ.

די בהלה האָט זיך שוין געהאַט איבערגעטראָגן אויך אויפן פּלאַץ אַרויס. די קראַנקע, אין טויט־שרעק, האָבן געפּרואווט מיט די לעצטע כוחות לויפן און די אוקראַינער האָבן זיך ליאַרעמדיק געיאָגט נאָך זיי. דער סאַניטאַר, מיט גדליהן איבערן אַקסל, האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט, געכאַפּט אַ פּאַסיקן מאָמענט און אַריינגעלאָפן צו זיך אין דינסט־צימערל, וואָס האָט זיך געפונען סך־הכל עטלעכע טריט פון הויפּט־באַראַק.

שפּעטער אַ ביסל, ווען אין דרויסן איז שוין געווען רואיק, האָבן זיי ביידע, דער סאַניטאַר און גדליה, פּאַמעלעך זיך דורכשפּאַצירט דורכן פּלאַץ און אַריינגעגאַנגען אין קיך אַריין. דער סאַניטאַר האָט זיך דורכגעשושקעט מיט עטלעכע אַרבעטער און מען האָט גדליהן אַוועקגעזעצט שיילן קאַרטאָפל.

☆

ס׳האָט אויסגעזען ווי דער עלפטער טאָג וואָלט זיך צוריק צוזאַמענגעהאַפּטן און אַוועק זיין נאָרמאַלן גאַנג. פייקס איז געווען פאַרנומען אויפן פעלד פון הינטערן לאַגער, וואו מ׳האָט אין אָן אָפענעם גרוב אַריינגעוואָרפן די דערשאָסענע טיפוס־קראַנקע. ער האָט אָנגעוויזן וויפיל קאַלך מ׳זאָל גיסן נאָך יעדער שיכט און פאַר איין וועגס געציילט די הרוגים, אויב מ׳האָט אים נישט אָפּגענאַרט. ער האָט געוואוסט, אַז די יידן זענען אויף אַלעם פעאיק און די אוקראַינער קען מען אונטערקויפן מיט אַ האַלבן ליטער ספּירט. צוויי און דרייסיק לייזיקע האָט ער אָנגעציילט אין באַראַק און אין גרוב געפינען זיך ערשט קוים זעכצן. ווי פּאַמעלעך די פוילאַקעס אַרבעטן! ער האָט אַרויסגעכאַפּט ביי איינעם פון די אוקראַינער אַ לעדערנעם שטעקן און זיך געוואָלט וואַרפן אויף די אַרבעטער, אָבער אין דעם מאָמענט איז אָנגעלאָפן אַ שליח פון דער קאַנצעלאַריע מיט אַ ספּעציעלער ידיעה פאַר אים. דער שליח האָט דערציילט, אַז דורך אומוועגן איז מען געוואָר געוואָרן וועגן אַ אונטערזוכונגס־קאָמיסיע, וואָס דאַרף אַריינפאַלן אין לאַגער אַריין אומגעריכט.

פייקס האָט אויסגעשפּיגן מיט אַ מיאוסער קללה. נאָך דאָס פעלט אים, אַז די בחינם־פרעסער זאָלן ביי אים אויסגעפינען עפּעס נישט אין אָרדענונג! אַליין טוען זיי גאָרנישט און נאָר זיי פאָרן אַרום אויסשנאַפּן ביי יענעמען. ער האָט אָנגע־

בער י. ראָזען

# דוד הערמאַן

## פּאָרטרעט

אַז דוד הערמאַן איז געוואָרן אַן „אויפגעקלערטער" און ס'איז אים ענג און שווער געוואָרן דער פרומער און חסידישער טיש ביי טאַטן אין דער היים, האָט ער אַ קער געטאָן דאָס פּנים צו דער גאַס. און די גאַס האָט דעמאָלט געברויזט: סודי־סודותדיקע קאָנספּיראַציע, „בערזעס", שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פענער.

דאָס זענען געווען די שטורעם־יאָרן פון מרידה און רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד. עס האָט אַ פּראַל געטאָן מיט אַ נייעם מין „חסידות", וואָס איז אויפגעגאַנגען אין יידישן לעבן, אַ חסידות נישט פון צעשליסענעם ריפּס און אַטלאַס, נאָר פון געלאַטעטע טרעגער־מלבושים און פון ווייכע, אָפּגעטראָגענע שוואַרצע קאַפּעלישן מיט ברייטע ראַנדן און שוואַרצע שלייפלעך אַרום די קעלנער. אָט די נייע „חסידים" האָבן זיך פאַרמאָסטן אויפן קיסר, פאַרמאָסטן זיך אויסצולייזן די וועלט — די גאַנצענע וועלט.

תחילת האָט דאָס הערמאַנען אינטריגירט, דערנאָך — אימפּאָנירט אפילו און לסוף אים געגעבן אַן אָנשפּאַר און אפילו — באַגייסטערונג. אַ שטיקל צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן איבער די וואַרשעווער „בערזעס" מיטן פאַרקאָנספּירירטן, אַ ביסל קאָקעטישן נאָמען — „פּאַן".

אָבער דאָס דאָזיקע פאַך פון אַ קאָנספּיראַטאָר איז פאַר אים נישט געווען צוגעפּאַסט, ער האָט זיך נישט געטויגט דערצו און די באַגייסטערונג האָט נישט געקראָגן קיין אָפּגאַנג אין ממשותדיקע מעשים. האָט עס מסתמא צוגענומען דעם שלאָף פון די אויגן ביינאַכט און דער טאָג איז געווען שווער, לאַנג און ליידיק, מחמת ער איז מיט גאָרנישט אויסגעפילט געוואָרן.

ביי יענער צייט האָט אין וואַרשע געלעבט אַ מענטש מיט אַ שוואַרצן און פייערדיקן בליק און אַ הייסן אָטעם. דוד הערמאַן האָט געוואוסט וועגן דעם דאָזיקן מענטש, געזען אים אין דער „ליטעראַרישער אַליי" פון זאַקסישן גאָרטן שפּאַצירן פאַרהילט אין אַ פּעלערינע און אַרומגערינגלט מיט אנשי יחידי סגולה, אַזוי ווי אַ רבי — טאַקע אַ רבי ממש. און דאָס וואָס הערמאַן האָט געלייענט פון דעם, וואָס דער מענטש האָט געשריבן, האָט מיטגעריסן ווי די טיפסטע און שענסטע תורה ביים רבינס טיש אין די פרומע און חסידישע טעג. און הערמאַן האָט געזוכט דעם רבין, דעם נייעם, דעם וועלטלעכן, אָבער — מיט אַלע סימנים — נישט די וואולגאַריזירטע אימיטאַציע, נאָר די דערהויבענע עכטקייט: גייסט, אידיי און פירנדיקע קראַפט פון ווירקן און באַוועגן צו מעשים. וואָרום הערמאַנס אפּיקורסות איז נישט געווען קיין משכילישער אוועקגאַנג, נאָר — אַן איבערגאַנג פון איין חסידות צו אַן אַנדערער.

☆

דער וועג צו פּרצן איז געווען דער איינפאַכסטער און לייכטסטער פון איין זייט און — שווער, זייער שווער, מען קאָן אפילו דרייסט זאָגן: אוממעגלעך — פון דער אַנדערער. אויך אַזוי, ווי ביי אים, זכרונו לברכה פון קאָצק, פון אַלעקסאַנדער, צי פון גער. דער וועג איז געווען לייכט פאַר דעם, וואָס איז אַליין געווען שווער באַלאָדן — דאָרט מיט תורה און חסידישן ברען, דאָ — מיט גייסט, שעפערישקייט און דערהויבונג. פּרץ האָט די דאָזיקע סימנים געזוכט, אַרויסגעפילט זיי טאַקע אויף אַ רבישן שטייגער און מקרב געווען אַזאַ איינעם וואַרעם און ליב, פונקט ווי ער האָט אַכזריותדיק געטריבן פון זיך דעם היפּוך.

הערמאַן איז צו פּרצן געקומען נישט קיין ליידיקער. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ היפּש ביסל ווערטפולע גאָלדשפּליטערס פון זיין טיף־חסידישער היים. ער האָט מיטגעבראַכט דאָס געמיט פון אַ פאַרקלערטן לערנער לשמה, פאַרטאָן אין אַ רעיון, וואָס הויבט אונטער דאָס דעקל פון מוח; מיטגעבראַכט די תנועה זיינע, די נשמה פון זיין ניגון; ער האָט מיטגעבראַכט דעם קרעכץ פון אַ מקובל אין התבודדות, די טרער פון אַ זקן ביים פּראַווען חצות, דעם רויש פון אַ ציבורדיקער תפילה בלחש, דעם זיפץ פון אַ כשרער יידישער מאַמע ביי ליכט־בענטשן, דאָס זילבער פון אַ שבתדיק טישטוך, און דעם טרויער פון אַ נאַקעטן ארון־קודש, אָנעם פּרוכת, תשעה באב ביינאַכט.

פאַר הערמאַנען האָט זיך געעפנט די טיר צו זיין נייעם רבין, געקראָגן אַן אָרט ביים „טיש" און הערמאַן איז געוואָרן איינער פון געטרייסטע חסידים, „טיש־זיצער" און נאָכזאָגער פון זיינע תורות. אין די יום־טוב־בלעטער פון פּרצעס ווערק האָט הערמאַן ווידער געפונען דעם קוואַל פון נשמה־יתירהדיקייט, וועלכע איז דאָך, אין תוך, איינע און די זעלבע, אומאָפּהענגיק פון לבוש, פון אויסערלעכע פאָרמען. ביי פּרצן האָט הערמאַן דערפילט אומרו און בענקשאַפט, נישט מחמת פאַרלוירנקייט, נאָר מחמת שעפערישער דערהויבונג, וואָס דערמיט איז פול געווען פּרצעס אָטעם, די אַטמאָספער פון זיין טיש.

אַ גרויס גליק איז געשען מיט הערמאַנען, וואָס ער האָט געהאַט די זכיה באַרירט צו ווערן מיטן דאָזיקן אָטעם דירעקט. דאָס האָט פאַרשפּאָרט אַ סך פּיין פון פאַרלוירנקייט און בלאָנדזשעניש, וואָרום ער האָט געפונען דאָס, וואָס האָט אַנטשפּראָכן זיינע אייגענע שעפערישע פילונגען, דעם קינסטלערישן באַוואוסטזיין, וואָס איז דורך פּרצעס פערזענלעכקייט געשטאַרקט און באַוועגט געוואָרן. עס זענען פאַרענטפערט געוואָרן אַלע קשיות פון זיין שפּעטערדיקער שעפערישער עקזיסטענץ.

☆

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס דוד הערמאַן האָט זיך באַלד אין די ערשטע יאָרן פון זיין טעאַטער־טעטיקייט אַזוי פאַרלייגט אויף „די גאָלדענע קייט" — די איינציקע שווישפּילערישע לייסטונג, ווי אַ רעציטאַטאָר, און מיט ווינציקע אויסנאַמען — די איינציק אָנזעעוודיקע אין זיין קאַריערע, ווי אַן אַקטיאָר. דאָס פאַרלייגן זיך אויף „די גאָלדענע קייט" איז נישט געווען בלויז אַן אויסדרוק פון גרויסער ליבשאַפט צו זיין רבין. עס האָט דערין געשטעקט, בעיקר, דער סוד פון זיינע אינטימסטע קינסטלערישע באַגערן צו געבן אויסדרוק אַן אידיי, אויסצושרייען אַ וויזיע, מיט וועלכער עס איז געווען אָנגעשטעקט דאָס בלוט זיינס אין די אָדערן.

יעדער מענטש טראָגט זיך אין לעבן אַרום מיט אַ נישט געשריבן און נישט געשפּילט סצעניש ווערק, אין וועלכן מען איז אַליין דער הויפּט־ראָליסט. געפינט מען אַזאַ ווערק אָנגעשריבן, אין דער ליטעראַטור — איז מען עס אימשטאַנד סצעניש צו געשטאַלטיקן, אויסצושפּילן מיט אַ געוויסער קינסטלערישער פּערפעקטקייט אפילו. מען דאַרף דערצו גאָר קיין אַקטיאָר נישט זיין. מען שפּילט זיך אַליין, מען שפּילט אויס די אייגענע חלומות. פאַר דוד הערמאַנען איז דאָס דאָזיקע ווערק געווען „די גאָלדענע קייט". ס'איז געווען דאָס ווערק, וואָס האָט אים צוגעטראָפן פּערזענלעך, מיט וואָס ער האָט געלעבט אין חלום און אויף דער וואָר. די אידיי, די סביבה, די שטימונג, דער קאָנפליקט — דאָס זענען געווען עלעמענטן, וואָס האָבן געלעבט אין אים און וואָס האָבן געזוכט אויסדרוק.

דאָס רעציטירן „די גאָלדענע קייט" האָט ביי הערמאַנען געהאַט עלעמענטן פון אַמאַטאָרישקייט, וואָרום הערמאַן אַליין איז קיין אַקטיאָר נישט געווען. און דאָך האָט קיין שום קינסטלער־רעציטאַטאָר נישט באַוויזן צו דערגיין צו דער מדרגה פון הערמאַנען אין רעציטירן „די גאָלדענע קייט". זייער ווייניק סצענישע מיטלען האָט ער באַנוצט: אַ טישל מיט אַ טישטוך, צוויי ליכט פון ביידע זייטן און הערמאַן אין דער מיט. אַרויסגעלייענט פון בוך אַ זאַץ נאָך אַ זאַץ, צומאָל — אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געווענדט אַ געשפּאַנטן בליק צו דער אַודיטאָריע. די אויגן — אָנגעדראָלן און פאַרלאָפן מיט בלוט, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן פון קאָפּ אַרויס, פון די אויגן־לעכער, כדי זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרויסצוקריגן פון געפאַנגענשאַפט... קיין ריר נישט מיט קיין אבר. בלויז גוט אַרטיקולירטער לשון, מייסטערהאַפט פּרעציזירטע מאָדולירונג פון דער שטים: איין חסיד, אַ צווייטער חסיד, איין ישיש, אַ צווייטער ישיש — דער עולם און מרימל, אירע צאַרטע רמזים טאַקע וועגן עולם, וועגן דער „כמאַרע וואָס טראָגט זיך אָן", דער עולם אין קאָנפליקט מיט שלמהלען, וואָס האָט זיך פאַרעקשנט און וויל נישט מאַכן קיין הבדלה. „קינדער ווייסן נישט, קינדער פילן נישט". ביי מרימלען — קינדער, ביי שלמהלען — „אַ פּאָר מנינים קליינע יידעלעך"... זייער אַ שווערער שטאָף פאַר רעציטאַציע בכלל. ערשטנס — ווייל געשריבן אין אַ סצענישער פאָרם, צווייטנס — דער אינהאַלט, דריטנס — דאָס מיליע, און ועל כולם — די צומצומדיקע, די רמזימדיקע שפּראַך פון די העלדן פון דער דראַמע און פון זייער מחבר, די פיינטעלעך און געדאַנקען־שטריכן, וואָס בילדן אין דעם ווערק אַ מין איבער־לשון, וואָס לאָזט זיך נישט פאָנעטיש געשטאַלטיקן. דאָך איז „די גאָלדענע קייט — איר ערשטער אַקט — געוואָרן איינס פון די פּאָפּולערסטע ווערק ביי די יידישע מאַסן. מיטן בלויזן לייענען פאַר זיך אַליין וואָלט אַזאַ פּאָפּולערקייט, דאַכט זיך, געווען אוממעגלעך. אָנשטרענגעוודיק, שווער פאַרן אינטעליגענט — אוממעגלעך פאַרן דורכשניטלעכן לייענער. ביים לייענען האָט מען געהאַט אַ סך צו פרעגן. האָט מען געהערט הערמאַנען — איז אַלץ געוואָרן קלאָר. דאָס האָט ער פון דאָזיקן ווערק געמאַכט אַ שם־דבר, מיטגעהאָלפן דערצו ,אַז עס זאָל ווערן אַ פאָן פון דער נייער חסידות ,אַ מאָדערן רעוואָלוציאָנער ווערק, וואָס האָט באַגייסטערט מאַסן, גערייצט דעם שכל זייערן, ווי דאָס געפיל.

שלמהלע איז נישט די פאַרקערפּערונג פון צוריקגעשטאַנענקייט פון אַבערגלויבערישן פאַנאַטיזם; שלמהלע איז אַ נאָענטער און אייגענער מענטש פאַר דער נייער חסידות. דער גייסט פון בונט און רעוואָלט האָט אים געמאַכט פאַר אַן „אייגענעם" און דוד הערמאַן איז געווען דער פאַרמיטלער דערביי. פאַר אים אַליין איז דאָס דאָזיקע ווערק געווען דער אויסגאַנגספּונקט פאַר זיין מיסיע אין יידישן טעאַטער. וואָרום ביז אים האָט די יידישע בינע וואולגאַר חוזק געמאַכט פון חסידים, אָפּגעלאַכט פון רביים, אָפּגעשפּאָט פון חסידישן מנהג און שטייגער. הערמאַן האָט זיי — געלייטערט און זויבער, דערהויבן און שיין — געגעבן אַ תיקון אויף די ברעטער פון דער מאָדערנער יידישער בינע.

☆

פון חרם אויף טעאַטער ביי יידן ביז גאָלדפאַדענען איז נישט קיין קליינער מהלך. און ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג אויך פון משכילישן חרם אויף אַלעם וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט חסידים און חסידות, ביזן אַרויפפירן עס אויף די בינע־ברעטער, נישט פאַר שפּאָט און חוזק, נאָר פאַר גייסטיקער דערהויבונג און נחת־רוח. דוד הערמאַן האָט סצעניש אַנטפּלעקט דעם מהות, די נשמה, דאָס אייביק־ווערטיקע פון דער חסידיש־מיסטישער וועלט, וועלכע איז פאַר לאַנגע צייטן ביי יידן אַליין פאַרשטאַנען געוואָרן וואולגאַר, געשאַצט געוואָרן לויט די אויסערלעכע פאָרמען בלויז. און ער האָט עס אַנטפּלעקט אויך פאַר דער גאַנצער און גרויסער נישט־יידישער וועלט. פאַר איר איז די דאָזיקע אַנטפּלעקונג געוואָרן דער אַרטיסטישער סימן מובהק פון אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַל־יידישן טעאַטער.

טאַקע — די אידיי פון אַ יידיש־נאַציאָנאַל טעאַטער.

גאָלדפאַדן איז געווען דער ערשטער. ער האָט אפשר נישט אַזוי געוואוסט וועגן איר ווי געפילט. הערמאַן האָט געהאַט דאָס קלאָרע באַוואוסטזיין פון דער דאָזיקער אידיי און אין אַלע זיינע טואונגען האָט ער געצילט צו אַנטפּלעקן דאָס אייגנטימלעכע פון אַ יידיש־קלאַסישן סטיל און אַוועקשטעלן די ווענט און דעם דאַך אויפן פונדאַמענט וואָס גאָלדפאַדן האָט געשאַפן. די אידיי איז געווען — נישט טעאַטער אין יידיש, נאָר יידיש טעאַטער.

קיין סך רעזשיסערישע בינע־לייסטונגען האָט הערמאַן נישט געהאַט צו פאַרצייכענען. נאָך ווייניקער איז געווען די צאָל דערפאָלגרייכע לייסטונגען און אוודאי איז פון אַלע „דער דיבוק" געווען דער צענטראַלער אויפטו זיינער, די העכסטע, די שלימותדיקסטע דערגרייכונג. אָבער וואו האָט ער נישט צוגעלייגט קיין האַנט ביים געשטאַלטיקן דעם סטיל און נוסח פון יידישן טעאַטער? אין דער דראַמע ווי אין די פּרוואון פון אַן אָפּערע און אין דער ערשטער יידישער רעוויע.

די אָפּערע „דוד און בת שבע" איז, וואָס אַן אמת, געווען און געבליבן בלויז אַן עקספּערימענטאַלער עפּיזאָד פון עקספּאַנסיע, פון די גרויסע אַספּיראַציעס פון יידישן קולטור־שאַפן אין פּוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. די דאָזיקע אָפּערע האָט פאַרמאָגט אַלע חסרונות פון אָרעמקייט און קוריאָזיטעט. אַזוי אין דער באַזעצונג און אויסשטאַטונג ווי אין דער מוזיק און רעזשי. אָבער אין גאַנצן גענומען איז אויף איר געלעגן דער חותם פון אַן אויסגעשפּראָכן יידישן סטיל, און דאָס — אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דער ביבלישקייט פון מאָטיוו.

די ערשטע יידישע רעוויע, די קליינקונסט, איז שוין נישט געווען און נישט פאַרבליבן קיין עפּיזאָד. זי איז פאַרבליבן אַ לעבעדיקע אין דער יידישער סצענישער קונסט און ציט עד היום איר יניקה פון די דעמאָלטיקע הערמאַנישע לייסטונגען: נישט אַ רעוויע אין יידיש מיט סתם קופּלעטלעך און סקעטשן, נאָר אַ

יידישע רעוויע מיט אַלע פאָלקסטימלעכע חנען און רייצן. די זיידענע קאַפּאָטע אויף אַ ווייס און געפּרעסט העמד מיט מאַנקעטן און אַ קאָלנער מיט אַ קראַוואַט — במקום דעם סמאָקינג איז געווען בלויז איינער פון די סימנים פון אַ סינטעטישער קאָמבינאַציע פאַר אַן אייגנאַרטיקן און עכט יידישן סטיל, צו וועלכן הערמאַן האָט געשטרעבט און באַוואוסטזיניק געפּירט.

☆

הערמאַנס קינסטלערישע מעגלעכקייטן און גרויס זענען געווען איינגעשלאָסן אין די ראַמען פון חסידיש־מיסטישן מיליע. אַן אייראָפּעאישע פּיעסע, אַזוי צו זאָגן, איז נישט געווען פאַר זיינע רעזשיסערישע יכולותן. און אפילו אין אַ פשוטער הירשביין־פּיעסע האָט ער קיין חידושים נישט מחדש געווען.

הערמאַן האָט גוט פאַרשטאַנען און נאָך מער געפילט די עלעמענטן דורך וועלכע עס ווערט געשאַפן טעאַטער. די מיטלען פון ווירקן, נישט בלויז אין ריין טעכנישער הינזיכט, זענען אים געווען גוט באַקאַנט. דערצו האָט ער געהאַט אַן אויג וואָס האָט אויפן סובטעלסטן אופן געזען און דערזען, אַן אויער וואָס האָט אויפן איידעלסטן אופן געהערט און דערהערט **דעם דינסטן** ברוכטייל פון אַ דיסאָנאַנס, פון אַן אומעסטעטישן פּרט אין דער דעקאָראַציע, אין דער קליידונג, אינם בילד, וואָס עס שאַפן מיט זיך די שפּילער אויף דער בינע, פון אַ שלעכט אַרויסגעזאָגטער פּראַזע, פון אַ פאַלש באַטאָנט וואָרט, פון שוישפּילערס שטיין, אָדער גיין, איבער דער בינע. ער האָט געוואוסט ווי אַזוי, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען צו עלימינירן דאָס אומגעשמאַקע, דאָס נישט עסטעטישע, דאָס נישט אָדער שלעכט ווירקעוודיקע. אָבער אַן דעם, אָן די דאָזיקע מעלות געשיקט זיך בכלל נישט צו זיין אַ רעזשיסער.

און פונדעסטוועגן, ביי די אַלע מעלות האָט ער נישט אַרמעטום דערגרייכט קינסטלערישע מדרגה פון באַזונדערער וואָג. דער אַמאַנט וואָס שטייט אויף דער קני פאַר אַ מיידל און גאָדערט הארצברעכערישע ווערטער וואָס קאָנען אַ שטיין רירן, האָט הערמאַנען פּערזענלעך אפשר גערירט. דער רעזשיסער הערמאַן האָט דאָרט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן און מחדש זיין. דערפאַר אָבער האָט ער באַוויזן וואונדער מיט אַזאַ קאַרקברעכערישער אַמאַנטן־סצענע: לאה־חנן אין ערשטן אַקט פון „דיבוק", למשל, אָדער אין דער פינאַל־סצענע פון דריטן אַקט. קורצע סצענעס, ביידע — אָן שפּראַך, אָן ווערטער. אפילו די באַגעגעניש מיט די בליקן — קאַרג, אויסגעמאָסטן אויף דער האָר: לאה און חנן אין בית־המדרש פאַרן אָפענעם ארון־קודש, ווען לאה באַרירט מיט אירע ליפּן די הייליקייטן און קושט מיט די אויגן איר באַשערטן חנן. ווי ליכט עס האָט פון אָט דער סצענע געקאָנט ווערן אַ חוזק־שפּיל, אַ געשמאַקלאָז און שאָקירנדיק בילד. און געוואָרן איז דערפון אַ מאָנומענטאַל בילד, וואָס דערשיטערט און רופט אַרויס די איידעלסטע עמאָציעס.

הערמאַן איז געווען „באַגרענעצט" צו אָט דעם זשאַנר און נאָר דורך אים האָט ער קינסטלעריש אַפּעלירט. ער האָט פון דאָזיקן זשאַנר נישט געקאָנט אַרויסקריכן, פּונקט אַזוי גוט ווי אַנדערע האָבן אין אים נישט געקאָנט אַריינקריכן. און האָט מען דאָס פּראָבירט — איז מען דערביי נכשל געוואָרן.

☆

דער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר האָט פאַר הערמאַנען אויפגעהיט אַ פאַרדינטן רעספּעקט און צוגלייך — מורא געהאַט, געהאַט אַ געוויסן אומווילן צו אַרבעטן מיט אים. סיבות צום אומווילן זענען געווען אַ סך. הערמאַן איז געווען אַ „גזלן". ביים „צושניידן" אַ פּיעסע האָט ער דאָס, וואָס האָט זיך לויט אים נישט געפּאַסט, אַוועקגעשניטן ווי איבעריקע צויטן. דער טעקסט פון אַ פּיעסע איז ביי אים נישט געווען קיין הייליקייט צו וועלכער מען טאָר זיך נישט צורירן, אַ תורה פון וואָס מען טאָר נישט אַראָפּנעמען און צו וואָס מען טאָר גאָרנישט מוסיף זיין.

אויך ביים יידישן אַקטיאָר איז דער טעקסט ווייט נישט קיין הייליקייט. דער מהלך אָבער צווישן הערמאַנען און דעם יידישן אַקטיאָר איז דאָ געווען אַ גענוג גרויסער. הערמאַן האָט געקאָנט אַראָפּנעמען. אפילו „די גאָלדענע קייט" האָט ער געקירצט. וואָס שייך דעם אַקטיאָר, וועט ער פאַר אַ שטיקל פּראָזע זיך לאָזן שעכטן. וועגן אַראָפּנעמען, קירצן קאָן קיין רייד נישט זיין, אדרבא — ער האָט גיכער די נטיה צוצוגעבן...

ביי הערמאַנען איז כמעט קיינמאָל קיין פאָרשטעלונג נישט פאַרטיק געווען. בלויז דער אַפּישירטער טערמין פון אַ פּרעמיערע האָט רעאַל געמאַכט די מעגלעכקייט פון דער אויפפירונג. ווי לאַנג עס האָבן אָנגעהאַלטן די פּראָבעס האָט ער תמיד געהאַט וואָס צוצוגעבן, צו ענדערן, מחדש צו זיין. דער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר האָט עס נישט ליב.

הערמאַן איז געווען דער מייסטער פון דער פּויזע, ער האָט זי געוואויגן און געמאָסטן מיטן זייגער אין דער האַנט, אַרויסגעפילט זי ביזן קלענסטן ברוכטייל פון אַ סעקונדע. ער האָט מיט דער פּויזע געשאַפן „צוגאָב־טעקסט" צו דעם וואָס דער מחבר האָט געשריבן, אַ מין „שטומע פּראָזע" מיט וועלכער מאַנכע אַקטיאָרן האָבן זיך טיילמאָל געוואָרגן און דערפאַר צוגעקלעפּט הערמאַנען אַ ביטולדיק עפּיטעטל פון אַ „באַבוקמאַכער".

יאָרן לאַנג איז הערמאַן געווען רעזשיסער פון דראַמאַטישן קרייז ביים „הזמיר" אין וואַרשע. דאָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט דאָס גאַנצע לעבן, געווען פאַרוואָרצלט אינם שפּעטערדיקן רעזשיסער פון פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־אויפפירונגען. דער דראַמאַטישער קרייז ביים „הזמיר" איז געווען אַ שול, אַ סטודיע נישט בלויז פאַר מאַנכע קומענדיקע אַקטיאָרן, וואָס זענען שפּעטער אַוועק עסן דאָס שווערע שטיקל ברויט פון אַ פּראָפעסיאָנעלן שוישפּילער, נאָר אויך אַ שול פאַר הערמאַנען אַליין.

אונטערן וואַרעמען אָבער שאַרף מאָנענדיקן אויג פון פּרצן איז בכלל געווען שווער צו גיין אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. בפרט אַז הערמאַן אַליין האָט זיך גאָרנישט פאַרנומען אויף אַזאַ וועג, אדרבא — ער האָט זיך אויסגעקליבן דעם וועג פון שווערסטן ווידערשטאַנד. ער איז געגאַנגען אין יידישן טעאַטער מיט אַ שליחות, אַליין זיך אָנגעבאָטן פאַר דער דאָזיקער שליחות. און קלאָר אין באַוואוסטזיין ווי שווער זי איז, וואָס פאַר אַ געפאַרן עס לויערן אין וועג — האָט ער זיך צו דער שליחות געגרייט. פאַרוואַנדלט דעם „הזמיר"־קרייז אין אַ לאַבאָראַטאָריע, די אַמאַטאָרן — אין מאַטעריאַל פאַר זיינע עקספּערימענטן אויפן וועג צום ציל. דאָ האָט ער געקנעלט זייער געניי און פּרעציז יעדן טריט אויף דער בינע, יעדן ריר, יעדע אַרויסגעזאָגטע פּראַזע און אַזוי אַרום אויספּראָבירט אויך זיך אַליין, די אייגענע מעגלעכקייטן און מיטלען, איינגעקנעלט און געשטאַרקט דאָס אייגענע קינסטלערישע באַוואוסטזיין און די זעלבסטזיכערקייט אָן וואָס עס איז בכלל נישט מעגלעך צו קומען אַמאָל צום „פּסוק".

פאַר אַמאַטאָרן איז דאָס זוכעניש און „קנעלונג" געווען אַ ברכה. זיי האָבן אים געקוקט אין די אויגן אַריין, איינגעגלויבטע



אין אים און פאַרליבטע. אַזוי איז געווען אין „הזמיר" און אַזוי — מיט יאָרן שפּעטער — אין דער ערשטער יידישער דראַמאַטישער שול אין וואַרשע. די באַציאונג צו אים איז געווען נישט ווי פון תלמידים, נאָר ווי פון חסידים צו אַ רבין. אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער אָבער האָבן זיך אַקטיאָרן טיילמאָל געוואָרפן ווי פיש אויפן זאַמד... דער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר האָט נישט ליב מען זאָל אים כסדר פירן פאַרן הענטל. און אַ סך האָבן זיך טאַקע נישט געלאָזט פירן אויך. פּאָליע וואַלטער האָט די גאַנצע צייט, ווי לאַנג עס האָבן געדויערט די פּראָבן פון „דיבוק", דעם טויטן־טאַנץ מיט די פּופּצן ווערטער פּראָזע וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן, מאַרקירט. אפילו ביי דער גענעראַלפּראָבע האָט זי נישט אַלץ „דערלאַנגט" און ערשט אויף דער פּרעמיערע געגעבן דאָס פולע, דאָס פאַרביקע און עקספּרעסיווע, דאָס אַזוי דערשיטערנדיקע בילד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון אויף לאַנגע צייטן. ס'איז אַן אייגנשאַפט און עס ליגט אין דער אַמביציע פון יעדער סצעניש־קינסטלערישער פּערזענלעכקייט צו וועלן אַליין אויסטראָגן די אחריות פאַר דעם אייגענעם חלק אין דער אויפפירונג. דאָס גראָד האָט הערמאַן כמעט נישט סובל געווען.

זעלבסטזיכערקייט? זאָגן אַז הערמאַן האָט זי אין זיין פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער־פּראַקטיק פאַרמאָגט אין אַ גענוגיקער מאָס — איז אויך נישט אַזוי גרינג. דאָס וואָס זיינע רעזשי־ביכער זענען קיינמאָל נישט געווען ענדגילטיק און אָפּגעשלאָסן, דאָס וואָס זיינע אויפפירונגען זענען ביי אים אַליין קיינמאָל נישט פאַרטיק געווען, האָבן געקאָנט זיין סימנים פון קינסטלערישער אומצופרידנקייט, פון אחריות־געפיל, פון דראַנג צו אַבסאָלוטער שלימות, פון זוכן די וועגן צו איר. עס האָט אָבער געקאָנט אויך זיין אַן איינפאַכער סימן פון אומזיכערקייט. דאָס לאַנגע „קנעלן" האָט מיד געמאַכט. אַז די פּראָזע פון אַן איינגעחזרטער פאָרשטעלונג איז שוין, נאָך אומצייליקע פּראָבן, אויסגעקומען ווי שעטשקע אין מויל און מען האָט נאָך אַלץ נישט דערלעבט צו זען דאָס ליכט פון דער ראַמפּע, צו דערפילן דעם קוליסן־ריח ערב אַ פּרעמיערע, האָבן אויך אַמאַטאָרן, הערמאַנס איינגעגלויבטע און פאַרליבטע תלמידים, אָנגעהויבן ווערן נערוועז, געפרעגט איינער דעם אַנדערן: עד מתי? אפשיטא — דער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. ער פאַרטראָגט אוודאי נישט דאָס צו לאַנגע „קיצלען" אַ פּיעסע. און עס פאַרטראָגט עס נישט דאָס פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער.

דער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר האָט נישט, על פּי רוב, קיין שום אַנדערע מיסיעס ווי — שפּילן טעאַטער. און טעאַטער מיינט: כסדרדיקייט און פאַרשידנאַרטיקייט, דער רעלאַטיוו אָפּטער טויש פון קרעאַציעס. עס איז גוט ווען אַ פּיעסע האַלט זיך לאַנג אויפן אַפּיש, עס איז מאַטעריעלע מזל־ברכה. דאָס איז אָבער אַן אומגליק פאַרן אַקטיאָרס קינסטלערישן ווייטערגיין.

דער גרויסער קאַסע־דערפאָלג פון „דיבוק", דאָס וואָס ער איז געשפּילט געוואָרן הונדערטער מאָל נאָכאַנאַנד, אָן איבעררייס, האָט זיך אויף טייל אַקטיאָרן אויסגעווירקט פאַטאַל. עס איז אין זיי אַליין אַריין אַ דיבוק און ס'איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם איידער מען האָט זיך פון אים באַפרייט. געווען אַזעלכע וואָס זענען שוין מיט אים פאַרבליבן אויף אייביק. דער סימן פון כסדרדיקייט אָבער האָט ביי הערמאַנען געפעלט. עס האָט געקאָנט געמאָלט זיין ביי אים כסדרדיקייט פון אַרבעט, אָבער נישט פון פּערמאַנענטן שפּילן. און אוודאי האָט געפעלט די פאַרשידנקייט. האָט טאַקע הערמאַן דעריבער נישט געקאָנט אָנפירן מיט קיין סטאַביל טעאַטער.

דאָס אַלץ אָבער פאַרמינערט נישט זיין גרויס און ראָל אין יידישן טעאַטער בכלל. אין דעם איינזייטיקן, אינם אויסשליסלעך חסידיש־מיסטישן מיליע, אין דער אַ ביסל פאַרחוזקטער „באַבוק־ און שטימונג־מאַכעריי" איז געקומען צום אויסדרוק דאָס אייגנאַרטיק קינסטלערישע, וואָס הערמאַן האָט מיט זיך געבראַכט אין יידישן טעאַטער. דאָרט איז געלעגן דער שליסל נישט בלויז צו אַ נייעם סטיל, נאָר צו אַן עכט יידישן סטיל און נוסח אין יידישן טעאַטער. דאָס איז געווען הערמאַנס שליחות, וועלכע ער האָט אויסגעפירט כמעט בשלימות.

---

ג. טשאַרנעזאָן־שאַיאַק

# נאַכט-קאַראַוואַנען

ס'גייען קאַראַוואַנען, גייען אין דער נאַכט, פאַרטייעט,
באַלאָדן מיט געפּעק.
קוקט מיט חשד אַראָפּ לבנה מיט אַ בלאַסן פּנים,
ווי פאַרצאָגט פון שרעק.

גייען קעמלען, גייען, טרעטן לאַנגזאַם, שווער אין זאַמד,
שאָטנס זיי באַגלייטן.
לאָגלען זענען ליידיק, טרוקן, און געפּעק איז שווער,
אין דעם וועג דעם ווייטן.

ווערט דער שליאַך פון מדבר אין דער נאַכט צערונען,
שטערן פינקלען שטומע.
זוכן קעמל־טרייבער, זוכן אין דעם חושך — —
ס'לויפן וועגן קרומע.

הויבן דראָמאָדערן אויף די קעפּ צום הימל,
ס'ווערט די לאַסט זיי שווער.
קאַסטנס מיט כלי־משחית, פולווער שווערע פולע,
כל המין געווער.

וואַרטן אָפּ ס'כלי־משחית הענט וואָס שעכטן לעבנס,
צינדן לאַנד אין פייער.
פלאַקערט די מלחמה אויף באַפעלן פרעמדע,
קעגן בויער נייע.

בויער — יורשים תנכישע, וואָס זענען קריק געקומען
אין דעם זאַמד דעם הייסן.
פּרוכפּערקייט געגעבן, עס זאָל וואַקסן
ברויט אין דעם סטעפּ דעם גרויסן.

ס'האָט בראשית־באָדן מוטער־טראַכט צעעפנט
פאַרן אַקעראייזן.
נאַקעטקייט פאַרשעמטע אין גרינקייט אָנגעטאָן
איר קללה אויסצולייזן,

אינם חושך פון דעם סטעפּ קאַראַוואַנען גייען,
אויבן טווינקלען שטערן.
אונטן — מערדער־אויגן, מעסער בליצן,
וועמעס בלוט־רוף
נאָר דער סטעפּ קען הערן.

הענגט נאַכט און שלאָף פאַרקנסט אין קיבוץ־טאָל,
פאַרטייעט
ליגט דער סטעפּ דער ליידיקער.
עס שלאָפן נישט די שומרים בלויז, פריי פון
יעדער שרעק,
די בויער און פאַרטיידיקער...

מ. אײזענבוד

# אוזרעמל דער טויבנכאַפּער

## (פון דער נאָוועלע „יאַטלעך")

די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן צעשטויבט די בלאַסע בלוי־קייט און אויפגעוועקט די הענער, זיי זאָלן באַגריסן דעם אָנקו־מענדיקן טאָג: קוקעריקו...

פון נאָטע דעם אָגראָדניקס שטיבל האָבן זיך צוזאַמען מיטן אויפגייענדיקן רויך פון קוימען, געריסן צום פרימאָרגנדיקן הימל איבערגעוועקטע טויבן.

אין אויוון האָט זיך געהייצט. רויטע פייער־צונגען האָבן הונגעריק געשלונגען די סמאָליקע סאָסנע־שייטן. אויף דער קיך־באַנק איז געשטאַנען די באַק־דייזשע מיטן געווירענעם טייג, גרייט צום קנעטן.

יעדע וואָך, אַז דינטשע פלעגט באַקן ברויט פאַר איר הויזגעזינט, האָט זי באַלד אין דער פרי, צום אָנבייסן, געבאַקן רעטשענע לאַטקעס. אויך איצט איז זי געשטאַנען בײַם אויוון. די פייער־רויטע האָר איינגעצויגן מיט אַ טיכל פון אונטער וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט בינטן האָר.

אין אויוון זענען אויף צוויי האַלבע ציגל געשטאַנען צוויי גלאַנציקע שוואַרצע סקאָווראָדקעס, וועלכע זי האָט פריער אויסגעריבן מיט אַ האַלבער קאַרטאָפל, איינגעטונקט אין בוימל. דינטשעס געניט אויג האָט שפּאַצירט פון איין ציגל צום צווייטן, און אַז די לאַטקעס האָבן זיך נאָר צוגעברוינט, האָט זי די סקאָווראָדקעס פלינק אַרויסגעכאַפּט מיט דער לאַנגער „ווילקע", איבערגעדרייט די לאַטקעס און ווידער אַריינגעשטעלט זיי אין אויוון.

פון הינטערן אויוון האָט אַרויסגעקוקט דער רעקווייזיט פון אַ באַלעבאָסטע אין אַ ווייסרוסיש שטעטל, אָן וועלכן זי האָט זיך נישט געקענט באַגיין: אַ ווייס־באַמעליקטע לאָפּעטע צו באַקן ברויט און חלה, אַ קאָטשערע צו פאַרשאַרן דעם אויוון, און אַ פּאָמעלע — אויסצוקערן דעם אויוון איידער מען זעצט אַריין דאָס ברויט.

אַז די לאַטקעס זענען אַרויסגעקומען ברוינע, פּוכיקע פון אויוון, האָט דינטשע גלייך געלאָזט וויסן ברוך נאָטען אין אַלקערל:

— מ'קען שוין אַרויסקריכן פון בעט! — האָט זי הויך אויפן קול אַ צופרידענע אַריינגעשריגן.

און איר בן־יחיד, אוורעמלען, וואָס איז געזעסן אויפן בוידעם צווישן די טויבן, האָט זי גערופן קלאַפּנדיק מיט דער ווילקע אין באַלקן. אוורעמל האָט זיך נישט געאײַלט אַרונטער־צוקריכן. ער האָט גוט געוואוסט, אַז נאָכן עסן וועט אים די מאַמע אַריינפּאַקן צוויי שטיקלעך שוואַרץ ברויט אין טאַש, און מיטגעבן אַ קופּערנעם פּינפער־גראָשן, ער זאָל זיך קויפן בײַ ליאָווע דעם „פּוילישן" עפּעס צום ברויט. צו די טויבן איז ער שטאַרק צוגעבונדן, כאָטש דער מלמד פון תלמוד־תורה קנייפּט שטיקער פון זיינע באַקן און רופט אים נישט אַנדערש, ווי: „יעפרוך", „זשלאָב" אָדער „טויבנכאַפּער". אוורעמל נעמט זיך ווייניק וואָס איבער. עס ציט אים סכנות צו זיינע טייבעלעך. זיי קענען דעם גאַנצן טאָג אַרומפליען אונטערן הימל, אָדער בײַם טייך, נאָר ער מוז זיצן אַ קיילעכדיקן טאָג אין חדר.

דורכן בוידעם־פענצטערל זעט ער, ווי אַניוטע דעם קאַלכערס טאָכטער לויפט אַ באָרוועסע איבערן הויף, אַרויסטרייבנדיק די גענדז אויף דער פּאַשע. ווי גערן ער וואָלט איצט אַ ביסל גע־לאָפן מיט איר צום טייכל, ווי ער טוט עס אָפט פאַרנאַכט. דער טאַטע דערלאַנגט אים פאַר דעם די ריכטיקע קלעפּ:

— אַ בריאה פון קנאַפּע צוועלף יאָר, זאָל אין זינען האָבן טויבן און שיקסעס! כ'וועל דיר דיביינער צעברעכן, אַז וועסט נישט ווערן קיין ליט!

אוורעמל איז קיין ליט נישט געוואָרן.

וואָס מער דער טאַטע האָט געשלאָגן און געמוסרט, און וויפיל דער רבי האָט נישט געקניפּט, איז אוורעמל געבליבן בײַ ס'זייניקע.

אַניוטע ווייסט אַ סך זאַכן, וואָס נישט דער טאַטע, נישט די מאַמע ווייסן; אַפילו די יינגלעך אין חדר. יעדן אָוונט, איידער מען יאָגט אים אַריין שלאָפן, זעט ער ווי אויסגעוואַק־סענע יינגלעך און מיידלעך גייען צום „וואַל" שפּאַצירן. זיי שאַרן זיך פאַרזיכטיק פאַרביי זיינע פענצטער, ווי זיי וואָלטן עפּעס געגנבעט. ווען די מאַמע יאָגט אים נישט שלאָפן, וואָלט ער בעסער געלאָפן צו דער ווילנער גאַס. דאָרט איז ליכטיק אין אַלע פענצטער פון די געשעפטן. אַמליבסטן וואָלטן ער שטיין געבליבן בײַ סעמינירעס אַפּטייק און געקוקט ווי עס צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס די ווייסע, רויטע און בלויע לעמפּעלעך; אָדער נעבן זייגערמאַכערס „וויסטאַווע", וואו אַ גרינער העל־פאַנט האַלט אין נאָז אַ גאָלדענעם זייגער און דער ווייזער שאָקלט זיך אַהין און אַהער. אַ האַלבע שטאָט קומט דאָ קוקן ווי שפּעט עס איז.

אָבער ער איז נאָך קליין. כאָטש דער טאַטע זאָגט אים, אַז אין אַ יאָר אַרום ווערט ער שוין אַ „פּאָלנער" ייד, מוז ער דערווייל גיין שלאָפן גלייך נאָך וועטשערע. ער וועט עס דער־ציילן אַניוטען, זי וועט געוויס וויסן, פאַרוואָס זיי גייען אויפן וואַל, וואו ס'איז פינצטער און קיינער וואוינט דאָרטן נישט.

— תנא־באַרע, קריך שוין אַראָפּעט! — דערהערט ער דעם טאַטנס הייזעריקע שטים, וואָס קייקלט זיך אַרויס פון זיין האַלדז ביז אַריבער די שטאַפּלען פון לייטער אַרויף צו אים אויפן בוידעם. פלינק ווי אַ וועווריק, גליטשט זיך אוורעמל אַראָפּ אונטן.

אויפן וועג צום חדר, כאַפּט זיך אוורעמל אַריין צו יאַנקל דעם שמיד אין קוזשניע. ערשט נעכטן האָט ער פון טאַטן גע־הערט:

— יאַנקל דער שמיד איז אַ צער־בעל־חיימניק. אַ מענטש זאָל נישט עסן קיין פלייש... ווען ער פאַרדינט עפּעס געלט, גיט ער עס אַוועק די וואַנילאָוויטשער גוים. נאָר צוריק אַ גראָשן זעט ער שוין נישט. נישט אַנדערש, נאָר ער איז אַ פאַרשטעקטער ל"וניק.

זעט אוורעמל, ווי יאַנקל דער שמיד שניידט מיט אַן אויס־געשטשערבעטער קאָסע אַ שטיק אייזן און פון האָרן טראָגט זיך אַ בלוי רויכל. אוורעמל זוכט אַ סימן וואָס זאָל אָנדייטן אויפן טאַטנס רייד. אַ פויערל ציט דעם בלאָזאַק און אַ דאַר פערדל קייט אַ ביסל היי. און וואו איז דער ל"וניק?

איבערן בריקל אַריבער, וואָס ליגט איבער האָצקעליכעס „רוי", בלייבט אוורעמל שטיין בײַ מרדכי־דוד דעם שוסטערס שטוב. דורכן פענצטער זעט ער אויף דער וואַנט די אויסגע־פוצטע מעשענע קאַסקע, דעם מונדיר מיט די רויטע קאַנטן און דעם מעדאַל „פאַר פופציק יאָר דינסט". נעבן זיי, דער האָרן. אַז מרדכי־דוד גייט אַרויס אין גאַס און גיט אַ בלאָז: טו־טו־טו, לויפן באַלד אַ האַלב שטעטל טאַטעס, און נאָך זיי באָרוועסע יאַטלעך, און באַלעגאָלעס רייטנדיק אויף פערד. ווייבער זוכן די פיצלעך קינדער, ווי אַ היץ אירע אויסגעפּיקטע הינדעלעך און ברעכן זיך די הענט:

— סע ברענט! סע ברענט!

אין די טעג ווען עס ברענט נישט און מרדכי־דוד פאַר־ריכט שיך, איז ער זייער אָנגעלייגט בײַ די מאַמעס. האָט זיך אַ קינד פאַרטרוסעט אַן אויג, אַ זעמדל איז אים אַריין בײַם שפּילן זיך, פירט אים שוין די מאַמע צו מרדכי־דוד דעם שוס־טער אויסצולעקן דאָס אויג. מרדכי־דוד לייגט דאַן פאַמעלעך אַוועק דעם שוך אָן אַ זייט, טוט אויס דעם פאַרטוך, ווישט אָפּ די הענט אין די הויזן, נעמט אַריין דאָס יאַטל צווישן די קניען און הויבט אָן פּאַוואָליע אויסצולעקן אים דאָס אויג מיט דער צונג. אַז ער שפּייט אויס — איז דאָס יאַטל ווידער פריש און געזונט. אַזאַ כוח האָט מרדכי־דודס צונג.

אַז אוורעמל איז אָנגעקומען אין חדר, האָט שוין דער אַל־טער ראַזאָווסקע געהאַט אויסגעשטאָפּט אַ טוץ זעקסער גילזן פון די היימיש־געמאַכטע פּאַפּיראָסן, און דערבײַ געהאַלטן אַן אויג אויף דער ווייסער חברה, וואָס האָבן זיך געטאָרעט מיט די באָרוועסע פיס אונטער דער באַנק און זיך געקניפּט אין די הינטנס.

זיין ווייסע באָרד איז אים יעדעס מאָל אַריינגעקראָכן אין חומש און ער האָט זי יעדעס מאָל אָפּגערוקט. אוורעמל האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין האַלב־טונקעלן חדר און זיך אַוועק־געזעצט צווישן די יינגלעך. פון הינטער די גילזן אין דעם חומש האָבן זיך אויפגעהויבן צוויי לאַנגע, ווייסע ווי זילבער ברעמען, און דעם רבינס אויגן האָבן זיך אָנגעשפּיזט אויף אים:

— אוווא, דער טויבנכאַפּער איז דאָ. זאָג נאָר שיינער מעניו, וואָס אַזוי פרי?

— רבי, דעם קאַלכערס חזיר איז געשטאַנען אין מיטן וועג — זאָגט אונטער פּיוועס יאַש.

— רבי, די מאַמע האָט אים געשיקט לייען אַ קאַצלקע — העלפט אים אַרויס רווע דעם קאַמינאַרס.

— רבי, ער האָט גערעכנט מיטן ערשטן מנין — פאַרטייַ־דיקט אים פראָים בעבל.

— שווייגט, מזיקים, נישט אייך פרעגט מען! — לאָזט ער יעדן אַריין אַ פליק מיטן קאַנטשיק, און צו אוורעמלען מאַכט ער:

— דיין טאַטע וועט שוין פון דיר רייסן אַ פּאַס, בייסטרוק. זעזאַך אַנידער און זאָג ווי אין חומש שטייט:

— ויתרוצצו, און עס האָבן זיך געטאַראַפּעטשעט, הבנים, די יעפריקעס, בקרבה, אין איר טרעלבוך...

אוורעמלס געדאַנקען זענען איצט געווען ווייט פון חומש. די מעשה מיט די צוויי בנים, יעקב און עשיו, וואָס האָבן זיך נאָך אין דער מאַמעס בויך אַרומגעשלאָגן, איז אים אין קאָפּ נישט געקראָכן. היינט אין דער פרי האָבן זיך אויסגעפּיקט צוויי יונגע טייבעלעך, פּיצינקע, נאַקעטע, מיט עטוואָס געלן פּוך אויף די פליגעלעך. געווים וואַרעמען זיי זיך איצט אויף דער זון און דעם קאַלכערס געפלעקטער קאָטער האָט אויף זיי אַן אויג. דאָרט הינטער זייער שטיבל איז אַ גרינע לאָנקע און אַניוטע פּאַשעט די גענדז...

דער אַלטער ראַזאָווסקע דערפילט מיט זיין פעדאַגאָגישן חוש, אַז אוורעמלס קאָפּ איז נישט בײַם חומש, און ער פילט אַפילו נישט, אַז איבעראַיאָר ווערט ער בר־מצווה און וועט שוין דאַרפן תפילין לייגן. ער שטייט און באַטראַכט דעם יינגל, ווי אַ פּאַסטוך וואָס וויל זיין פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע צוריקברענ־גען אין דער סטאַדע. שאַרט ער זיך שטיל צו צו אים אין זיינע ווייכע קאַמאַשן און לאָזט אים אַריין אַ פלאַם אין לינקן אויער אַריין מיט אַ בינטל טרוקענע פינגער. פון דעם קלאַפּ הויבט אוורעמלס אויער אָן צו פייערן. ווי אויפגעוועקט פון הינער־פלעט ווערט ער נאָך מער צעטומלט. ער ווייס נישט וואו מען האַלט. ער ווייס נישט, אַז די יינגלעך האַלטן שוין אַ סך ווייטער. נאָר עס פּלאָנטערט זיך אים נאָך אין קאָפּ די מעשה מיטן גראָטענעם צווילינג, און ער טוט אַ שיס אַרויס:

— און ויתרוצצו, און עס האָבן זיך געטאַראַפּעטשעט, הבנים ,די יעפריקעס, בקרבה, אין איר טרעלבוך...

יצחק קאַהאַן

# דער טראַגישער קאָנפליקט צווישן פּינטעלע ייד און פּינטעלע מענטש

מאָטטאָ:
— ווען איך וועל שטיין פאַרן בית־דין של מעלה,
— האָט ר׳ מאיר געזאָגט —
האָב איך נישט מורא צו ווערן געפרעגט,
הלמאי כיבין נישט געווען אברהם אבינו,
אָדער נישט ווי משה רבינו,
נאָר — פאַרוואָס בין איך נישט
געווען — ר׳ מאיר?...

## 1. אַסימילאַציע אין לויף פון דורות

אַסימילאַציע אין יידישן לעבן איז שוין אַזוי אַלט, ווי די געשיכטע פון יידישן פאָלק.

די אויספורימונג פון דער נאַציאָנאַל־יידישער אינדיווידואַליטעט האָט זיך כסדר געראַנגלט מיט פרעמדע — פאַרן יידישן גייסט — איינפלוסן פון די אַרומיקע פעלקער.

די בייטשנדיקע שטראָף־רייד פון אונדזערע נביאים זענען געצילט געווען קעגן די פרעמדע ווינטן און שטראָמען, וואָס האָבן אָנגעשלאָגן אין די ברעגעס פון יהודה.

פון אָנפאַנג — בעת דעם נאַציאָנאַלן בראשית — האָט דער פרימיטיוו־יידישער מענטש נאָכגעקאָפּירט די שכנישע געצנדינסט, דעם קולט מיט די סעקסועלע אָרגיעס, וואָס האָט אַפּעלירט צו זיינע אינסטינקטן. די אַגיטאַטאָרן פון געצנדינערישן לעבנס־שטייגער — די נביאי השקר — זענען באַקעמפט געוואָרן מיט די שאַרפסטע מיטלען מצד די אמתע נביאים, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך פון קיום האומה ,געבויט אויף די יסודות פון אמת, צדק און יושר. דער דאָזיקער קאַמף קעגן דער געצנדינערישער אַסימילאַציע האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון פערטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, ווען די פּלאָג האָט זיך באַוויזן אין אַ ניי געשטאַלט — העלעניזם.

נישט דער גשמיותדיקער, געצנדינערישער לעבנס־שטייגער, נאָר די איינפלוסן פון דער גריכישער קולטור, פון אירע פילאָזאָפישע קלאַסיקער, האָבן זיך אַריינגעריסן אין יהודה, און אָנגעשטעלט פאַר אַ שווערן נסיון אַ ריי פירער פון דער יידישער אינטעליגענץ. זיי זענען געוואָרן די וואָרט־זאָגער פון אַ יידיש־העלעניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט כולל געווען רייכע יידן, כהנים, און אַנדערע מיוחסים. די יידישע העלעניסטן האָבן אַדאָפּטירט גריכישע נעמען, מנהגים, און בכלל זיך פאַרמאָסטן איבערצופלאַנצן אין יהודה דעם גאַנצן גריכישן לעבנס־שטייגער.

באַנוצט האָבן זיי אין דער פּראָפּאַגאַנדע נישט בלויז דעם לאָזונג — נהיה ככל הגויים, נאָר בעיקר דעם אַרגומענט פון יידישער קולטור־עקספּאַנסיע, פון פאַרשפּרייטן דעם יידישן מאָנאָטעאיזם אין דער געצנדינערישער וועלט. און ווירקלעך, דאָס איז געווען אַ שטאַרקער אַרגומענט.

אין יענער צייט האָט דער עכאָ פון דער יידישער רעליגיע אָפּגעקלונגען אין אַלעקסאַנדריע ווי אין רוים; אויף די עמפּינדלעכע גריכן און רוימער, וואָס זענען געקומען אין באַרירונג מיט דער יידישער וועלט, האָט געווירקט די יידישע עטיק, די ריינקייט פון יידישן פאַמיליע־לעבן, די נשמה־יתירהדיקייט פון שבת־קודש, ווי בכלל די גאַנצע סטרוקטור פון יידישן שטייגער. די געבילדעטע געצנדינער האָבן זיך באַקענט מיט דער מאָראַל פון דער יידישער רעליגיע, מיט דעם העכערן עטישן אמת, וואָס איז דער הויפּט־קוואַל פון יידישן מאָנאָטעאיזם.

די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה האָט שטאַרק צוגעהאָלפן דעם דינאַמיש־גייסטיקן פּראָצעס, וואָס האָט אין דער געצנדינערישער וועלט געפירט פון געצנדינסט צו מאָנאָטעאיזם.

די גייסטיקע פירער פון יידישן העלעניזם האָבן דעריבער געגלויבט, אַז זיי טוען אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אַרבעט פון אַ היסטאָרישן כאַראַקטער, דערפילנדיק די שליחות פון די נביאים, צו פאַרוואַנדלען די יידישע רעליגיע אין אַ אוניווערסאַלער און דאָס יידישע פאָלק — אין אַ וועלט־פאָלק. אויף דעם סמך האָבן זיי אין קאַמף פאַר זייער שיטה זיך באַנוצט נישט בלויז מיט דערלאָזבאַרע, נאָר בעיקר — מיט אומדערלאָזבאַרע מיטלען. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך, מיט דער הילף פון אויסערלעכע שונאים האָבן זיי געשטאַרקט זייערע פּאָזיציעס, פאַרנעמענדיק אין פאַרשידענע צייטן — קעגן דעם ווילן פון פאָלק — אַ דאָמינירנדיקן אָרט אין יידישן לעבן. דער רוב מנין פון די פאָלקס־שיכטן האָט אָבער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די העלעניסטישע איינפלוסן.

זינט די צייטן פון עזרא און נחמיה איז יידישקייט געוואָרן אַ פאָלקס־קולטור אין פולן זין פון וואָרט. בעת ביי די אַרומיקע פעלקער איז קולטור געווען דער קנין פון די אויבערשטע שיכטן, וועלכע האָבן געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף די גייסטיקע אוצרות און דאָס פאָלק אויסגענוצט בלויז אויף קריג און שקלאַפעריי, איז אין יהודה די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור געווען דער קנין פון גאַנצן פאָלק.

די גייסטיקע פירער — אָנהויבנדיק פון די נביאים, אנשי כנסת הגדולה, ביז שפּעטער צו די פּרושים—זענען געשטאַנען נאָענט צום פאָלקס־מענטש, האָבן אים געלערנט און דערצויגן אין גייסט פון קדושה, אמת און גערעכטיקייט, זעענדיק אין דעם דעם יסוד פון דער נאַציאָנאַלער יידישער אינדיווידואַליטעט. און אָט זיי האָבן באַטראַכט די יידישע העלעניסטן ווי אַ פרעמדן עלעמענט, וואָס גראָבט אונטער די עקזיסטענץ פון פאָלק אינעווייניק, בעת דער שונא לויערט פון אויסנווייניק. **אַזוי** אַרום האָבן זיי באַטראַכט די יידיש־העלעניסטישע גרופּע אַלס אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע געפאַר פאַרן המשך און קיום פון פאָלק, און דער אויספיר איז געווען קלאָר: שטעלן זיי מחוץ למחנה!

נישט תמיד איז דאָס געווען לייכט. די סאָציאַלע פּאָזיציע פון די יידישע העלעניסטן איז צייטנווייז געווען, — צוליב געלט ,יחוס און אויסערלעכע פאַקטאָרן, — אַ גאַנץ דאָמינירנדיקע. זיי האָבן צייטנווייז געהאַט די מאַכט אָנצוואַרפן זייער ווילן, אויפבויענדיק אין יהודה גריכישע שטעט, איינפירנדיק אַ גריכישן לעבנס־שטייגער אויפן אָרט פון דעם נאַציאָנאַל־יידישן.

דאָס איז געווען אַ קולטור־קאַמף פאַר דער נשמה פון פאָלק, וואָס האָט זיך געצויגן הונדערטער יאָרן און איז פאַרצייכנט געוואָרן פאַר דער געשיכטע דורך איינעם, וואָס ווערט פאַררעכנט אַלס דער ערשטער יידישער אַסימילאַטאָר. אמת, נישט פון דער גרופּע אַסימילאַטאָרן, וואָס האָט דעזערטירט און אַריבער צום צווייטן לאַגער, נאָר צו דער, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג זיך געראַנגלט מיטן אייגענעם „איך״; וואו דאָס פּינטעלע ייד און דאָס



# ביי דער אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ

פּינטעלע מענטש האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אייביקער שלאַכט־אַרענע.

מיר מיינען דאָ דעם גייסטיקן ריז פון דער גרופּע, דעם גרויסן יידישן היסטאָריקער, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען — **יאָזעפוס פלאַוויוס**.

* * *

זיין יידישער נאָמען איז געווען יוסף בן מתתיהו. ער איז געווען אַ כהן פון ערשטן ראַנג, אַ תלמיד פון ר׳ יוחנן בן זכאי און האָט מיט זיינע נישט־דורכשניטלעכע פעאיקייטן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון זיין גרויסן לערער.

שוין אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער אַריינגעזאַפּט אין זיך נישט נאָר אַ סך יידיש, נאָר אויך וועלטלעך וויסן; ער איז געווען דער ערשטער תלמיד פון ר׳ יוחננס ישיבה, וואָס איז באַקאַנט געווען מיט די העלעניסטישע קלאַסיקער.

מיר האָבן נישט קיין היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן אונדז דערמעגלעכן צו פאַרשטיין די דאָזיקע קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט, וואָס איז אַן אוניקום אין דער געשיכטע.

מיר ווייסן וועגן זיין ראָל אין דער יידישער מלחמה קעגן רוים, און זיינע געשיכטלעכע ווערק, וואָס נעמען אַרום אַ תקופה פון הונדערטער יאָרן — פון אַלעקסאַנדער מוקדון ביזן חורבן בית שני; און מיר האָבן אַ סך צו פאַרדאַנקען די קריסטלעכע געשיכטע־פאָרשער, וואָס האָבן אָפּגעהיט די גריכישע איבערזעצונג פון זיין גרויס געשיכטלעך ווערק (זיינע אָריגינעלע אַראַמעאישע ווערק זענען פאַרלוירן געגאַנגען בעת די מלחמות און אומרועו), וואָס אָן אים וואָלטן מיר לגמרי נישט געוואוסט פון דעם קריטישסטן פּעריאָד אין דער יידישער געשיכטע, פון דעם גרויסן קולטור־געראַנגל, פון די גרויסע פּאָליטישע און מיליטערישע שלאַכטן.

אָבער פאַרוואָס איז יוסף בן מתתיהו פאַרשוויגן געוואָרן דורך די חכמי התלמוד? זיי, וואָס וואָלטן אונדז אַ סך געקאָנט דערציילן וועגן זיין פּערזענלעכקייט, האָבן אים אינגאַנצן איגנאָרירט! וואָס איז די סיבה? זיין דעזערציע? זיין פּאָליטיש־מיליטערישע טעטיקייט?

עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז די תלמידים פון ר׳ יוחנן בן זכאי, וואָס האָבן גאַנץ גוט געוואוסט פון זייער רבינס האַנדלונג בעת דער באַלאַגערונג, זאָלן יאָזעפוסן פאַראורטיילן צוליב זיין מיליטערישער ראָל און אויפפירונג. איז דאָך די קאָמפּראָמיס־ליניע פון יאָזעפוסן לגבי רוים אויך נישט פרעמד געווען דער מערהייט פון די פּרושים; צוליבן זעלבן שטאַנדפּונקט האָבן זיי דאָך מיט ברען באַקעמפט די אידעאָלאָגיע פון די חשמונאים!

עס איז וואַרשיינלעך, אַז יאָזעפוס איז פאַרשוויגן געוואָרן דורכן תלמוד נישט צוליב זיין קאַפּיטולאַציע און חניפה־פּאָליטיק לגבי רוים, נאָר צוליב זיין פאַרבינדונג מיט דער העלעניסטישער וועלט. זיין גאַנצע מענטאַליטעט ,זיין גייסט און וועלטלעכקייט האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דעם בנין פון תלמוד; פאַרקערט, זיינע פאַרבינדונגען מיט פּאָליטיק און העלעניסטישער קולטור זענען געווען שעדלעך פאַר דער גאַנצער סטרוקטור פון גייסטיקער דיסציפּלין, וואָס דער תלמוד האָט אויפגעשטעלט.

די דאָזיקע באַציאונג צום גרעסטן יידישן היסטאָריקער האָט אָנגעהאַלטן און באַאיינפלוסט אויך שפּעטערדיקע דורות. איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס יאָזעפוס איז כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן ביי יידן, ביז ס׳איז דערשינען אויף יידיש דער ספר יוסיפון (16־טער יאָרהונדערט), וואָס איז, אַ דאַנק די פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס, וואָס זענען צוגעגעבן געוואָרן צו יאָזעפוסעס אייגענע טעקסטן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ליבלינגס־בוך פון יידישן פאָלקס־מענטש, פון יידישן קינד.

## 2. יאָזעפוס פלאַוויוס אין אונדזער צייט

די געשטאַלט פון יאָזעפוסן האָט געלאָקט היינטצייטיקע שרייבער. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט י. י. טרונק געפּרוּווט געבן אין זיינע היסטאָרישע נאָוועלן אַ פּראָפיל־בילד פון יאָזעפוסן.

טרונק האָט זיך נישט פאַרמאָסטן אַראָפּצוטויכן אין די שטורעמדיקע וואַסערן פון דער יידישער געשיכטע אין איר דראַמאַטישסטן פּעריאָד, בעתן חורבן; ער זוכט אפילו נישט קיין שליסל צו דער טראַגישער פערזענלעכקייט, צו פאַרשטיין זיינע גייסטיקע קריזיסן, דעם וועג וואָס דער יונגערמאַן פון ר׳ יוחנן בן זכאים ישיבה האָט דורכגעמאַכט פון ירושלים ביז רוים...

אין זיין נאָוועלע האָט טרונק פאַרפּיקסירט איין שטאַרקן דראַמאַטישן מאָמענט, ווען יאָזעפוס טרעפט זיך אין רוים — שוין אויף דער עלטער — מיט איינעם פון די יידישע שקלאַפן, וועלכע טיטוס האָט גענומען געפאַנגען. דער שקלאַף דאַרף סימבאָליזירן דאָס יידישע געוויסן וואָס וויל נישט דערלאָזן, אַז דער בוגד זאָל פאַרגעסן זיין שולד. טרונק איז נישט אַזוי אויסן געווען צו ווייזן די געשטאַלט פון יאָזעפוסן אין אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, ווי צו ווייזן, אַז ביי יעדן מענטש קאָן דאָס האַרץ טיף באַגראָבן דאָס וואָס עס וויל נישט געדענקען, אָבער קיין שום שולד און פאַרברעכן קען נישט פאַרגעבן און פאַרגעסן ווערן אַזוי לאַנג, כל־זמן דאָס געוויסן געדענקט נאָך וועגן דעם.

אויב די יאָזעפוס־געשטאַלט האָט אין דער יידישער ליטעראַטור נישט באַקומען קיין געהעריקן תיקון, האָט זיך אויף אָט דער היסטאָרישער פיגור פאַרמאָסטן דער יידיש־דייטשער שריפטשטעלער ליאָן פויכטוואַנגער. מיט זיינע ברייטע קענטענישן פון יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע, מיט זיין שטאַרקער קינסטלערישער אינטואיציע, האָט פויכטוואַנגער אין אַ דריי־בענדיק ווערק פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייט ליוונט פון יידיש לעבן אין יהודה, אַלעקסאַנדריע און רויב ערב, בעת און נאָכן אונטערגאַנג פון דער צווייטער יידישער מלוכה. אויפן פאָן פון אַ שטיק אַלגעמיינער און יידישער געשיכטע מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק, שטייט די צענטראַלע פיגור, וועמענס לעבן און טעטיקייט ס׳איז אויסגעקנופּט מיט די געשעענישן פון יענער תקופה. דאָס איז די געשטאַלט פון יאָזעפוס פלאַוויוס.

יאָזעפוס וויל באַהערשן רוים פון אינעווייניק. ער גלויבט, אַז דער באָדן איז דאָרט רייף פאַר יעהאָוואַס לערע, אַז רוים איז שוין רייף אויפצונעמען די חכמה, די מיסטעריע פון מזרח. אמת, רוים איז שטאַרקער פון ירושלים מיט איר דיסציפּלין, מאַכט און אָרדענונג. דערפאַר אָבער קיניגט ירושלים מיט דער קראַפט פון איר מאָראַלישן געזעץ, מיט איר גייסטיק־עטישער פאַרפאָלקאָמונג, וואָס בילדעט דעם

פריץ העלער איז שנעל צוגעלאָפן צום טיש, אַראָפּגעכאַפּט אַ שטיק ברויט מיט אַ גרויס שטיק וואורשט:

— נאַ, עס.

דאָס 12־יאָריקע ייִנגל האָט אָנגעהויבן עסן מיט גרויס אַפּעטיט.

פריץ העלער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט צום טיש און אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די פינגער אויפן טיש. אַ מאָדנע זאַך, — האָט העלער גערעדט צו זיך, — פּונקט היינט, ווען מיין 7־יאָריקער זון האָט געבורטס־טאָג, און האָט אוודאי באַקומען אַ סך שפּילצייג און שאָקאָלאַד און עסט עס אוודאי מיט גרויס אַפּעטיט, אַזוי ווי דער דאָזיקער „יודע" עסט דאָס ברויט און די וואורשט...

און אַזוי פליסטערנדיק, גיט ער זיך פּלוצלונג אַ ריס אויף פון טיש און מיט אַ שרייענדיקער שטימע ווענדעט ער זיך צו דעם יידישן ייִנגל:

— פּונקט היינט, האָסטו „יודע" געדאַרפט קומען? פּונקט היינט?

דאָס 12־יאָריקע ייִנגל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, שטאַרק זיך אַריינגעקוקט אין פּנים פון העלערן און אָנגעהויבן שטיל צו פליסטערן:

— זאָל זיך דער הער נישט בייזערן אויף מיר. געבליבן אַליין, שוין העכער צוויי חדשים ווי איך וואַלגער זיך אין די וועלדער און אויף די פעלדער אין אַן אומבאַקאַנט לאַנד. טיילמאָל אויף שטום לשון האָבן מיר די פּויערים געגעבן עפּעס צו עסן און טיילמאָל אַוועקגעטריבן און דערצו מיט שטעקנס געשלאָגן. היינט געהערט פון דער שטוב אַ דייטש ליד זינגען, און פאַרשטאַנען, אַז דאָ וואוינען „מענטשן", וואָס פאַרשטייען מיין שפּראַך, זיך געטראַכט, אפשר וועלן מיר די דאָזיקע „מענטשן" העלפן. שוין מער קיין כוח נישטאָ דאָס אַלץ איבערצוטראָגן, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אַריינגעקומען.

— פון וואַנען שטאַמסט דו? — האָט פריץ העלער שוין מיט מיטלייד געפרעגט. אָבער איידער דאָס ייִנגל האָט נאָך געהאַט צייט צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און ס'איז אַריינגעקומען דער פירער פון די שניידער־וואַרשטאַטן אין בליזשין, דער דייטשער שניידער־מייסטער פון געטינגען, פּאַרטיי־גענאָסע שולץ.

— הייל היטלער!

— הייל היטלער, — ענטפערט מיט אַ ציטערדיקער שטימע העלער.

— ווער איז דער שמוציקער יונגע? — פרעגט מיט אַן איראָנישן שמייכל פּאַרטיי־גענאָסע שולץ.

— עפּעס אַ פּוילישער וואַגאַבונד, געקומען בעטן עסן. „אַ וואַגאַבונד", — אַקצענטירט פריץ העלער.

— אַ וואַגאַבונד? מיר דוכט זיך, אַז אַ „יודע" — שרייט אויס שולץ מיט אַן אויפשטראַלנדיק פּנים. — יידעלע, — ציִשעט פון אונטער די ציינער שולץ, — קום נאָר אַהער, אַרויס שולץ, — ווי הייסטו? אַבראַמעלע?

— איך הייס נישט אַבראַמעלע, נאָר לודוויק, לודוויק ווין.

— ווי הייסטו? לודוויק ווין? — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פריץ העלער... — און פון וואַנען ביסטו? — האָט העלער ווייטער געפרעגט אין גרויס אויפרעגונג.

— אַה! — האָט זיך ווידער איראָניש צעשמייכלט פּאַרטיי־גענאָסע שולץ, — ער רעדט דאָך פּערפעקט דייטש, און וואָס עפּעס אַזאַ פאַראינטערעסירונג מיט דעם דאָזיקן פאַרשייסטן יודע, האָט שולץ געפרעגט מיט אַ ביטערן שמייכעלע פריץ העלערן.

פריץ העלערן האָט אַ קאַלטער שווייס באַגאָסן, הערנדיק דעם נאָמען פון דעם יידישן ייִנגעלע, און נאָך דענערווירט האָט אים דאָס ביטערע שמייכעלע פון דעם שניידער־מייסטער און פּאַרטיי־גענאָסע וואַלטער שולץ. פריץ העלער האָט זייער גוט געוואוסט, אַז אין די אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן ווערן אַריינגעשיקט ציווילע מענטשן, וועלכע פירן אָן מיט די אַ. ג. וואַרשטאַטן, אין דער אמתן אָבער זענען זיי מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און אויך מיטאַרבעטער פון דער געסטאַפּאָ. דאָס ביטערע שמייכעלע פון שולצן האָט קיין גוטס באַשטימט נישט באַדייט.

— און זי, הער וויצע־קאָמענדאַנט, — האָט שולץ אויפגעוועקט העלערן פון זיינע טראַכטענישן, — וואָס טראַכטן זי צו טאָן מיט דעם דאָזיקן שיים־דרעק? זי ווייסן דאָך, הער, — ציט ער ווייטער פּאַמעלעך, ציִשנדיק צווישן די ציינער זיינע ווערטער, — אַז אַלע יידן דאַרפן טאָטאַל, איך שטרייך אונטער **טאָטאַל**, פאַרניכטעט ווערן פריער צי שפּעטער. דאָס איז דאָס געבאָט פון אונדזער גרויסן פירער אַדאָלף היטלער, און זי, הער העלער, אַלס נייער קאָמענדאַנט פון דעם בליזשינער לאַגער, דאַרפט ווייזן אַ ביישפּיל, און גאָר אַ גוטן ביישפּיל, פאַר אַלע אונטערגעאָרדנטע ס.ס. מענער אין לאַגער און אַרום לאַגער, ווי אַזוי מיר מאַכן און לייזן קורץ און שאַרף די פראַגע מיט די פאַרשאָלטענע יידן־באַל־שעוויקעס...

און נישט פאַרענדיקנדיק זיין טיראַדע, האָט פּאַרטיי־גענאָסע שולץ געגעבן זיך אַ קער צו דער טיר און מיטן אויסגעשריי „הייל היטלער" פאַרלאָזן העלערס וואוינונג.

פריץ העלער איז געבליבן אַ ווײַלע זיצן, זיך צוגעהערט צו די טריט פון דעם אַוועקגייענדיקן שניידער־מייסטער און פּאַרטיי־גענאָסע שולץ און זיך געגעבן האַסטיק אַ שטעל אויף און אָנגעהויבן רעדן צום ייִנגל:

— יאָ, איך ווייס ווער דו ביסט. דו ביסט לודוויק ווין פון אַלטאָנאַ. דו ביסט דער דאָזיקער יונגע, וואָס דו און דיינע עלטערן זענען געווען אונדזערע שכנים. אָבער דאָס איז שוין גאָר לאַנג, זייער לאַנג, און איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן און פאַרשטיין, אַז אַ דייטש, אפילו אַזאַ דייטש ווי איך בין, וועלכער האָט מיט דער דאָזיקער באַנדע אפילו היינט צו טאָג קיין שום געמיינזאַמעס נישט, אַז געוויסן און געפיל זענען זאַכן, וואָס עקזיסטירן נאָר דעמאָלט, ווען מען איז אַליין. ביי צוויי דייטשן צוזאַמען איז שוין נישטאָ קיין געוויסן און אוודאי נישט קיין געפיל, עס איז נאָר דאָ דעמאָלט דיסציפּלין, פאַרשטייסט: דיסציפּלין. יאָ, — ציט ווייטער העלער זיין רעדע, — איך ווייס, וואָס דער געשטאַפּאָווייץ שולץ טראַכט איצטער גייענדיק צוריק צום לאַגער, ער וועט גלייך אַוועקגיין צו דעם נאָך איצטיקן קאָמענדאַנט און צוזאַמען מיט אים טעלעפאָנירן צו דער געשטאַפּאָ קיין ראַדאָם, אַז שטורעם־פירער פריץ העלער, דער צוקונפטיקער קאָמענדאַנט פון בליזשינער קאָנצענטראַציע־לאַגער, באַהאַלט אויס אין זיין וואוינונג, אין דער וואוינונג פון דער געשטאַפּאָ, אַ יידיש קינד. און צי ווייסטו מיט וואָס דאָס שמעקט פאַר מיר און פאַר מיין פאַמיליע? איך וויל נישט אומקומען, — האָט שוין העלער אָנגעהויבן צו שרייען היסטעריש צום ייִנגל, וועלכער איז געשטאַנען און אַפּאַטיש זיך צוגעהערט צו דעם גאַנצן גערודער אַרום אים, — איך וויל נישט אומקומען פון דער דאָזיקער גאַסן־ייִנגערישער באַנדע. איך האָב אַ יונג ווייבל און אַ שיינעם זון, וועלכער האָט היינט געבורטס־טאָג, איך וויל זיי זען און וויל מיין זונעלע קושן און זיך פרייען מיט אים ווי אַ טאַטע, און אַ גוטער טאַטע. דורך דיר, לודוויק, דראָט מיר די דאָזיקע פרייד צו פאַרלירן. דורך דיר דראָט מיר פאַרניכטונג און איך וויל נישט אומקומען. דיין גורל איז סיי־ווי אַ געחתמעטער, איז צו וואָס דאַרפסטו נאָך מיך מיטשלעפּן? — האָט העלער מיט אַ



בעטנדיקן טאָן גענומען רעדן צו זיין קרבן, דעם יידישן ייִנגל לודוויק ווין פון אַלטאָנאַ.

פריץ העלער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און אויטאָמאַטיש צוגעגאַנגען צו זיין ביוראָ און אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער.

— וואָס גייען זי טאָן? — האָט פּלוצלונג געגעבן אים אַ פרעג לודוויק, — וואָס בין איך שולדיק?

פריץ האָט פאַרביסן די ציינער און נישט ענטפערנדיק לודוויקן אויף זיין אויסגעשריי, האָט ער צו זיך אַליין געגעבן אַ זאָג: מען דאַרף פאַרענדיקן אין הסכם מיט די פאַראָרדענונגען פון אונדזער פירער:

— קום, — האָט ער געגעבן אַן עפן אויף די טיר און אַרויסגעשטופּט לודוויקן פאַראויס.

— וואָס גייען זי טאָן? — האָט לודוויק אַ געשריי געטאָן, פילנדיק די געפאַר וואָס דראָט אים מצד דעם „מענטש", וואָס פאַרשטייט זיין שפּראַך, — וואָס בין איך שולדיק?

אַ שאָס אין קאַרק, און לודוויק פון אַלטאָנאַ איז אומגעפאַלן און מיט די נאָך אַפּאַטישע אויגן געגעבן אַ פאַראַכטנדיקן בליק אויף פריץ העלערן. פריץ העלער איז שנעל צוריק אַריינגעלאָפן אין זיין שטוב און מיט אַ ציטערדיקער שטימע אָנטעלעפאָנירט נישט אין לאַגער אַריין, נאָר גלייך דירעקט צו דער געשטאַפּאָ אין ראַדאָם, איבערגעבנדיק זיי, אַז אַ יודע איז אים באַפאַלן און וואַרשיינלעך אים געוואָלט דערמאָרדן:

— איך האָב אים דערשאָסן ווי אַ הונט — האָט ער אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן אַריין...

א. סטוצינסקי (סידנעי)

# „פאַרמעטן פון פייער"

געווידמעט דעם ציר ישראל — מרדכי נורוק

מיט אומגעפער צוויי און אַ האַלב יאָר צוריק איז דאָ געקומען פון ישראל אין אַ קולטור־שליחות ראובן אבינועם־גרוסמן, דער באַקאַנטער העבראַאישער דיכטער, איבערזעצער פון דער ענגלישער ליטעראַטור און ערן־סעקרעטאַר פון פּען־קלוב אין ישראל.

ראובן אבינועם האָט דאָ פאַרבראַכט אין אויסטראַליע (סידנעי און מעלבורן) זעקס וואָכן און איז אויפגעטראָטן מיט אינטערעסאַנטע פּאָרטראַגן אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. גאָר באַזונדערס האָט ער געווידמעט זיין צייט אונדזער יוגנט. אין דער „קדימה", אין מעלבורן, און אין „יידישן פאָלקס־צענטער", אין סידנעי, איז ער אויפגעטראָטן מיט דער זעלבער פאָרלעזונג: „וועגן אַ בוך וואָס איז נאָך נישט דערשינען". ראובן אבינועם האָט אונדז דעמאָלט דערציילט וועגן דעם אויפטראַג, וואָס ער האָט באַקומען פון דעם פּרעמיער פון ישראל, דוד בן־גוריון, צונויפצוזאַמלען אין אַן אַנטאָלאָגיע אַלץ וואָס איז פאַרבליבן אין שריפט פון ישראלס זין און טעכטער, וועלכע זענען געפאַלן אין דער מלחמת העצמאות.

און ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס דווקא אים, ראובן אבינועמען, האָט דער פּרעמיער פון ישראל אָנפאַרטרויט אָט די הייליקע שליחות. אַ חוץ זיין לאַנגיאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט, איז ראובן אבינועם אַ דערציער און פּעדאַגאָג פון אַ הויכער מדרגה; און ועל כולם, האָט אויך דער טאַטע גרוסמן צוגעטראָגן זיין העכסטן און טייערסטןביישטייער אין דעם אַנטשיידענעם גראַנגל פאַרן קיום און זעלבשטענדיקייט פון פאָלק און לאַנד — זיין 21־יאָריקן זון נועם.

פון דעם כ"ג אדר א' תש"ח, ווען נועם איז געפאַלן אין דעם העראָאישן קאַמף אין די בערג פון יהודה (צווישן ירושלים און עטרות), איז ראובן גרוסמן געוואָרן אבינועם, דער טאַטע פון נועמען, אַ יחוס וואָס ער טראָגט מיט פּיין אָבער מיט שטאָלץ, מיט ווייטיק, אָבער מיט אַ אויפגעהויבענעם קאָפּ.

צו די „שלושים", וואָס זענען אַגב צונויפגעפאַלן מיטן 21־טן געבורטס־טאָג פון נועמען, האָט ראובן אבינועם פאַרעפנטלעכט אַ דין בענדעלע לידער „עלי־דוי" (פּיין־בלעטער). אין זיין דעדיקאַציע צום בוך שרייבט אבינועם: „פון זיין שפּיץ ביז די וואָרצלען איז צעטרייסלט געוואָרן דער בוים פון מיין לעבן. און ווען ס'האָבן גענומען פאַלן די פּיין־בלעטער פון זיין קאָפּ האָב איך באַשלאָסן: איך וועל זיי צונויפזאַמלען אָט אין דעם קליינעם געפלאָכטענעם קאָשיקל — אין זכר פון מיין זון וואָס איז געפאַלן".

אויב די פאַרעפנטלעכטע אַנטאָלאָגיע „פאַרמעטן פון פייער" פירט אונדז אַריין אין דעם קודש־הקדשים, אין דער גייסטיקער וועלט פון דער ישראל־יוגנט, שפּיגלט אָפּ דאָס בענדעלע לידער „עלי־דוי" דעם געמיט, די רעאַקציע פון די טאַטע־מאַמעס, די מאָדערנע אברהמס פון ישראל, וואָס האָבן מיט טראַגישן באַוואוסטזיין געשיקט אָדער געפירט די אייגענע קינדער צו דער עקידה.

אין זיין פּיין־ליד „צידוק הדין" זינגט אבינועם:

„...און די ערד האָט אים פון מיר
צוגענומען,
איינצופאַסן ווי אַ מאַרמאָר־שטיין אין
היכל פון מיין פאָלק,
אַ פעסטונג פאַר ברידער געפאַנגענע וואָס
קומען אַהיים.
און ענדלאָז איז די פרייד וואָס פראַלט
אויף צו מיין הארץ,
פון די גרודעס ערד וואו באַהאַלטן איז
מיין אוצר
ערגעץ דאָרט אין ציון, צווישן קברים
פון סנהדריה.
די ערד האָט אונדז אים געגעבן, די ערד
האָט אים צוגענומען —
געבענטשט זאָל זיין דער נאָמען פונם גאָט
פון אונדזער פאָלק".

ס'איז נישט קיין קינה פון אַ צעבראָכענעם, פאַרצווייפלטן טאַטע, נאָר גיכער אַ מזמור־שיר פון אַ פאַרוואונדעטן אָבער שטאָלצן פאָטער, וואָס האָט געהאַט די דערהויבענע, אויסדערוויילטע זכיה „איינצופאַסן זיין מאַרמאָר־שטיין אין היכל פון זיין פאָלק" — אין פּראָצעס פון דער נאַציאָנאַלער גאולה.

נועמס זינפול לעבן, זיין גייסטיקע גבורה און זיין העלדן־טויט פילן אָן טאַטע־מאַמע מיט מעכטיקן שטאָלץ און גיבן זיי כוח און מוט צו קוקן דעם לעבן גלייך אין פּנים אַריין.

מיר האָבן זיך דאָ בקיצור אָפּגעשטעלט אויף אבינועמס געמיט אין אָנבליק פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן, נישט דערפאַר ווייל ער איז דער מחבר פון דער אַנטאָלאָגיע און אַ באַגאַבטער דיכטער. מיר האָבן עס געטאָן בעיקר דערפאַר, ווייל ראובן אבינועם איז אין דעם געגעבענעם פאַל איינער פון די אַנאָנימע טאַטעס פון ישראל, איינער פון טויזנטער, וואָס אַ דאַנק זיי, נישט ווייניקער אפשר ווי צוליב דער קרבנות־גרייט־

„מיר וועלן קעמפן —
אָן שרעק —
נישט בלייבן שטיין —
אין די בערג —
אין טאָלן —
אויף די מויערן —
דערגייט צו זיי מעכטיק אַ שטים:
תחזקנה ידיכם הבחורים!"
(ברוך אמון: „אל מעד").

איך גלויב, אַז עס וועט זיין איבעריק צו ציטירן נייע שטעלן פון בוך, כדי איבערצוגעבן די פּאַטריאָטישע געפילן פון די 200 יונגע העלדן־שרייבער, וואָס זענען אַריין אין בוך. פון אַלע ,ביי אַלע אומשטענדן, ׳רעדט אַרויס אָדער זינגט אַרויס די ליבע צום לאַנד און די גרייטקייט טייער צו באַצאָלן פאַר זיין אויסלייזונג און באַפרייאונג.

און אַז דער היסטאָרישער, אויסגעבענקטער טאָג פון באַפרייאונג איז אָנגעקומען און די שווערע אויסגעאַרטע שעה פון נסיון האָט אויסגעקלאַפּט, האָבן די יונגע קינדער־העלדן ווי איינער זיך געשטעלט צום קאַמף. וואָרט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גורלדיקער טאַט, בילד און פאַנטאַזיע — אין בלוטיקער ווירקלעכקייט. ס׳איז נישט געווען אַ קאַמף לשם קאַמף, לשם לוסט פון בלוט־פאַרגיסונג, לשם דעראָבערונג, לשם עקספּאַנסיע:

„אונדז איז נישט פאַרבליבן קיין אַנדער וועג ווי צו קעמפן, ווייל וועלן מיר איצט נישט באַקומען אונדזער מדינה, איז ווער ווייס צי מיר וועלן שוין זוכה זיין ווען ס׳איז זי צו באַקומען", שרייבט דער 16־יאָריקער ליטוואַק אברהם מלט אין אַ בריוו צו זיין משפּחה. ווענדנדיק זיך צו זיין 13־יאָריקן ברודער יהושע, שרייבט ער צווישן אַנדערן:

„מיר זענען נישט דערצויגן געוואָרן אין גלות און מיר זענען נישט געוואוינט אַראָפּצובויגן דעם קאָפּ. מיר וועלן בשום אופן נישט מסכים זיין זיך איינצוקאָרטשען אין אַן ענגן געטאָ, וואָס די ענגלענדער אָדער די אַמעריקאַנער וועלן אונדז פאַרקוועטשן אין אים. כל זמן עס וועלן דאָ לעבן יידן, וועלן זיי לעבן פריי".

און ווייטער: „כיווייס נישט צי דו וועסט מיך פאַרשטיין, ביסט אַ ביסל צו יונג. אָבער זיי וויסן, אַז דיין ברודער און נאָך אַ סך אַזעלכע ברידער, נישט קיין ערגערע פון אים, קעמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פאָלק, פאַר זיין פרייהייט, כדי דו און דיין שוועסטער און די דורות נאָך דיר זאָלן געניסן פון אַ פרידלעך און רואיק לעבן" (ז״ז 457-456, געשריבן דעם 5־טן אַפּריל, 1948).

אין אַ שפּעטערדיקן בריוו, דעם 12־טן יוני, 1948, שרייבט מלט צו זיינע עלטערן:

„מיר וואַרטן איצט אויף נייעס אין שייכות מיטן אָפּשטעלן דאָס פייער. די מלחמה איז אונדז נמאס געוואָרן. אָבער מיר האָבן זי נישט אויסגעקליבן. דער פּרייז וואָס מיר האָבן באַצאָלט איז שרעקלעך טייער, אָבער סיאיז אַ מוז, נישטאָ קיין אַנדער ברירה".

זיי האָבן פיינט דעם קריג, זיי האָסן בלוט־פאַרגיסונג, זיי ווילן לעבן אַ פרידלעך און רואיק־שעפערישן לעבן, אָבער דער קאַמף איז זיי אויפגעצוואונגען געוואָרן, קעמפן זיי מיטן רוקן צום ים און פאַרשילטן דעם טאָג, וואָס זיי זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַזאַ שוידערלעכער ברירה.

שרייבט תמר באומגרט אין אַ בריוו צו איר פריינד גבי דעם 3־טן יאַנואַר, 1948:

„מיר שאַצן אָפּ אייערע אויפטוען און זענען שטאָלץ מיט אייך. ווי גוט וואָלט עס אָבער געווען, ווען מיר וואָלטן געקענט שטאָלצירן מיט אַקציעס פון אַן אַנדער מין — פון אויפבוי, און נישט פון צעשטערונג און מאָרד. אין גרונט גענומען ווערט עס געטאָן, כדי מיר זאָלן קענען שאַפן אונדזער מדינה, אָבער אָך און וויי צו אַזאַ ווירקלעכקייט, ווען מען דאַרף אָנקומען צו אַזעלכע מיטלען כדי צו דערגרייכן דעם ציל".

אין אַ צווייטן בריוו צו גבין, דעם 3־טן מאַי, 1948, שרייבט די סאַברע תמר באומגרט:

„אונדזער הויף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַראַבישן דאָרף. די באַוועגונג איז גרויס. הענער פּויזשען אַרום און קרייען גוטמוטיק. די שעפסן רייסן זיך אַריין אין הויף, מעקען זיך אויס און לייגן אָן מיסט. פון צייט צו צייט דערגייט אַ שטים פון אַ קו אָדער אַ יאַלושקע אָדער גאָר אַ לעמעלע, וואָס איז נאָר וואָס געבוירן געוואָרן.

„אין דער גאַנצער אויפרעגונג און דערנערווירונג אַרום דעם נייעם פאַרמעגן אונדזערן זע איך אַ נעגאַטיווע זייט, און צום סוף פון טאָג דערוועקט עס ביי מיר אַ געפיל פון שוידער און עקל. איך האָב פשוט נישט דערקענט די חברה. זיג־פאַרשיכורטע און באַרוישט פון דער רויב־ליידנשאַפט".

אין דעם זעלבן ס. יזהרשן טאָן שילדערט אַן אָקופּאַציע־אַקציע דער 18־יאָריקער סאַברע אמנון חביב אין אַ בריוו צו זיין פאָטער פון 22־טן מאַי, 1948 (זייט 481):

„כיוויל דיר דאָ נישט שילדערן די געפילן פון אַן אָקופּאַציע־אַרמיי, וואָס מאַכט אָבלאַוועס און זוכט פון הויז צו הויז מענטשן און געווער. סיאיז שווער אויך צו דערקלערן די רויב־ליידנשאַפט וואָס באַהערשט דיך און פון וועלכער סיאיז זיך שווער צו באַפרייען. גאָר באַזונדער ווען דו דאַרפסט אַכטונג געבן אויף 10־15 פאָליציאַנטן, **זיי זאָלן חס ושלום נישט אָפּטאָן קיין מעשים וואָס וועלן אונדז פאַרשאַפן אומכבוד!**

„נאָך שווערער און פיינלעכער איז צו שילדערן דעם אויסזען פון אַ גאַנץ דאָרף, וואָס ברענט, די רואינען און דעם חורבן און איבערהויפּט דעם אויסזען פון גופים, וואָס וואַלגערן זיך אויף שריט און טריט, יעדער קערפּער און זיין שרעקנדיקער, שוידערלעכער אויסזען; און צווישן זיי גופים פון פרויען און קינדער. וואָס דו ביסט זיכער, אַז מיט געציילטע שעהן צוריק האָסטו מיט דיינע אייגענע הענט פאַרשניטן זייערע לעבנס. אין די מאָמענטן האָב איך געפילט, אַז איך הויב אָן צו באַנעמען וואָס אַזוינס מלחמה איז...

„...מיר האָבן באַוויזן אַרויסצופירן די פרויען און קינדער פון יד־מרדכי פינף שעה פאַרן אָנגריף. ממש אַ נס! סידוכט זיך מיר, אַז צום ערשטן מאָל האָב איך געפילט וואָס עס הייסט ראַטעווען מענטשן. אַזאַ אַקט, אַן און פאַר זיך, איז גענוג צו באַרואיקן דיין געוויסן, דיך אויסרייניקן און אויסלייטערן, כאָטש דו ביסט **אַ רוצח און אַ מענטשן־מערדער**" (ז׳ 481).

אַ קולמינאַטיוון אויסדרוק צו דעם געראַנגל, צו דעם געוויסנס־קאַמף וואָס גייט אָן אין די הערצער פון די יונגע זעלנער־גבורים, גיט דער 26־יאָריקער בנימין אל־חנן (רבינוביץ) פון בערלין אין זיין ליד „שאלה":

„נישט איך, אַן אַנדערער, אַן העסלעכער ביז עקל
באַזעצט האָט זיך אין האַרץ, אין צענטער פון מיין וועלט,
און רק ער רויבט, ער מאָרדט, אָ, צעיושעטער געוויטער!
ווי אַזוי האָט ער ביי מיר פאַראַנקערט זיין געצעלט?"

ריכטיק באַמערקט אורי אבנרי אין דעם עפּילאָג פון זיין בוך „בשדות פלשת":

„די אמתע זיגער האָבן זיך נישט אומגעקערט.

„פיל זענען פאַרבליבן אויף די פעלדער. זייערע קברים וועט קיין לעבעדיקער נישט זען. נישטאָ קיין מצבות אויף זייערע קברים.

„אין אונדז, אין אונדזערע הערצער וועלן מיר זיי אויפשטעלן מצבות. און מיר וועלן געדענקען: אַ דאַנק זיי האָבן מיר וואָס מיר האָבן. זיי זענען קיין גבורים נישט געווען. די מלחמה האָבן זיי נישט **ליב געהאַט, דעם שונא האָבן זיי נישט פיינט געהאַט.** און פונדעסטוועגן האָבן זיי געזיגט. זיי האָבן באַזיגט דעם מעטאַל. זיי האָבן באַזיגט די שרעק.

„**מיטן כוח פון ליבע.**

„מיטן כוח פון אָנשטענדיקייט פון דעם גרויען יחיד; מיטן כוח פון זעלבסט־כבוד פון דעם קליינעם מענטש מיט דער קליינער ביקס".

* * *

אַ סך איז פאַר די לעצטע פינף יאָר געשריבן געוואָרן אין ישראל און אין חוץ לארץ וועגן דער ישראל־יוגנט. די פריינד פון ישראל האָבן גלאָריפיצירט די העראָאישע טאַטן און קרבנות־גרייטקייט פון דער יוגנט, איר מסירת־נפש ביים טראָגן הילף צו די ברידער־קרבנות פון נאַציישן אומקום און איר קאַמף אויף טויט און לעבן אין דער תקופה פון אומלעגאַלער עליה, די אַ. ג. העפלה. הונדערטער פון זיי, קינדער און יוגנטלעכע, זענען אומגעקומען ביי די עפּישע רעטונגס־אַקציעס ביי די ברעגעס פון ישראל, ווען ברוך־שיפלעך, אויף וועלכע עס האָט געטשאַטשעוועט דער ים־ און לופט־פלאָט פון דער גרויסער בריטישער אימפּעריע, האָבן געבראַכט טויזנטער פאַרשמאַכטע, קוים זשיפּענדע שרידים צו די אויסגעבענקטע ברעגעס.

עס זענען אָבער אויך געווען קרייזן, וואָס האָבן מיט אַ כיוון פאַרמאַכט די אויגן אויף די אַלע גלאָררייכע אַקטן פון דער ישראל־יוגנט, האָבן געמאַכט צו קליינגעלט און אַראָפּגעריסן אירע דערגרייכונגען און מבטל געמאַכט דעם נאַציאָנאַל־צעמענטירנדיקן כאַראַקטער און דעם אינטים־זעלישן בונד פון דער ישראל־יוגנט מיטן יידישן פאָלק אויף דער וועלט.

די קטיגורים פון דער ישראל־יוגנט האָבן זייער אורטייל אַרויסגעטראָגן נישט אויפן סמך פון אַן אָביעקטיווער אויספאָרשונג פון די אַנטוויקלונגס־טענדענצן, יערונגען און שפּאַנונגען צווישן דער גאַנצער ישראל־יוגנט, נאָר אויפן סמך פון פּוסטער ווערבאַליסטיק און שרייענדיקע מאַניפעסטאַציעס פון אַ טומלדיקער גרופּקע פון די „כנענים", וועלכע טראָגן דעם פאַרפירערישן נאָמען „העברים הצעירים" (די יונגע העברעער). מן הפּרט האָט מען געמאַכט אַ פּירוש אויפן כלל און צוגעשריבן די ווילד־פליש־אידעאָלאָגיע פון די כנענים דעם גאַנצן סאַברישן עלעמענט אין לאַנד, און מיט איין מאַך מיט דער האַנט און פעדער פאַרמשפּט די גאַנצע ישראל־יוגנט.

אין דער הינזיכט איז „גווילי אש" אַן „אויגן־עפענער" פאַרן לייענער, ווייל ער געפינט דאָרט אַ תשובה און אַ באַשייד אויף דער אָנגעווייטיקטער פראַגע.

ס׳ווערט אייך קלאָר וואָס די ישראל־יוגנט, די גאַנצע ישראל־יוגנט, אין אַלע אירע שאַטירונגען און שטרעמונגען, האָט געטראַכט און געפילט, און בעיקר, ווי אַזוי זי האָט זיך באַצויגן צום וועלט־יידנטום. וואָס איז געווען איר באַציאונג צו אונדזער קולטור־ירושה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין גלות, צו יידיש לשון. ווי אַזוי עס האָט זיך אויף איר אָפּגערופן דער חורבן און ווי אַזוי זי האָט רעאַגירט אויפן חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום. און ועל כולם, מיט וואָס און ווי אַזוי איז זי גרייט געווען העלפן צו רעהאַביליטירן די רעשטלעך פון שוידערלעכן אומקום.

מיר האָבן ספּעציעל אונטערגעשטראָכן „די גאַנצע ישראל־יוגנט אין אַלע אירע שטרעמונגען און שאַטירונגען", ווייל מיר באַטראַכטן „פאַרמעטן פון פייער" ווי אַן אַנטאָלאָגיע־פאַנטעאָן וואו עס רוען און זענען פאַרטראָטן אַלע, אַלע, אָן אונטערשיד פון פּאָליטישע מיינונגען אָדער פאַרטייאישער אָנגעהעריקייט.

איר געפינט דאָ אַ סאַברע און אַ נייגעקומענעם, אַ פּרימיטיוון יוגנטלעכן פון תימן און אַ סטודענט פון אַמעריקע, אַן אָפּגעהיט־פרומען און אַ פּוריץ־גדר און אַטעאיסט, אַ דאָקטרינערן מאַרקסיסט און וועלט־אויסלייזער און אַ רעוויזיאָניסטישן היץ־קאָפּ, אַ פּלמחניק און הצה"לניק, אַ קיבוצניק פון מפּא"י און פון „השומר הצעיר". אויף זייערע אַרבעטן ליגט נישט דער שטעמפּל פון דער פּאַרטיי, די פאַרפליכטנדיקע און בינדנדיקע רעזאָלוציעס פון אַ צוזאַמענפאָר אָדער פון אַ קאָמיטעט. זיי רעדן זיך אַראָפּ פון האַרצן, מיט זיך און פאַר זיך. זייערע אַרבעטן, פּונקט ווי זייערע איבערלעבונגען און געפילן זענען עכט און דעריבער ווירקן זיי דירעקט און אוממיטלבאַר.

רות רבינוב, אַ סאַברע פון קיבוץ גבת, געבוירן אין סעפּטעמבער, 1926, די טאָכטער פון דיכטער יהושע רבינוב, פאַרצייכנט אין איר טאָג־בוך פון חשון 1947:

„...און מיר ווייסן: און סיהאָט זיך ווי דער צעפלאַקערט דער אייביקער פונק, און דער פלאַם פון נר תמיד ברענט און באַלייכט... אַ דערמוטיקונג פאַר די לעבן געבליבענע... אַ צייכן פאַר די וואָס האָפן... און זאָלן וויסן די ברידער אין די געטאָס און וועלדער: **זיי זענען נישט פאַרבליבן עלנט, ברידערלעכע אָרעמס ציען זיך צו זיי מיט מסירת־נפשדיקער גרייטקייט און ברענענדער ליבע.** זיי האָבן פאַרלאָזן אַ וואַרעמע היים אין זייער היימלאַנד, זיך אַרויסגעריסן פון איר שויס און געלאָפן זיי ראַטעווען און פאַראַשוטירנדיק אַריינגעפאַלן אין די פאַרצוקנדיקע ציינער פון שונא. מוט, גורל־באַוואוסטזיין און ישראלדיקע מסירת־נפש וועלן זיך נישט אָפּשרעקן אפילו פאַר דער גילאָטינע... און זאָלן די פאַרצווייפלטע וויסן: סיאיז כדאי פאַרצוזעצן דעם קאַמף פאַרן לעבן, פאַר דער צוקונפט פון פאָלק, וואָס האָט אַזעלכע זין" (זייט 319).

אין זעלבן גייסט מעדיטירט אויך לאה רקוב, די סאַברע פון עתלית, געבוירן אין יולי 1938, אין איר טאָג־בוך, וואָס טראָגט די דאַטע פון 13־טן אַפּריל, 1946, געשריבן אין עין־חרוד:

„דער טאָג פון באַפרייאונג דערנענטערט זיך. אונדזערע לעבן־געבליבענע שוועסטער און ברידער קוקן אויס דעם גליקלעכן טאָג אין זייער לעבן, ווען זיי וועלן געבראַכט ווערן אין לאַנד. סיזענען פאַראַן נאָך מענטשן, וואָס זייערע אויערן זענען פאַרשטאָפּט און זייער האַרץ פאַרשטיינערט, און זענען נישט מסוגל אויפצונעמען זייער וויי. מיר אָבער, זייערע ברידער און שוועסטער פון ישראל, וועלן זיי נישט פאַרגעסן און טאָן אַלץ, כדי זיי צו ברענגען צו אונדז און זיי מצרף זיין צו די בויער פון פאָטערלאַנד. דער ישוב וועט מאָרגן פאַסטן און אָפּשטעלן אַלע אַרבעטן. סיוועלן אויך פאַסטן די ראשי הישוב ביז סיוועט אונדז דערלויבט ווערן ראַטעווען אַהער אונדזערע פליטים. וויפיל דאַרפן מיר עס קעמפן פאַר יעדן ייד?"

און דוד ט"ש, אַ בחורל פון בריסק, געבוירן דעם 18־טן מאַי, 1928, און געקומען קיין ישראל אַלס אַ פיר־יאָריק קינד, פאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך פון מאַי, 1945:

„...און סיאיז געוויס נישט קיין צופאַל וואָס די מאַרקע פון קרן קימת לישראל, וואָס איך האָב אַרויפגעקלעפּט אויף דער הילע פון מיין טאָג־בוך, איז געווידמעט דעם אָנדענק פון די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ. דאָס איז די אַטמאָספער און די וועלט אין וועלכע מיר לעבן. אונדזער וועלט איז אַ וועלט פון געטאָ, פון צרות

„לייענערס, קויפערס, אָפּנעמערס, — זאָגט ראָבאַק, — זענען ביי מיר אַ טפל, נישט דער עיקר... דאָס... גייט קיינמאָל נישט אָן דער קולטור. טעאָרעטיש גערעדט, קאָן אַ ליטעראַטור באַשטיין פון שרייבערס אַליין, אינגאַנצן אָן לייענערס".

טעאָרעטיש קאָן אַ ליטעראַטור באַשטיין אויך אָן שרייבערס: ווען עמיצער חלומט אַ פּערפעקטן חלום, איז דאָס אַ ליטעראַרישע שאַפונג; און יעדער טאָג־טרוים איז ליטעראַטור; און יעדע דערציילטע פאָלקס־מעשהלע און יעדע לעגענדע איז ליטעראַטור, אפילו ווען זיי ווערן נישט פאַרשריבן.

טעאָרעטיש זענען אַ סך זאַכן מעגלעך, אָבער פּראַקטיש און פאַקטיש באַשטייט אַ קולטור פון אַ בונד צווישן געשאַפענעם און גענאָסענעם. און אויב עמיצער שאַפט דאָס גרעסטע ליטעראַרישע ווערק אין אַ אינדיווידועל צוגעטראַכטער שפּראַך — ד. ה. אין אַ שפּראַך וואָס קיינער פאַרשטייט נישט און וואָס קיינער וועט עס קיינמאָל נישט קאָנען לייענען — ד. ה. אויב עס האָט אפילו נישט קיין פּאָטענציעלן צוקונפטיקן לייענער, איז דאָס אפשר קיין ליטעראַטור נישט, און קיין קולטור אוודאי נישט.

אָבער דאָס איז נאָר אגב אורחא, טעאָרעטיש, אַזוי צו זאָגן. דער עיקר בין איך דאָ אויסן נישט קאָלעגע ראָבאַקס טעאָרעטישע פּאַראַדאָקסן, נאָר זיינע פּראַקטישע אויספירן פון די דאָזיקע טעאָרעטישע הנחות.

הכלל, ליטעראַטור און קולטור קאָנען עקזיסטירן אָן געניסער, אָן לייענער, אָן קויפער. איז אויב אַזוי קלאָר, אַז כדי צו וויסן צי מיר האָבן אַ ליטעראַטור און אַ קולטור אין יידיש, דאַרף מען זען צי מיר האָבן שאַפערס.

און אויב אַזוי, קאָן זיך קיינער נישט גלייכן צו אונדז. יידיש פאַרמאָגט די גרעסטע ליטעראַטור און די גרעסטע קולטור! אויב מעקסיקע האָט צום ווינציקסטן אַ 20־25 שרייבער ביי אַ באַפעלקערונג פון 20 טויזנט יידן, הייסט עס, אַז ווען די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלטן זיך געוואָלט גלייכן מיט אונדז, וואָלטן זיי פּראָפּאָרציאָנעל געוווען באַדאַרפט האָבן אַ הונדערט פופציק טויזנט שרייבער. נו, איז ווער קאָן זיך מיט אונדז גלייכן?

ווען מיינע לייענער וואָלטן געקאָנט לייענען ראָבאַקס גאַנצן אַרטיקל „אַ קולטור באַשטייט פון שאַפערס", וואָלטן זיי געוווען געזען, אַז מיטן איבערגעבן ראָבאַקס סך־הכל פון די טויזנט שרייבער אונדזערע (אַזוי האָט ער אויסגערעכנט), קאָן מען קיינעם נישט געבן קיין פאָרשטעלונג ווי אַזוי דער חשבון צדק ווערט געמאַכט.

נישט קוקנדיק דערויף וואָס איך ווייס, ווי ערנסט עס איז געמיינט ראָבאַקס יעדעם וואָרט און זיין יעדער געדאַנק, בין איך דאָך עטלעכע מאָל געשטרויכלט געוואָרן און גענומען אים חושד זיין, אַז ער שרייבט אַ פעליעטאָן, אַ פּאַראָדיע אויף דעם שרייבער־„בום" בכל תפוצות ישראל.

איז דען עמיצער שולדיק, אויב ער נעמט חושד זיין אַ הומאָריסטישן טריק, ווען מען לייענט אָט אַזאַ שטיקל קולטור־מאַטעמאַטיק:

„וועגן קובאַ איז מיר וויניקער באַקאַנט, נאָר פון אַ מנין יידן וואָס שרייבן דאָרטן אויף יידיש, ווייס איך יאָ, און אויך דאָרטן איז פאַראַן אַ שרייבער־פאַראיין".

פון אַזאַ חשבון קאָן מען אפילו נישט מאַכן קיין אויספיר וויפיל יידן עס קאָנען שרייבן יידיש, ווייל פון גאָר אַ סך ראָבאַקס „שרייבער" קאָן אַ היפּשער טייל נישט נאָר נישט בויען ; ליטעראַטור, נאָר זיי קאָנען מיט זייער שרייבן חרוב מאַכן אַ שפּראַך!

היינט די ראיה פון דעם קובער שרייבער פאַראיין! איך ווייס נישט ווי עס זעט אויס דער שרייבער־פאַראיין אין קובאַ, אָבער איך ווייס ווי אונדזערע שרייבער־פאַראיינען זעען אויס אין אַנדערע לענדער! איך קאָן שרייבער־פאַראיינען און שרייבער, וואָס דווקא זייער עקזיסטענץ און זייער שרייבן זענען פאַר מיר אַ בולטער באַווייז אַז מיר פאַרמאָגן נישט קיין ליטעראַטור און נישט קיין קולטור.

ווי ווייט פּראָפעסאָר ראָבאַק האָט די פראַגע פון ליטעראַטור און קולטור פאַרוואַנדלט אין אַ ריין־אַריפמעטישער אויפגאַבע פון פאַרגלייכן ציפערן, באַווייזט זיין טריאומפירנדיקע פראַגע: „איצט וויל איך פרעגן די געשוואוירענע פעסימיסטן, וואָס זענען שוין גרייט צוצולייגן די פעדער צו דער נאָז אַ גאַנצער קולטור, צי די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט נאָענט צו טויזנט פען־מענטשן אין 1915, צי די יידישע ליטעראַטור איז דעמאָלט געווען אַ וועלט־ליטעראַטור".

דערויף וועט אים איינער פון די פעסימיסטן (הגם נישט פון די געשוואוירענע) ענטפערן, אַז מיר האָבן איצט ביי טויזנט שרייבער גראָד דערפאַר, ווייל די ליטעראַטור אונדזערע איז אַ גאָרטן אָן אַ צוים, אין וועלכן עס שפּרינגען אַלע ציגן... הפקר!

מיר האָבן דאַן נישט געהאַט קיין טויזנט שרייבער, אָבער הונדערטער טויזנטער פּאָטענציעלע לייענער; מיר האָבן דאַן נישט געהאַט קיין טויזנט אינפלאַציע־שרייבער, אָבער דער גרעסטער טייל שרייבער האָט געהאַט גאָלד־דעקונג. און אויב פריינד ראָבאַק מיינט, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ וועלט־ליטעראַטור מיט דעם, וואָס טויזנט שרייבער שרייבן אויף יידיש אין אַלע טיילן פון דער וועלט, מאַכט ער ווידער אַ ריין־מעכאַניש־מאַטעמאַטישן חשבון, וואָס ווייזט זיך אַרויס פאַר פאַלש, ווי נאָר מען גיט זיך אַ גראָב טיפער: איין שרייבער, ווי פּרץ אָדער שלום־עליכם, וואָס באַרייכערט די וועלט־ליטעראַטור, מאַכט פון אַ ליטעראַטור אַ וועלט־ליטעראַטור אַ סך מער, ווי טויזנט שרייבער, וואָס גיבן איר גאָרנישט צו.

„די עפּיגאָנען, — זאָגט ראָבאַק אַליין, — זענען נישט פאַרוואָרצלט ווי די אבות, אָבער דערפאַר זענען זיי מער פאַרצווייגט".

צי דען ווייס אָבער נישט פריינד ראָבאַק, אַז ביי אַ סך צווייגן אָן געהעריק־טיפע און שטאַרקע וואָרצלען ברעכט זיך דער בוים? און אַז ביי אַ היפּער־פאַרצווייגונג ברענגען די צווייגן וויניק פּרוכט, און טאַקע נישט קיין גוטע דערצו?

און דאָס זעען מיר טאַקע אין אונדזער ליטעראַטור.

יידן זענען אַ גייסטיק־שעפעריש פאָלק. אויב מיר האָבן געקאָנט פאַרזאָרגן גאַנץ אייראָפּע, זינט דער עמאַנציפּאַציע, מיט ריזיקע טאַלאַנטן, איז זאָלן מיר נישט קאָנען אַרויסברענגען אַ טויזנט שרייבער, ווען עס איז גענוג אָנצושרייבן אַ פּאָר נודנע דערציילונגען, אָדער אַ פּאָר טאַלאַנטלאָזע לידער און אַרטיקלען, כדי צו פיגורירן אַלס ציפער אין פּראָפעסאָר ראָבאַקס רי־

[ווייטער — זייט 55.]

# כראָניק

י. ראַפּאַפּאָרט שטעלט צונויף אַ זאַמלונג געקליבענע אַרטיקלען, געדרוקטע אין משך פון פיר יאָר אין די היגע „יידישע נייעס".

דאָס בוך וועט באַשטיין פון פיר אָפּטיילונגען און וועט הייסן „נזם זהב..."

* * *

ג. טשאַרנעזאָן־ש אַ י אַ ק גרייט צום דרוק אַ בוך דערציילונגען א. נ. „אין קיינעמס לאַנד". אַ טייל פון זיי זענען געדרוקט געווען אין ליטעראַרישע אויסגאַבעס מעבר־לים און אין בוך־פאָרם אין ישראל.

עס קומען אויך אַריין עטלעכע נייע גרעסערע דערציילונגען, וועלכע וועלן פריער געדרוקט ווערן אין המשכים אין „די יידישע פּאָסט", פון וועלכער דער מחבר איז רעדאַקטאָר.

* * *

אין חודש נאָוועמבער האָט יעקב ווייסליץ געפייערט דעם 40־יאָריקן יובל פון זיין טעאַטער־טעטיקייט. דער ווייסליץ־יובליי־חודש האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ וואָרט־קאָנצערט פון בעל־היובל, און אַ וואָך שפּעטער מיט דער אויפפירונג פון ה. לייוויקס „דער פּאָעט איז בלינד געוואָרן". די ווייסליץ־פייערונגען האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַנקעט לכבוד דעם בעל־היובל.

* * *

די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה" גרייט צום דרוק אַ יידיש־אויסטראַלישן אַלמאַנאַך, מיט וועלכן די גרויסע יידישע קולטור־אינסטיטוציע אין מעלבורן וועט באַצייכענען איר 40־יאָריקע עקזיסטענץ.

דאָס דאָזיקע ווערק וועט געבן אַ פולן בילד פון היגן ישוב, פון זיין געשיכטע און קעגנוואַרט.

חוץ די אומצאָליקע פּובליציסטישע אַרטיקלען, אינפאָרמאַציעס וועגן יעדער יידישער אינסטיטוציע און געזעלשאַפט אין אויסטראַליע, וועט דער אַלמאַנאַך אויך אַנטהאַלטן אַ רייכע ליטעראַרישע אָפּטיילונג.

* * *

בער י. ראָזען פאַרטיקט אויס אַ בוך ליטעראַרישע פאָרטרעטן, אין וועלכע קומען אַריין אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן פון דער יידיש־ליטעראַרישער קינסטלערישער וועלט, ווי: נאָמבערג, ווייסענבערג, אַנסקי, דוד הערמאַן; להבדיל בין חיים למות: י. גרינבוים, ד"ר זאָמערשטיין; די קדושים: ה. צייטלין, א. קאַציזנע, צבי פּרילוצקי, ה. ערליך, הערשעלע א. אנד.



זיקער אַרמיי יידישע שרייבער? עס איז דאָך גענוג פאַר אים, אַז מען שרייבט אויף יידיש — אפילו אויף אַ שלעכטן...

פאַר מיר איז דאָס נישט גענוג...

איך האָב לענגער צוגעהערט אַ שמועס צווישן צוויי אויסטראַלישע יידן. איינער פרעגט דעם צווייטן: „האָסט שוין געלייענט שאָשקעסעס ,וועלט־רייזע'?" — ענטפערט אים דער צווייטער: „איך האָב קודם כל גענומען לייענען דאָס קאַפּיטל וועגן אויסטראַליע, אַ קאַפּיטל וואָס איך קאָן צום בעסטן אָפּשאַצן; און נאָכן דאָזיקן קאַפּיטל האָב איך שוין מער נישט באַדאַרפט לייענען..."

אַזוי וועל איך אויך מאַכן, כדי צו פאַרקירצן מיין אָפּשאַצונג פון ראָבאַקס „פרישן צוגאַנג צום ענין קיום יידיש": איך וועל ברענגען די אויסטראַלישע פּאָזיציע פון זיין כלאָפּסקן חשבון וועגן אונדזער ריזיק אויסגעוואָקסענעם שרייבערישן פאַרמעגן.

„אין אויסטראַליע איז דאָ אַ פיינע שרייבער־קאָלאָניע, עטלעכע גאַנץ באַוואוסטע נעמען. פון דעם וואָס איך געדענק אויפן קאָפּ וואָלט איך געשאַצט אַ 12־15 יידישע שרייבערס דאָרטן".

פריינד ראָבאַק האָט דאָ אַ טעות. איך מיין דאָ נישט דעם טעות זיינעם וועגן די עטלעכע גאַנץ באַוואוסטע נעמען, און וועגן די 12־15, בעת אַלע ווייסן אַז אין אויסטראַליע איז דאָ נאָר איין שרייבער (אַלס עדות וועל איך שטעלן דעם פּאָרזיצער פון דער קולטור־געזעלשאַפט, וואָס איז ביי ראָבאַקן אוודאי אַריינגעפאַלן צווישן די 12־15); איך מיין דאָ דעם טעות נישט פון פאַרגרעסערן די צאָל אויסטראַליש־יידישע שרייבער, נאָר דעם טעות פון פאַרקלענערן זיי... לויט ראָבאַקס מעטאָד וואָלט ער דאָ געקאָנט אָנרעכענען אַ סך מער ווי 15־20: סיי די עטלעכע אמתע שרייבער, וועלכע ראָבאַק קען נישט, סיי אומצאָליקע אַנדערע, וועלכע איך, צום באַדויערן, קען יאָ... דאָ שרייבן יידיש אַ סך מער ווי הונדערט!

אַן אַנדער פראַגע איז ווי זיי שרייבן. אָבער דאָס קימערט נישט ראָבאַקן. אין דער פּראָסטער אַריפמעטיק איז יעדער פלאָקן אַ איינס...

ווען מיר וואָלטן טאַקע פאַרמאָגט טויזנט שרייבער, וואָלט אונדזער טראַגעדיע געווען זיין נאָך גרעסער ווי זי איז איצט, ווייל מיר וואָלטן דאַן געווען פאַרמאָגט נישט קיין הונדערט (מאַקסימום!) פאַרצווייפלטע שעפער, נאָר טויזנט! ווייל ווי גרויס אַ קאָפּ זאָל נישט זיין — אויב ער זיצט נישט אויף אַ קערפּער, מיט וועמען ער איז אָרגאַניש פאַרבונדן, איז ער — דער קאָפּ — אַ טראַגישע דערשיינונג, אַ געשפּענסטער־האַפטע דערשיינונג.

געוויס האָט זיך אונדזער ליטעראַטור וואונדערלעך אַנטוויקלט אין משך פון בלויז פופציק יאָר; אָבער אין 1915 האָט די קלענערע ליטעראַטור געהאַט ריזיקע האָפענונגען; און היינט שטייט זי ביי אַן אָפּגרונט.

אָבער פריינד ראָבאַק טריאומפירט: ביים אָפּגרונט שטייט אַזאַ גרויסע מחנה שרייבער, אַז זיי פאַרשטעלן פאַר אים, מיט זייערע מערסטנטיילס פּרוכטלאָזע שרייבערישע צווייגן, דעם אָפּגרונט.

א. סטוצינסקי

## „פאַרמעטן פון פייער"

(סוף פון זייט 48)

שיקט אַ טיש. ער האָט איינגעשטעלט דעם טיש אויפן דראָט, זיך געשטעלט מיטן קאָפּ אויפן טיש און איז ווידער אַפּלאָדירט געוואָרן. האָט ער אַרויפגעשטעלט אַ שטול אויפן טיש, זיך ווידער געשטעלט מיטן קאָפּ אויפן שטול און האָט ווידער מצליח געווען. האָט מען אים דערלאַנגט אַ פילקע, האָט ער אָוועקגעלייגט די פילקע אויפן שטול, זיך געשטעלט מיטן קאָפּ אויף דער פילקע און די פיס אין דער הויך. דער זאַל האָט שטורמיש אַפּלאָדירט. אַזוי שטייענדיק מיטן קאָפּ אויף דער פילקע, האָט דער זשאָנגלער־עקוויליבריסט אַלס הויכפּונקט פון זיין סעאַנס אַרויסגענומען פון קעשענע אַ מיניאַטור־פידעלע און גענומען שפּילן. דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ שטורמישער אָוואַציע.

— ווי געפעלט דיר עפּעס? — האָט זיך געווענדעט אַ ייד צו זיין פריינד, מיט וועמען ער איז געקומען אין צירק.

— ווי ס'געפעלט מיר? צו יאַשאַ חפצן קומט ער נישט...

צי גייט דאָ ווירקלעך אין דעם באַצויבערנדיקן טאָן פון זשאָנגלערס פידעלע?

ניין, געוויס נישט.

ס'גייט אין דער מייסטערהאַפטער קאָאָרדינאַציע פון גוף, מוח און נערוו פון דעם זשאָנגלער, וואָס שטייענדיק מיטן קאָפּ אַראָפּ אויף אַ פילקע, וואָס איז געלעגן אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען אויף משקולת אויף אַ צירק־דראָט, האָט זיך נישט איינגעבראָכן און נישט פאַרענדיקט זיין לעבן אין תהום.

געוויס קומען נישט די לידער פון די יונגע העלדן־דיכטער צו די רייפע ווערק פון ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שמעונוביץ און אורי צבי גרינבערג, כאָטש ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז געציילטע פון זיי האָבן געהאַט באַדייטנדיקע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן אויסצוואַקסן אַלס קרעפּטיקע דיכטער. דאָס זעלבע וואָלט מען געקענט זאָגן וועגן די איבעריקע געביטן פון בוך. צי גייט דאָ אָבער אין דעם קינסטלערישן ווערק פון די שאַפונגען? — געוויס נישט!

ס'גייט דאָ אויסשליסלעך אין דער פיזישער און בעיקר גייסטיקער גבורה פון די יונגע העלדן, וואָס שטייענדיק פאַר אַ ריזיקן תהום, קוקנדיק דעם טויט אין פּנים אַריין טאָג־איין טאָג־אויס, האָבן זיי זיך נישט פאַרבראָכן און אַזוי אַרום אויסגעצויבערט און אויסגעקעמפט אַ ליכטיקע צוקונפט פאַר ישראל און פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

# אָפּקלאַנגען

## חסידות...

חסידות איז לעצטנס שטאַרק אַריין אין אונדזער לעבן. ראשית, האָבן מיר דאָ אין מעלבורן אַן אייגענע נטורי קרתא מיט אַ רבין, וואָס פּראַוועט טיש, ווי אין יענע גוטע צייטן.

לעצטנס איז ער אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. די סצענע פון באַגלייטן דעם רבין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ געשעעניש, וואָס די אויסטראַליער האָבן נאָך אַזעלכעס נישט געזען פאַר זייערע אויגן. צענדליקער חסידים, יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און בערד האָבן אים באַגלייט מיט ריקודים אונטערן פרייען הימל.

והשנית, זענען דאָ אַראָפּגעקומען מיטן לעצטן אימיגראַציע־שטראָם אייניקע משפּחות פון די ליובאַוויטשער חסידים, יידן וואָס האָבן געראַטעוועט זייערע לעבנס און זייער אמונה, און עוקר געווען פון רוסלאַנד.

אויך זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַ ביסל מער יידישקייט אין די חברות און תלמוד־תורות פון מעלבורן.

אָבער דער עיקר ווילן מיר דאָ פאַרצייכענען די געשעעניש פונם צוריקקער פון געוויסע קולטור־טוער צו חסידות: מען לערנט חסידות; מען האַלט לעקציעס וועגן חסידות; מען דערציילט מעשיות פון בעל־שם. פּשוט, מען קוויקט זיך מיט חסידות.

לרוב קומט עס פון יענע קרייזן, וואָס האָבן אַלע יאָרן בפועל ממש באַקעמפט די „יידישע פינצטערניש", געדרוקט צייטונגען אין יום הקדוש און באַקעמפט רעליגיע אַלס „אָפּיום פאַר די מאַסן"...

היינט האַלט מען לעקציעס וועגן חסידות אין שאָטן פון פאַרבלאַסטע רויטע פענער.

דער עיקר, ס'איז שווער זיך צו אָריענטירן, צי דאָס איז בלויז אַ מין גלאָריפיצירן דאָס אומגעבראַכטע און מיטן וואָרצל פאַרשניטענע יידישע לעבן, אָדער מען מיינט עס טאַקע אויפריכטיק — מען וויל זיך צוריקקערן צום חסידות.

עס דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז אונדזער יוגנט, וועמען ס'איז לחלוטין פרעמד אפילו די בענקשאַפט־געפילן פון אונדזער אויסגעוואָרצלטן דור, פאַרשטייט גאָר וויניק וועגן די שיטות פון ר' ישראל בעל־שם־טוב, מענדעלע קאָצקער און ר' נחמן בראַצלאַווער. זי, אונדזער יוגנט, נעמט לחלוטין נישט קיין שום אָנטייל אין דעם דאָזיקן שטודיום פון חסידות, וואָס איז לעצטנס אַזוי שטאַרק אַריין אין דער מאָדע אין אונדזער יידישן מעלבורן.

י. בן־בנימין

ב. ווארשאווסקי

# „אויסטראַליאַנאַ"

## (וואַריאַציעס אויף דער טעמע: אַסימילאַציע)

פון די קנאַפּע ניין מיליאָן אויסטראַליעס איינוואוינער מאַכן אויס די יידן אַן ערך אַ דאַלבן פּראָצענט. עס זעט זיך נישט פאָר זײַן דער נאָענטסטער צוקונפט, אַז די יידישע עדה אין אויסטראַליע זאָל פּראָצענטועל שטייגן. אין די אַכט נאָך־מלחמה־יאָרן איז די אַבסאָלוטע צאָל יידן אין לאַנד פאַרגרעסערט געוואָרן דורך אימיגראַציע מיט קרוב צוואַנציק טויזנט נפשות און דערגייט איצט ביז איבער פופציק טויזנט. פאַר דער זעלבער צייט זענען אָבער אַריינגעקומען אין לאַנד אַריין ביז 800 טויזנט נישט־יידישע איינוואַנדערער (פון וועלכע אַ העלפט זענען בריטישע). דער יידישער עמיגראַנטן־רעזערוואואַר איז כמעט שוין אויסגעשעפּט, בעת דער אַריינקום פון נישט־יידן (לײדער, איז עס אין דער לעצטער צייט אין אַ גרויסער מאָס — דייטשן) שטייגט כסדר. מוז מען דערפאַר אָננעמען פאַר פעסטגעשטעלט, אַז לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג־צאָל בון אויסטראַליע איז די טענדענץ פון היגן יידישן קיבוץ — אַראָפּצוואַקסן.

ביי אַזאַ צושטאַנד זענען די אויסזיכטן פאַר אַסימילאַציע, אָביעקטיוו גענומען, זייער גינציקע און צודינענדיקע. צאָלווינציקייט, דרוק פון סביבה, עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, רעלאַטיוו הויכער ניוואָ פון בילדונגס־וועזן און די לייכטקייט דערפון צו געניסן — דאָס איז בלויז אַ טייל פון די אָביעקטיווע באַדינגונגען, ביי וועלכע אַסימילאַציע געדייעט. די מלוכה, ווי אויך אַנדערע מאָסגעבנדיקע פאַקטאָרן טוען אַלץ, כדי דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס צוצואיילן. אמת, מען טוט עס נישט דראַסטיש, און אַודאי נישט רוי, מיט רשעות, אָבער דער פּראָצעס קומט פאָר.

עס קען זיין, אַז דאָס וועלן אַי אַריינקריגן וואָס מער אימיגראַנטן, וועלכע זענען אַזוי נויטיק פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון לאַנד, אַי דאָס נישט וועלן שאַפן דאָ אַ פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זענען בבחינת דעם טרעפלעכן ענגלישן פאָלקס־ווערטל פון וועלן גלייכצייטיק „האָבן דעם קוכן און עסן דעם קוכן".

עס איז שווער איצטער שוין צו מאַכן דעם פּראָגנאָז, ווי אַזוי אויסטראַליע וועט זיך נאַציאָנאַל אויסבילדן, האָבנדיק ביי זיך אַן אָנזעעוודיקן עלעמענט פון נישט־ענגלישע איינוואוינער. וואָס אונדז אינטערעסירט דאָ, איז דער נאַציאָנאַלער גורל פון יידישן מיעוט אין אויסטראַליע.

ווי געזאָגט, איז אָביעקטיוו די אַסימילאַציע אין אויפשטייג. בלייבט איבער — פאַר אונדז, וואָס ווילן זיך נישט אַסימילירן — זיך אַנטקעגנצושטעלן מיט סוביעקטיווע מיטלען. די דאָזיקע מיטלען קעגן אַסימילאַציע און זייער אינטענסיווקייט און שטאַרקייט, דאַרפן זיין וואָס שאַרפער און ראַדיקאַלער, נעמענדיק אין אַכט די ריזיקע ווירקונג פון די אָביעקטיווע באַדינגונגען.

וועלכע זענען אונדזערע כלי־זין? באַקאַנט: דאָס איינהאַלטן פון אייגענעם לעבנס־שטייגער, וועלטלעכע ווי אויך רעליגיעזע שולן אין אייגענער שפּראַך, אייגענע פּרעסע און פאַרלאַגס־וועזן, נאַציאָנאַלע דערציאונג פון דער יוגנט א. אַ. וו.; דער עיקר איז אָבער דער אייגענער טיפער, קאָמפּראָמיסלאָזער און דעצידירטער ווילן צו בלייבן אַ ייד ביי אַלע אומשטענדן. אויב עס איז נישטאָ אָט דער לעצטער באַדינג, איז אונדזער גאַנצער קאַמף פון פאָראויס אַ פאַרשפּילטער.

מיר קענען דעם גאַנצן אַרסענאַל פון ווערטער און לאָזונגען געצילטע קעגן אַסימילאַציע. מיר קענען אַלע לאָגישע — אויב לאָגיק האָט דאָ עפּעס צו טאָן — און אַלע מאָראַלישע און עטישע אַרגומענטן קעגן אַסימילאַציע. אָבער, עולם כמנהגו נוהג און די אַסימילאַציע, אין איר שמענדריקישער אָדער אַנדערער פאָרם, לאָזט זיך אויף אונדז ווי אַ היישעריק. מיטן „אונדז" איז געמיינט בלויז אַ קלײנער טייל פון אונדז, וואָס אַ רוב פון זעלביקן קליינעם טייל איז יוצא מיט אַ קאָפּשאָקל, מיט אַ קרעכץ. נישט בלויז מען איז נישט מיליטאַנטיש, פאַנאַטיש און קנאיש, נאָר מען איז שוואַכמוטיק און פאַרגעבעריש לגבי סביבה און אַ כל־שכן לגבי אייגענער משפּחה. די אַלע שיין־קלינגענדיקע דעוויזן קעגן אַסימילאַציע האָבן כמעט אַזאַ ווירקונג, ווי אַ פּלאַקאַט „רויכערן שטרענג פאַרבאָטן" אין אַ קלוב־זאַל האָט אויף אַן אַלטן רויכער...

מיר איז אַמאָל אויסגעקומען בייצוּוואוינען אַ פיינלעכע סצענע, ווי אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף־זעקס פרעגט איר מאַמע, צי ס'איז אמת, אַז זי, די מאַמע, איז אַ יידישקע. די מאַמע ווערט היפּשלעך צעטומלט און ענטפערט דעם קינד, אַז זי איז אַן אויסטראַליערין, ווייל זי איז דאָ געבוירן געוואָרן. דער „טשוואָק" פון דער דאָזיקער געשיכטע איז, וואָס דעם קינדס פראַגע איז געקומען נאָכן שפּילן זיך מיט אַנדערע יידישע און נישט־יידישע קינדער אין „באַהעלטעלעך" און דער פאַראַל איז געווען אַזאַ:

— ווער ס'זאָגט אַז דזשיסוס קרייסט (יעזוס קריסטוס) האָט באַשאַפן די וועלט, באַהאַלט זיך אויף רעכטס; ווער ס'זאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, באַהאַלט זיך אויף לינקס...

די „גאַס" האָט געפּסקנט דאָס, וואָס די מוטער האָט נישט געוואָלט — אַז דאָס דערמאָנטע מיידעלע באַהאַלט זיך אויף לינקס.

אונדזערע טאַטעס האָבן אונדז געמוסרט —און טיילמאָל געפּאַטשט—פאַר שמועסן בעת קריאת התורה; שבת און יום־טוב האָבן די טעכטער, — וואָס האָבן געהאַט אַ „קאָנצעסיע" צו רעדן פּויליש מיט די חברטעס — נישט געטאָרט רעדן אין שטוב קיין פּויליש, נאָר דווקא יידיש. דאָ הי הערן מיר עפּעס נישט, עס זאָל פאַר נישט רעדן יידיש דעם קינד, אָדער אייניקל, אַ האָר געקרומט ווערן מצד דעם יידישיסטישן פאָטער אָדער זיידע.

די ערשטע מידה, וואָס די „אויסגעגרינטע" רעקאָמענדירן אונדז איבערצונעמען ביי די אויסטראַליער, איז די מידה פון „טעיק איט איזי", ס'הייסט: נעם עס לייכט, נעם זיך נישט איבער. האַלטן מיר אָבער פון דער דאָזיקער מידה בלויז ביי אומבאַקוועמע סיטואַציעס, ווען ס'האַנדלט זיך אין אַרויסווייזן יידישקייט. דאָ נעמען מיר זיך נישט איבער. דאָ איז רעכט, אַז אַן אונדזעריקער, היימישער ייד זאָל צו דער בר־מצווה פון זיין בן־יחיד צונויפרופן



די יידישיסטישע עליטע און לאָזן זיין בחור האַלטן אַ פּשטל אין — ענגליש!

דאָ איז רעכט, אַז אַ ייִנגער בחור, אַ זון פון היימישע יידן, זאָל באַגאַטעליזירן דאָס וועלן איינהאַלטן יידיש אין אויסטראַליע, „אין אַן ענגליש־רעדנדיקן לאַנד", ווי ער שרייבט עפנטלעך אין אַ יידיש־ענגלישער צייטונג. דאָ איז רעכט, אַז אויף חתונות און לוויות — עס רעדט זיך, ווידער, וועגן יידישע מענטשן—זאָלן פעסטרעדעס געהאַלטן און לשון־קודשדיקע קאַפּיטלעך תהילים געזאָגט ווערן אויף — ענגליש.

אויפן אָרט פונם וואָרט „ענגליש" וואָלט מען פונקט אַזוי געקאָנט אַוועקשטעלן: „שפּאַניש", „פּאָרטוגעזיש" און דאָס איצטיקע אַרטיקל וואָלט געקאָנט הייסן „מעקסיקאַנאַ" אָדער „בראַזיליאַנאַ". די געבראַכטע און ווייטער קומענדיקע אילוסטראַציעס זענען נישט דווקא כאַראַקטעריסטיש פאַר אויסטראַליע.

אַז „יאַהודים" לאָזן נישט רעדן קיין יידיש אויף אויסשליסלעך יידישע פאַרזאַמלונגען, און דער פאָרזיצער מאָטיווירט דאָס דערמיט, וואָס „טאָמער וועט מען באַליידיקן דעם קינג", קאָן מען זיך נישט העלפן — כל־זמן מ'וועט זיי קלייבן פאַר פּרעזידענטן אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס. אָבער אין דעם פּרט זינדיקן אונטער גאַנץ געשמאַק אויך פאָלקסטימלעכע יידישע אינסטיטוציעס און מ'לעבט בשלום מיטן דאָזיקן צושטאַנד — דער דערמאָנטער „טעיק איט איזי".

אין דער היים האָט אָפט דער טאַטע בייזלעך אַ פרעג געטאָן: „און וואָס וועט זיין דער תכלית?" ס'האָט נישט געמיינט קאַריערע, פּרנסה, איינאָרדענען זיך. די פראַגע האָט געצילט אין האַרצן: וואָס וועט זיין מכוח יידישקייט? דאָ פרעגן נאָך אַזעלכע שאלות אַ קליינע צאָל פרומע עלטערן. מעג זייער פרומקייט זיין אַ משונהדיקע, אַ קרום־געוויקסיקע — עס איז נאָך אַלץ אַ כלי־זין קעגן אַסימילאַציע. אַקעגן, וועלטלעכע יידישקייט ברעכט זיך נישט דעם קאָפּ וועגן תכלית. אמת, די היגע „וועלטלעכקייט" איז נישט אַלעמאָל ערשטע פּראָבע וועלטלעך...

אַמאָל איז מען געווען אַ צבועק, אַ היפּאָקריט, ווייזנדיק זיך פרום כלפּי חוץ, בעת באַהאַלטענערהייט האָט מען געגעסן טריפות און גערויכערט אַ ציגאַרעטל אום שבת. היינט, אין די אויסטראַליעס, געשעט פאַרקערט... אויפן פּוץ איז מען וועלטלעך, אומרעליגיעז און בגנבה „זינדיקט" מען אונטער מיט פרומקייט. מען פּראַוועט בריתן, בר־מצוות און חתונות מאַכט מען דווקא אין סינאַגאָגע. איין גאָט ווייס, פאַרוואָס די דאָזיקע יידן שעמען זיך מיט זייער בידנע ביסל פרומקייט. אַז לאחר מאה ועשרים וועט ער סיי־ווי האָבן אַ ראַביי ביי דער קבורה (ער וועט חלילה נישט לאָזן קיין צוואה צו פאַרברענען אים אין קרעמאַטאָריום), און קדיש וועט מען אויך זאָגן. אָבער, ווי געזאָגט, אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר איז מען וועלטלעך, מען „שטיצט" יידישע קולטור. דאָס האָט צו זיין איינע פון די מיטלען אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע.

איז אָבער די מעשה, וואָס די קאַמפס־מיטלען זענען זייער שוואַכע, ווייל זייער ביליקע. פרומע יידישקייט קאָסט נאָך אַלץ אַ סך טייערער ווי וועלטלעכע. אַ כלי־קודש אין די אַמעריקעס, אַפריקעס און אויסטראַליעס איז נאָך אַלץ אַ פיינער בעל־פּרנסה און לעבט זיך בעסער און בכבודיקער אין פאַרגלייך מיט זיין וועלטלעכן, גלייכווערטיקן „כלי־חול".

איז וואָס וועט זיין דער תכלית?...

* * *

כ'ווייס באמת נישט פון אַ חיזוק, פון אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן דעם אָפּוועהר קעגן דער אַסימילאַציע. נישט בלויז קעגן דער אַסימילאַציע וואָס קומט פון די אויבן געבראַכטע אָביעקטיווע באַדינגונגען, נאָר קעגן דער אַסימילאַציע, וואָס קומט ווי אַ פּועל־יוצא פון אונדזער שוואַכער קעגנווירקונג. אָבער איך ווייס פּאָזיטיוו, אַז מיר וואָלטן געקענט פיל מער אויפטאָן ווי מיר טוען עס פּאַקטיש.

בפרט, ווען געוויסע גרופּן צווישן דער אויסטראַלישער אינטעליגענץ זענען גאָר נישט אַזוי שטאָל־און־אייזן פאַר אַסימילאַציע, און אוודאי נישט פאַר בעל־כרחודיקער אַסימילאַציע, אפילו נישט פאַר אַ מאָראַלישן דרוק אין דער ריכטונג.

ווען אויסטראַליער רעדן וועגן אַסימילירן די הונדערטער טויזנטער „נייע אויסטראַליער", האָבן זיי ליב צו באַנוצן זיך מיטן אויסדרוק "Australian way of life" ד. ה. „אויסטראַלישער לעבנס־שטייגער". אין דער אויסטראַלישער פּרעסע און אין באַזונדערע פּובליקאַציעס ווערט פיל וועגן דעם גערעדט. אויך „אויסגעגרינטע" יידן פלעגט אָפט קומען מיט עצות צו די נייע־איינגעוואַנדערטע „גלויבנס־גענאָסן" און געבן אָנווייזונגען וועגן זייער נייער היגער התנהגות. די לעקציעס האָבן אָפטמאָל אָנגענומען אויסטערלישע און גראָטעסקע פאָרמען. די ערשטע כפּרה איז געווען דאָס יידישע לשון, וועלכעס מען האָט פאַרפּאַסקודזשעט מיט פאַרקריפּלטע אַנגליציזמען און אויסטראַליזמען. שפּעטער איז מען געוואָרן „אויסטראַליש" אין דער הלבשה, אויסמעבלירונג פון די וואוינונגען און אין די פערזענלעכע פירעכצער און זשעסטן, וועלכע האָבן דעם בעל־דבר פאַרשאַפט ווינציק חשיבות אין די אויגן פון די אמתע אויסטראַליער. איצט, געלויבט השם יתברך, שטייען שוין אָפּ די אַלטע תושבים פון לערנען די נייע־אָנגעקומענע, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט לעפל־גאָפּל־מעסער און ענלעכע „אויסטראַלישע" זיטן. אָבער די אַלגעמיינע טענדענץ ביי די נייע־אָנגעקומענע — וועגן יידן רעדט זיך דאָ — איז וואָס גיכער זיך „אויסצוגרינען". זיי מיינען דורך דעם צו פאַרבעסערן די אייגענע מערכה און וואוילצוגעפעלן דער גויאישער סביבה.

„אויסגרינען" זיך הייסט דאָך צופּאַסן זיך צום אויסטראַלישן לעבנס־שטייגער. זאָגן גאָר אָנגעזעענע אויסטראַליער, אַז עס איז נישטאָ בכלל אַזאַ זאַך ווי „אויסטראַליען וועי אָף לייף". מיר רעקאָמענדירן אויף דעם געביט די עסייען פון פּראָפעסאָר וואָלטער מערדאָך. אַן אָפּהאַנדלונג פון וו. ע. ה. סטענער אין דער זאַמלונג "Taking Stock" (אַרויסגעגעבן דורך וו. אוטערסאָן) פאַרנעמט זיך ברייטער מיט דעם ענין.

די גאַנצע שיטה פון „אויסטראַלישן לעבנס־שטייגער" ווערט אויסגעחוזקט. סטענער איז זיך מודה, אַז ער ווייסט פּשוט נישט וואָס דאָס מיינט.

אין דעם זעלביקן זאַמלבוך איז אויך דאָ, צוו. אַנד., אַ ביז גאָר באַלערנדיקער אַרטיקל: „נייע און אַלטע אויסטראַליער" פון וו. ד. באָררי. איידער מיר ציטירן באָררין, האַלטן מיר, אַז ס'איז אויפן אָרט צו דערציילן אונדזערע לייענער, אַז אין קאַנבעראַ, דער הויפּט־שטאָט פון אויסטראַליע, איז לעצטן יאַנואַר פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון צוויי הונדערט אָרגאַניזאַציעס אונטערן נאָמען „אויסטראַלישע קאָנווענץ פאַר בירגער־רעכט".

די דאָזיקע קאָנפערענץ, וועלכע קומט זיך צונויף יעדעס יאָר, האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צוצואיילן די אַסימילאַציע פון די א. ג. „נייע אויסטראַליער". עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו געבן גרויס פּובליסיטי זייער קאַמפּיין און אויפקלערן די נייע־געקומענע די וויכטיקייט פון אַסי־

טעמפּט, אַז מען פילט זיך שוין אינגאַנצן נישט פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון כלל און „ביזנעס כנגד הכל" איז געוואָרן דער הויפּט־שלאַגער סיי ביי די „אַלטע", וועלכע באַרימען זיך, אַז זיי האָבן דאָ געטאָן אַ סך קולטור־אַרבעט, און סיי ביי די „נייע", וועלכע רעדן זיך איין, אַז זיי זענען כולו תכלת...

ביישפּילן קען מען ברענגען זייער און זייער אַ סך. אָבער דער הויפּט־ביישפּיל, דער רעאַלער ביזנעס־ביישפּיל, איז דאָס ברענגען דורך היגע יידן דייטשע סחורות. און דער אייפער, מיט וועלכן זיי פאַרשפּרייטן און פאַרקויפן די דייטשע סחורה איז שוין אפילו פאַר יידן, וואָס זענען צו אַלץ גלייכגילטיק, אַ ביסל צופיל און עס וואָלט נישט געשאַדט צו טומלען וועגן דער דאָזיקע יידישע אַגענטן פון דייטשע סחורות אַזוי פיל וויפיל מען טומלט וועגן דער דייטשער אימיגראַציע. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נישט מיט אַ געפיל פון מוקצה מחמת מיאוס ווערן אויפגענומען די דאָזיקע „מעיד אין דזשערמעני"־יידעלעך, נאָר מיט אַ געפיל פון קנאה, וואָס זיי, די דאָזיקע פּיפּיקע אַגענטן פון דייטשע סחורות, האָבן זיך געכאַפּט און קענען די קונץ פון „ביזנעס בעפאָר מיין טאַטע און מיין מאַמע" בעסער ווי אַנדערע...

צי איז טאַקע אַלץ הפקר? איז טאַקע לית ולית דיין?

א גראָדנער

# דער יידישער שרייבער־פאַראיין אין מעלבורן

## טעטיקייטס־באַריכט

דער זאַמען פון אַ שרייבער־פאַראיין איז געפאַלן אויפן אויסטראַלישן באָדן אין די פערציקער יאָרן. נאָר ווייזט אויס, אַז דער באָדן איז נישט געווען גינסטיק און ערשט מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָט זיך באַוויזן אַן אַרבעטס־פעאיקע גרופּע אונטערן נאָמען „יידישער שרייבער־פאַראיין".

אויב מיר זאָלן אַנאַליזירן דעם באַגריף „פאַראיין" (אוניאָן), וועט עס נישט שטימען מיט דער ווירקלעכקייט. וואָרום בלויז צוויי מיטגלידער פון פאַראיין נוצן אויס זייערע שרייבערישע קענטענישן ווי אַ באַרוף. דעריבער איז עס גיכער אַ פאַרבאַנד פון פען־קאָלעגן.

אין די ערשטע מאָנאַטן פון זיין אויפלעבונג, איז דעם פאַראיין אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף צוליבן באַזייטיקן פריינד ראַפּאָפּאָרטן פונם רעדאַקטאָר־פּאָסטן אין דער וואָכן־צייטונג „די אויסטראַלישע יידישע נייעס". צו יענער צייט איז דעם פאַראיין געלונגען צו מאָביליזירן גענוגנד אַ צאָל פון פערציק פערזאָן, וואָס ווירקן אויס זייער איינפלוס אין מעלבורן. דער פאַראיין האָט אַרויסגעלאָזט אין דעם ענין אַן אויפרוף און געפירט איבער אַ צענדליק זיצונגען און פאַרהאַנדלונגען.

איצט, נאָך צוויי יאָר, קענען מיר אונטערציען דעם טרויעריקן סך־הכל, און פעסטשטעלן: דער פאַראיין איז געבליבן איינזאַם אין זיין קאַמף, וועלכן ער האָט נאָך ביז היינט נישט אויפגעגעבן; כאָטש מיר גיבן אָפּ זיך אָפּ אַ חשבון, אַז מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אים צו געווינען. אונדזער מאָראַלישער געווינס באַשטייט אָבער אין דעם, אַז דורכן פילטער פון קאַמף האָבן מיר באַקומען אַ באַשטייגרופּע, וועלכע פאַרמאָגט אַ מאָראַלישן כוח און ברעכט זיך נישט.

פיר מיטגלידער פון פאַריין זענען אַרויסגעטרעטן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק, וועגן מיטאַרבעט אין „די יידישע נייעס".

דער פאַראיין האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון די דאָזיקע געשעענישן און איז צוגעטראָטן צו דער אייגנטלעכער אַרבעט פון אַ פרייוויליקן פאַרבאַנד פון פען־קאָלעגן.

די ליטעראַרישע דיסקוסיע־אָוונטן אָדער פרייטיק־צונאַכטסן האָבן אַריינגעבראַכט אַ היימישע, פריינטלעכע אַטמאָספער.

ביז איצט זענען פאָרגעקומען צען צוזאַמענטרעפן, אויף וועלכע עס האָבן פאָרגעלייענט זייערע אַרבעטן (לויט דער ריי):

י. ראַפּאָפּאָרט — תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס;

י. קאַהאַן — מענעדעלע מו"ם (עסיי);

י. שפּערלינג — צו שפּעט (דערציילונג).

א. פּשעדבאָרסקי — דער פאַרמעסט (דערציילונג).

י. אָרבאַך—„משה" פון ש. אַש (עסיי).

מ. אייזענבוד — צוויי שוועסטער (דערציילונג).

ג. שאַיאַק — איך בין אַ ייד (דערצ.).

י. אָרבאַך — דאָס געטשקעלע (סקיצע).

י. ראַפּאָפּאָרט — וועגן יזהרס דערציילונגען (רעצענזיע).

י. שפּערלינג — דער תיקון פון אַ ניגון (דערציילונג).

מ. אייזענבוד — אַדאַ (דערציילונג).

אויסער די אויבנדערמאָנטע אַרבעטן, אַרום וועלכע עס האָט זיך געפירט אַ חבריִשער מיינונגס־אויסטויש, זענען באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן און פּראָבלעמען, אין רעזולטאַט פון וועלכע עס דערשיינט דער איצטיקער זשורנאַל.

אויף זיין טעטיקייטס־רעקאָרד האָט נאָך דער פאַראיין צו פאַרצייכענען:

35 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט פון י. ראַפּאָפּאָרט (יובל־באַנקעט איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט דער „קדימה").

צוזאַמענטרעף מיט דער דיכטערין פון ישראל מלכה לאָקער (עפנטלעכער ליטעראַרישער אָוונט).

רעפעראַט פון י. ראַפּאָפּאָרט: ניי־דערשינענע ביכער.

לאָמיר האָפן, אַז מיטן אָנהויבן דערשיינען פון זשורנאַל, וועט זיך אָנהויבן אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור אין אויסטראַליע, און דער זשורנאַל וועט קענען ווערן דער קערן אַרום וועלכן עס וועלן זיך גרופּירן די בעסטע שעפערישע כוחות אויפן היגן קאָנטינענט.

**פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס און פּערזאָנען האָבן זיך פרייוויליק באַשטייערט און דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון די „מעלבורנער בלעטער"**

געזעלשאַפטן

וואַרשעווער צענטר, מעלבורן — 25 פונט
ראַדאָמער צענטר, מעלבורן — 10 פונט

סידנעי

יהודה שאַיאַק 25 פונט
מ. בענעט 5 פונט

מעלבורן

צו 5 פונט: ל. פינק, ג. שאַיאַק, א. פּשעדבאָרסקי, י. שפּערלינג, לאַזאַר סוכאָוואָלסקי, י. באַראָן, וו. דייוויס, מ. סילמאַן, ה. פּאַלוך, יצחק קאַהאַן.

צו 3 פונט: י. אָרבאַך, י. זאַקס, א. קויפמאַן, ד. פּראַוועער, קלמן שאַרפּ.

צו 2 פונט: ל. קאַלמאַנאָוויטש, ד. קאַגאַן, ע. פרענקעל, ה. באַכראַך, א. ראָזענבעם.

צו 1 פונט: פּ. אַלבערט, עלעק שאַרפּ, הערשל שאַרפּ, אברהם שאַרפּ, פּנחס שאַרפּ, א. דאָמיניעץ, י. פלינקער, ב. סאַפּיר, י. זמוד, ר. שניידער, ח. ראָכאַווין, י. ווייסמאַן, ג. ליגומסקי, י. ראָכאַווין, י. פּאָל (30 שילינג).



## יידישע אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס, פירמעס און פּריוואַטע פּערזאָנען!

שיקט צו אייערע באַגריסונגען אין דעם

# יידיש־אויסטראַלישן זאַמלבוך

וואָס די „קדימה" גיט אַרויס צו באַצייכענען איר פערציקסטן יובל!

אַבאָנירט דאָס גרויסע ווערק, וואָס וועט זיין אַן אומאויסשעפּבאַרער מקור פון אינפאָרמאַציע וועגן יידיש אויסטראַליע און אַ טייער אָנדענק־בוך אין יעדן יידישן הויז!

### דער יידיש־אויסטראַלישער זאַמלבוך וועט אַנטהאַלטן:

- צענדליקער אַרטיקלען וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען פאַרבונדן מיטן היגן ישוב.
- גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן אַלע היגע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.
- הונדערטער פאָטאָגראַפיעס פון היגע יידישע פאַרדינסטפולע טוער און פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון היגן ישוב.
- אַ רייכע ליטעראַרישע אָפּטיילונג פון שאַפונגען פון אונדזערע שרייבער.
- אַן ענגלישע אָפּטיילונג, וואו עס וועלן געדרוקט ווערן די וויכטיקסטע אַרטיקלען.
- דאָס ווערק וועט אַרויסגעגעבן ווערן אין אַ גרויסן בוך־פאָרמאַט פון 600-700 זייטן אויף לוקסוס פּאַפּיר.

נענטערע אינפאָרמאַציעס וועגן אַלע ענינים, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן יידיש־אויסטראַלישן זאַמלבוך צו באַקומען אין סעקרעטאַריאַט פון „קדימה", 840 לייגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן, מעלבורן, אויסטראַליע.

### אכטונג יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין אויסטראַליע!

יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין אויסטראַליע, וועלכע האָבן נאָך נישט צוגעשיקט דער „קדימה" זייער מאַטעריאַל צום זאַמלבוך (אַ קורצע געשיכטע פון אַנטשטייאונג און טעטיקייט, ווי אויך פאָטאָגראַפיעס), ווערן געבעטן דאָס צו טאָן ווי אַמשנעלסטן.

# C. D. C. Co.

Wholesale Drapers & Manufacturers of "Bestwear"

Suits, Frocks, Skirts & All Kinds of Knitted Outerwear

3rd Floor, 167 Flinders Lane, Melbourne, C.1 Phone: FA 8291

---

# Panama Trading & Manufacturing Co.

**231 Russell Street, Melbourne, C.1 Phone: FB 1532**

— גרעסטער אויסוואַל פון אַלערליי גאַרנס —

---

# NOBILITY MODES

*Manufacturers of High-Class Frocks*

**231 LATROBE STREET, CITY. FB 3938.**

באַגריסן די „מעלבורנער בלעטער" צו זייער דערשיינען

---

# The New Embroidery Co.

169 Lonsdale Street, City Phone: FB 2954

---

# *J. P. O. Trimming Co.*

*All Kinds of Shoulder Pads*

**73 PAKINGTON STREET, ST. KILDA LA 8144, LU 6422**

---

# DUNNE BROS.

Men's Clothing Manufacturers — High-Class Men's Garments

***104 Franklin Street, City Phone: FJ 6548***

באַגריסן די „מעלבורנער בלעטער" צו זייער דערשיינען

---

# *Plaza Drapery Store*

*Lingerie — Hosiery — Knitwear*

אייגנטימערס: א. און ה. באַכראַך

*405 High Street, Northcote Phone: JW 2379*